STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09736

DI TSIENISTISHE ARBETER-BAVEGUNG IN POYLN 1918-1939

N. Kantorowicz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. קאַנטאָראָוויטש

* * * *

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן

אינהאַלט:

אַריינפיר ... 3
פועלי ציון (צ. ס.) ... 4
פוילן אין דער „דריטער עליה" ... 11
די פאַראייניקונג פון צ. ס. צעירי ציון מיט די רעכטע פועלי ציון און די שפּאַלטונג פון
פועלי ציון (צ. ס.) ... 14
דער אָנשלוס פון „דרור" ... 15
דער וואַל־קאַמף צום סיים אין 1930 און דער בלאָק מיטן „בונד" ... 18
די שול־ און קולטור־טעטיקייט און די גרינדונג פון „שול־קולט" ... 20
די פאַראייניקונג פון „אחדות העבודה" מיטן „הפועל הצעיר" און די שפּאַלטונג פון „מפאי" ... 23
די גרינדונג פון דער טאָג־צייטונג „דאָס וואָרט" ... 26
אויפשוואונג אין דער באַוועגונג ... 29
די אַרבעט אין פוילישׂ און דער צ. ס. אַקאַדעמישער קרייז; „העובד"; „הפועל" ... 31
די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון פועלי ציון ... 33
„פרייהייט" — „דרור" ... 34
„התאחדות" ... 35
די לינקע פועלי ציון ... 37
„השומר הצעיר" ... 41
„החלוץ" ... 43
די ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל ... 46
די א"י־קאָנפערענץ אין פוילן ... 47

„דאָס וואָרט" ... 49
החלוץ און דער וואוקס פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג ... 59
דער 18טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין פּראָג ... 62
„דאָס נייע וואָרט" ... 93
דער פּלאַן פון דער פּיל־קאָמיסיע וועגן צעטיילן ארץ־ישראל ... 106
דער 20סטער ציוניסטישער קאָנגרעס ... 109
„פאָלקסוואָרט" ... 117

זוכצעטל פון נעמען ... 119
זוכצעטל פון ערטער ... 125

אַריינפיר

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם זעלבשטענדיקן פּוילן האָט איינגעשלאָסן פאַרשידענע אידעאָלאָגישע גרופּירונגען. זי האָט אַנטהאַלטן פון איין זייט אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געשטאַנען אין קעגנערשאַפט צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און זענען בכלל געשטימט לינק. אָבער אַפילו צווישן אָט־די ראַדיקאַלע גרופּן ווי די לינקע פּועלי־ציון און דעם „השומר־הצעיר“, וואָס האָט זיך ערשט שפּעטער אַנטוויקלט צו זיין לינקער שטעלונג, איז געווען אַ טיף־גייענדיקער אונטערשיד אין זייער באַציאונג צום גלות און צו דער אַזוי־גערופענער שפּראַכן־פראַגע. אויפן צווייטן עקסטרעם אין דער באַוועגונג האָט זיך געפונען „התאחדות“, וואָס איז בכלל ניט געווען געשטימט סאָציאַליסטיש און האָט זיך אַליין באַטראַכט נאָר אַלס יידישע אַרבעטס־פּאַרטיי.

צווישן די ביידע עקסטרעמען האָט זיך געפונען פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.) און אויך דער רוב פון „החלוץ“, וואָס זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם און ניט געטיילט די קעגנערשאַפט צו אים, פון דעם לינקן און אויך פון רעכטן פליגל פון דער באַוועגונג.

די אַלע אויסגערעכנטע פּאַרטייען האָבן אויך געהאַט זייערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט־קלובן, בילדונגס־געזעלשאַפטן אאַ״וו. און האָבן, צוזאַמען מיט זיי געבילדעט די פאַרשידנפאַרביקע און ברייט־פאַרצווייגטע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן.

הצד השווה צווישן די אַלע באַזונדערע טיילן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג איז, וואָס זיי אַלע זענען געווען ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און זענען, אין אונטערשיד פון אַנדערע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, געווען פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, און באַזונדערס מיט דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, שטיצנדיק אירע העראָאישע באַמיאונגען ביים אויפשטעלן דעם יידישן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן געבראַכט צו דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

אָבער אויך אין באַצוג צו דער אַרבעט אין ארץ־ישראל און דעם ציוניזם זענען געווען אונטערשידן צווישן די באַשטאַנד־טיילן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. די גרעסטע מערהייט פון דער באַוועגונג, מיטן אויסנאָם פון די לינקע פּועלי־ציון, איז געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון „אַקטיוון ציוניזם“, דאָס הייסט זי האָט זיך באַטייליקט אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן, געאַרבעט פאַר די א״י־פאָנדן און מיטגעאַרבעט מיט דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג אויפן פּאָליטישן און פינאַנציעלן געביט פאַרן אויפבוי פון יידישן צענטער אין א״י. נאָך טיפער איז געווען זייער מיטאַרבעט

מיט דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט און איר הסתדרות. פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.), „השומר־הצעיר", „התאַחדות" און „החלוץ", צו־זאַמען מיט זייערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער חלוצישער עליה קיין א"י, און האָבן געפירט די פיזישע און גייסטיקע הכשרה פון דער יידישער יוגנט פאַר עלייה און אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין לאַנד, ווי אויך געשטיצט די הסתדרות אין אַלע אירע אונטערנעמונגען. זיי אַלע האָבן געאַרבעט דורך דער הסתדרות און מפא"י פאַרן אַרבעטער־ציוניזם, באַטראַכטנדיק אים אַלס רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, וואָס דאַרף ניט בלויז איבערפלאַנצן די יידישע יוגנט און אַרבעטער־מאַסן קיין א"י, נאָר אויך איבערשיכטן און קאָלאָניזירן זיי אין לאַנד אויף די יסודות פון קאָלעקטיווער אַרבעט און סאָציאַלן יושר.

אין דער הינזיכט איז די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן געגאַנגען אין די פוס־טריט פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט אין א"י, מיט וועלכע זי איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן.

די כוחות־פאַרהעלטעניש אינערהאַלב דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען לכתחילה גינסטיק פאַרן לינקן פליגל, די לינקע פּועלי־ציון. אין די 30ער יאָרן האָט זיך די פאַרהעלטעניש געענדערט לטובת די פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.) ווי אויך לטובת „החלוץ", וואָס איז באַזונדערס געוואַקסן פאַרן קריג.

פּועלי־ציון (צ. ס.)

וועגן ד"ר נחמן סירקין ווערט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל כאַראַקטע־ריזירט פּועלי־ציון אַלס די באַוועגונג אין יידישן לעבן, וואָס האָט געצויגן „אָדער"ן. ביז פּועלי־ציון פלעגט מען אויף דער יידישער גאַס זאָגן: גלות אָדער ארץ־ישראל, — איז געקומען פּועלי־ציון, האָט אַרויסגעצויגן דעם „אָדער" און עס איז געוואָרן גלות און ארץ־ישראל; ביז פּועלי־ציון פלעגט מען אויך זאָגן, יידיש אָדער העברעאיש, — איז געקומען פּועלי־ציון און האָט ווידער אַרויסגעצויגן אַן „אָדער" און געמאַכט יידיש און העברעאיש; און ענדלעך האָט פּועלי־ציון אויך אַרויסגעצויגן דעם „אָדער" וואָס איז פריער געווען צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם, און אַנשטאָט ציוניזם אָדער סאָציאַליזם, איז געוואָרן ציוניזם און סאָציאַליזם.

מיר ברענגען עס, כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דער באַוועגונג פון פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.), וואָס איז געווען טעטיק צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין פוילן, און האָט זיך דאָרטן ביסלעכווייז אַנטוויקלט צו איינער פון די וויכטיקסטע כוחות. די דאָזיקע באַוועגונג האָט עס, ווי דער־מאָנט, געשטרעבט צו פאַראייניקן אין איר פּראָגראַם און טעטיקייט ארץ־ישראל און גלות, יידיש און העברעאיש, ווי אויך דעם ציוניזם און סאָציאַ־

ליזם. איז אויב אין די ערשטע צוויי האָט מען ניט איינגעזען קיין שום סתירה, האָט אָבער אַ סתירה לייכט געקענט געפונען ווערן אין „ציוניזם און סאָציאַליזם". אויב דער ציוניזם האָט גערופן צום אַחדות אין יידישן פאָלק, צו אַ געמיינזאַמען נאַציאָנאַלן פראָנט און כלל־ישראל־פּאָליטיק פאַר אויסקעמפן דעם יידישן צענטער אין א"י, האָט דאָך דער סאָציאַליזם, אין זיין אָנגענומענער, געוויינלעכער פאָרעם, גערופן צום קלאַסן־קאַמף פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט קעגן יידישן בירגערטום, צו אַן איינהייטלעכן פראָנט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט מיטן אַרבעטער־קלאַס פון אַנדערע פעל־קער, פאַרן קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג. כלל־ישראל־פּאָליטיק לאָזט זיך ניט פאַרן מיט קלאַסן־פּאָליטיק. איינס שליסט אויס דאָס אַנדערע — האָבן געטענהט די אָנהענגער פון פּסוק: ציוניזם אָדער סאָציאַליזם.

פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.) האָט גובר געווען אָט־דידאָזיקע סתירה דורך דעם, וואָס זי האָט אָנערקענט אַז די יידישע, ס'רוב אורבאַני־זירטע מינדערדהייט, האָט זין אויסקריסטאַליזירט לויט סאָציאַלע, צעשיידנ־דיקע קלאַסן־ליניעס, — דאַרף דער פּאָליטישער און סאָציאַלער קאַמף פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן געפירט ווערן לויט קלאַסן־ליניעס, האַנט אין האַנט מיט אַלע אַנדערע יידישע אַרבעטער און מיט דער גאַנצער אַרבעטער־שאַפט פון לאַנד; אָבער אויפן געביט פון ציוניזם, וואו עס האַנדלט זיך וועגן די ספּעציפישע אינטערעסן פון דער יידישער מאַסע, וועגן זייער איי־גענעם דראַנג און שטרעבונג פאַר פולער, נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, דורך שאַפן פאַר זיך אַ געזונטן אַרבעטער־צענטער אין א"י — דאַרף דער קאַמף גיין לויט אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע ליניעס, צוזאַמען מיט די אַנדערע קלאַסן פון יידנטום, וואָס זענען פאַר אַ יידישער א"י.

אַזויאַרום האָט פּועלי־ציון (צ. ס.) נאָכגעפאָלגט אין איר פּאָליטישער און סאָציאַלער אַרבעט אין פּוילן דער קלאַסן־ליניע, גערופן די אַרבעטער צום קאַמף קעגן דער הערשנדיקער אָרדענונג, געשטרעבט צו אַרבעטער־ליסטעס ביי וואַלן און צוגלייך אָנגענומען אַלע כללים און מיצוות פון דער ריין־ציוניסטישער אַרבעט, זיך באַטייליקט אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע פּאָליטישע און געלט־אַקציעס פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. פּועלי־ציון (צ. ס.) איז גלייכצייטיק גע־ווען ראשה ורובה פאַרטאָן אין דער אַרבעט פון „החלוץ" און אין אַלע אַנדערע אונטערנעמונגען פון דער אָרגאַניזירטער א"י־אַרבעטערשאַפט.

צו דער צייט ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק האָבן זיך אין פּועלי־ציוניזם אויסקריסטאַליזירט צוויי ריכטונגען. די מאַרקסיסטיש־באָראָ־כאָוויסטישע, וואָס איז בכלל געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, האָט געהאַלטן, אַז דער ציוניזם וועט רעאַליזירט ווערן דורכן „סטיכישן פּראָצעס" וואָס וועט באַוועגן די דעקלאַסירטע יידישע מאַסן צו זוכן זייער „סטראַטעגישע באַזע" אין א"י. קיין א"י וועט, בכן, פליסן דער יידישער קאַפּיטאַל, וועמען עס וועלן נאָכפאָלגן די דעקלאַסירטע און פּוי־

פּריוויזירטע יידישע מאַסן, און די אויפגאַבע פון פּועלי־ציון וועט זיין בלויז צו באַוואַכן אָט־דעם אַנקומענדיקן פּראָצעס און ריכטן אים לויט די ליניעס פון אַלגעמיינעם פּראָלעטאַרישן קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג.

אין קעגנזאַץ צו אָט־דעם מאַרקסיסטיש־באָראָכאָוויסטישן קוק, האָט נחמן סירקין אַנטוויקלט זיין שיטה, לויט וועלכער די יידישע בורזשואַזיע, וואָס אַסימילירט זיך מיט דער אַרומיקער וועלט, איז ניט פאַראינטערעסירט אין ציוניזם, וואָס איז קודם־כל אַ באַוועגונג פון די פאַראָרעמטע יידישע מאַסן, וועלכע קענען געהאָלפן ווערן דורך אַ נאַציאָנאַלער אָנשטרענגונג און דורך נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלן, וואָס זייער אינוועסטיציע אין לאַנד וועט עס דער־מעגלעכן אַ קאָלאָניזאַציע פאַר און דורך די יידישע מאַסן און וועט רעאַלי־זירן דעם ציוניזם.

די ביטערע דערפאַרונג פון די מענטשן פון דער „צווייטער עליה" אין א"י, וואָס האָבן זיך ניט געקענט איינוואָרצלען אין דער פּריוואַטער לאַנד־ווירטשאַפט, וועלכע האָט געזוכט דווקא די ביליקע אַראַבישע אַרבעט, — האָט זיי איבערצייגט אין דער אילוזאָרישקייט פון וועלן בויען דאָס לאַנד דורכן פּריוואַטן קאַפּיטאַל און פון וואַרטן אויף דער „סטיכישער עמיגראַ־ציע", וואָס דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל וועט, זיכער, ניט פאַראורזאַכן. די אַרבעטער אין לאַנד, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו קאָאָפּעראַטיווער, איי־גענער קאָלאָניזאַציע אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע און אויפגעשטעלט „דגניה", האָבן דאַן אויך געוואָרפן דעם געדאַנק פון דער חלוצישער עליה פון דער יידישער יוגנט און אַרבעטערשאַפט קיין א"י. דער ענטפער, וואָס איז געקו־מען פון גלות, מיט דער גרויסער חלוצישער באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַ־נען אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917 און די אויסשפּריי־טונג פון חלוציזם אויף אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט, ווי באַקאַנט, געבראַכט צום קאַפּיטל פון דער דריטער עליה (1918—1924). צום פּאָליטישן און פּראַקטישן ציוניזם פון דער „הערצל־תקופה" איז דאַן צוגעקומען דער חלוצישער און אַרבעטער־ציוניזם פון „הגשמה עצמית" און פון בויען דאָס לאַנד אויף יסודות פון סאָציאַלער גע־רעכטיקייט.

*

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אירע ערשטע שריט אָנגע־הויבן שטעלן אונטערן צייכן פון שפּאַלטונג. די יאָרן 19־1918, ווען פּוילן איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים, זענען, ווי באַקאַנט, געווען שטורמישע יאָרן אין דער געשיכטע פון אייראָפּע. איבער דעם „אַלטן קאָנטינענט", וואָס איז נאָר־וואָס אַרויס פון די חורבנות פון ערשטן וועלט־קריג, האָט זיך גע־טראָגן דער שטורעם פון רעוואָלוציעס און נאַציאָנאַלע איבערקערענישן. די כוואַליע שפּאַלטונגען, וואָס האָט זיך דאַן געטראָגן איבער די אייראָפּעאישע אַרבעטער־פּאַרטייען, האָט אויך ניט אויסגעמיטן די ציוניסטישע אַרבעטער־

באַוועגונג אין פּוילן. וועגן דער שפּאַלטונג צווישן די פּועלי־ציון אין יאָר 1920 אין ווין, איז שוין זייער פיל געשריבן געוואָרן. דאָקעגן איז גאַנץ ווייניק באַקאַנט די סדרה שפּאַלטונגען צווישן די צעירי־ציון, וואָס איז אומ־געפער אין דערזעלביקער צייט פאָרגעקומען סיי אין רוסלאַנד, סיי אין פּוילן. אמת, די שפּאַלטונגען ביי די צעירי־ציון זענען פּאַראורזאַכט געוואָרן ניט דורך דער שטעלונג צו דער נייער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטי־שער באַוועגונג, וואָס האָט דאַן, ווי באַקאַנט, געזיגט אין רוסלאַנד. ביי צעירי־ציון איז די שפּאַלטונג אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער שטעלונג צום סאָציאַליזם און צום סאָציאַלן קאַמף פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־שאַפט. טראָץ די פילע באַמיאונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן סיי אין רוסלאַנד, סיי אין פּוילן איינצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אייניקייט פון דער שטאַרק־צעוואַקסענער דאַן צעירי־ציון־באַוועגונג, האָט אויך זי ניט אויסגעמיטן דעם פּראָצעס, וואָס אַלע אַרבעטער־באַוועגונגען האָבן דורכגע־מאַכט.

די צעירי־ציון־באַוועגונג, וואָס איז בכלל אַנטשטאַנען מיט אַ יאָר 60 צוריק ווי אַ ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישער שטראָם אין דער ציוניסטישער באַ־וועגונג און וואָס רעכנט איר אָנפאַנג פון דער גרינדונג פון „התחיה" אין וואַרשע און אין פּינסק (אין די יאָרן 1903—1905), האָט זיך אַנטוויקלט שפּעטער פּאַראַלעל צו פּועלי־ציון און אויך פיל געוואַקסן פון די אידעאָלאָ־גישע זוכענישן פון די לעצטע אין רוסלאַנד און פּוילן. הגם איר גייסטיקן אָנשפּאַר האָט זי לכתחילה געזוכט אין ארץ־ישראל, אין „הפּועל־הצעיר" און אין דער גאַנצער א״י־אַרבעטערשאַפט.

אין האַרבסט 1918 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען די גרינדונגס־קאָנפע־רענץ פון צעירי־ציון. אין יאַנואַר 1919 האָט אָנגעהויבן דערשיינען איר וואָכנבלאַט „באַפרייאונג", אונטער דער רעדאַקציע פון ז. אייזנבערג (שפּע־טער עולה־געווען און דערטרונקען געוואָרן אין א״י), א. איינהאָרן (שפּעטער באַקאַנטער מיטאַרבעטער פון „היינט"; אומגעקומען אונטער די נאַציס אין וואַרשעווער געטאָ) און יוסף גראַוויצקי (געשטאָרבן מיט אייניקע יאָר צו־ריק אין מדינת־ישראל).

די רייבונגען צווישן די פאַרשידענע ריכטונגען ביי די צעירי־ציון האָבן זיך אַנטפּלעקט אויף זייער קאָנפערענץ אין 1919. דער קאַמף איז באַזונדערס שאַרף אָנגעגאַנגען צווישן דער סאָציאַליסטישער ריכטונג און אירע קעגנער. די קאָנפערענץ איז באַווירקט געוואָרן אויך פון ישראל מע־רעמינסקי, וועלכער איז דאַן געקומען פון רוסלאַנד קיין פּוילן און האָט געבראַכט דעם גרוס פון די צעירי־ציון אין רוסלאַנד, וואָס זענען נאָך דער רעוואָלוציע פון מאַרץ 1917 אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע טיילן פון אוקראַינע, רוסלאַנד, ווייסרוס־לאַנד, ליטע און אַפילו אָנגעשפּאַרט צו טיילן פון קאַווקאַז און סיביר, באַ־זונדערס דאָרטן, וואו עס האָבן זיך באַזעצט פּליטים וואָס זענען בעתן קריג

אָנגעקומען פון די אַלטע יידישע יישובים פון תחום־המושב. אויף דער צווייטער אַלרוסישער קאָנפערענץ פון צעירי־ציון, אָפּגעהאַלטן אין פּעטראָגראַד אָנפאַנג זומער 1917, האָבן זיך אַנטפּלעקט שטאַרקע אידעאָלאָגישע חילוקי־דיעות, וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק אין דריי ריכטונגען: אַ סאָציאַליסטישע, אָנגעפירט דורך פּאָרטוגאַלאָוו, אליעזר קאַפּלאַן און א. ריס, די „טרודאָוויקעס" — י. מערעמינסקי, א. לעווינסאָן און א. ברודני, און אַ דעמאָקראַטישע ריכטונג, אָנגעפירט דורך אַ מונטשיק און ח. גרינבערג.

די פּוילישע צעירי־ציון האָבן, אמת, אויסגעמיטן דידאָזיקע דרייאיקע צעגלידערונג, אָבער זייער קאָנפערענץ האָט ניט אויסגעמיטן דעם שאַרפן קאַמף צווישן די וואָס האָבן געוואָלט איינשליסן סאָציאַליזם אין זייער פּראָגראַם און די, וואָס זענען געווען קעגן דעם. די לעצטע, אָנגעפירט דורך יוסף און אברהם גראַוויצקי און יהודה אייגעס, האָבן, נאָך די ווערטער פון אליהו מונטשיק אַלס א״י־שליח, מסכים־געווען אַריינצוטרעטן אין נייעם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע מערהייט. די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען, ווען דער נייער צ. ק. האָט באַשלאָסן אַז ער באַטייליקט זיך אין דער פאָרשטייענדיקער אַלגעמיינער ציוניסטישער קאָנפערענץ נאָר מיט אינפאָרמאַטיווע צוועקן, היות צעירי־ציון באַטראַכטן זי אַלס באַזונדערע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאָרמאַציע, וואָס גייט אַריין אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג אויף פעדעראַטיווע (ניט פּראַקציאָנעלע) יסודות.

די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, אָנגעפירט דורך מערעמינסקי, יצחק שווייגער, ד. קלעי און אַנדערע, האָבן, נאָכן אַרויסטריט פון זייערע קעגנער, געשאַפן דעם „מזרח־פאַרבאַנד פון צעירי־ציון". געווען איז עס אין יענע יאָרן, ווען פּוילן האָט זיך אויסגעשפּרייט (אויף אַ גאַנץ קורצער צייט) איבער אירע עטנאָגראַפישע גרענעצן און האָט אָקופּירט טיילן פון ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע. דער געדאַנק פון „מזרח־פאַרבאַנד" איז געווען אָנצושליסן אָן אים די צעירי־ציון־באַוועגונג פון אָט־די געביטן. אויך דאָרטן איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף פאַר פאַרוואַנדלען די צעירי־ציון אין אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און אַרויסגיין פון דער „דעמאָקראַטישער פּראַקציע".

אַזוי איז געווען אין ווילנע, וואו עס האָט געווירקט באַזונדער אַ צ. ק. פון צעירי־ציון פאַר אַ טייל פון ליטע. אַזוי איז אויך געווען אין מינסק, וואו עס איז געווען אַ הויפּט־ביוראָ פון צעירי־ציון פאַר ווייסרוסלאַנד, געשאַפן אין זומער 1919. דידאָזיקעביידע צענטערן האָבן באַוויזן אויסצומיידן דעם ריס צווישן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן און זייערע קעגנער, וואָס איז געשען אין וואַרשע. אָבער נאָך דער שאַפונג פון מזרח־פאַרבאַנד האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אָן אים. אַזויאַרום איז עס אין פרילינג 1920 געקומען צו אַ קאָנפערענץ פון אַלע באַשטאַנד־טיילן פון „מזרח־פאַרבאַנד" און עס

זענען אַריין אין זיין אָנפירונג: י. מערעמינסקי, י. שווייגער און נתן שוואַל־בע — פון קאָנגרעס־פּוילן, יחיאל האַלפּערן — פון קראָקע, אליהו רודניצקי — פון ווילנע, דער שרייבער פון די שורות — פון מינסק, אליעזר ברעגמאַן — פון פּינסק. „באַפרייאונג" איז געווען דער צענטראַל־אָרגאַן פון מזרח־פאַרבאַנד און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוקניפּן אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די צעירי־ציון אין רוסלאַנד, וואָס האָבן אין יענער צייט דורכגעמאַכט די־זעלביקע מעטאַמאָרפאָזע וואָס זייערע חברים אין פּוילן און ליטע. וואָרעם אין יאָר 1920 איז אויך ביי זיי פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג און די מערהייט איז אַוועק מיט די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. די שפּאַלטונג אין יאָר 1920 אויף דער קאָנפערענץ אין כאַרקאָוו האָט געבראַכט, בראש פון די צ. ס. צעירי־ציון, די ח"ח י. חפץ, צבי ראָזנשטיין, א. זאַבאַרסקי (געפינען זיך איצט אין ישראל), שמואל פרידמאַן (שפּעטער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין רוסלאַנד), אייזיק ברודני (שפּעטער דירעקטאָר פון בנק־הפּועלים אין א"י), יונה גרינ־פעלד (די לעצטע דריי געשטאָרבן אין ישראל). אַ דעלעגאַציע פון די רו־סישע צעירי־ציון, אין באַשטאַנד פון: צ. ראָזנשטיין, י. חפץ און י. גרינ־פעלד איז אין יאָר 1921 אויך אָנגעקומען, נאָך גרויסע שוועריקייטן, קיין פּוילן און איז צוזאַמען מיט די שפּעטער געקומענע ישראל ריטאָוו און א. לעכטמאַן אַריין אַרבעטן אין „מזרח־פאַרבאַנד", וואָס האָט זיך אויך אין יאָר 1922, אויסגעבילדעט אין אַ וועלט־פאַרבאַנד פון צ. ס. צעירי־ציון, היות גרופּן פון צ. ס. צעירי־ציוניסטן זענען דאַן אויך אַנטשטאַנען אין דייטש־אין דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע (באַזונדערס צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, ספּעציעל פון מזרח־אייראָפּע, אין היכשולן), ווי אויך אין בעלגיע און אַפילו אין דער ווייטער אַמעריקע. די גרופּן אין מערב־אייראָפּע זענען קאָנסאָלידירט געוואָרן, נאָכן אָנקומען קיין בערלין פון שליח פון די רוסישע צ. ס. ישראל אידעלסאָן (איצט בר־יהודה, פירנדיקער חבר פון „אַחדות־העבודה" אין ישראל).

דער צווייטער, ניט־סאָציאַליסטישער טייל פון די צעירי־ציון אין פּוילן איז געבליבן עקזיסטירן אַלס „ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע", אָנגע־פירט דורך י. אייגעס, יוסף גראַוויצקי, משה גאָרדאָן, א. קליינמאַן, ד"ר מנשה, צו וועלכע עס איז צוגעקומען פון רוסלאַנד אברהם לעווינסאָן. זייער פּרעסע־אָרגאַן איז געוואָרן דער וואָכנבלאַט „פאָלק און לאַנד".

דער ריס צווישןביידע טיילן פון צעירי־ציון איז אַרויס באַזונדערס בולט, ווען עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע: אָן וועלכער אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציע אין א"י שליסן זיך אָן די באַטרעפנדיקע טיילן פון דער צעשפּאַל־טענער צעירי־ציון־באַוועגונג. די „ראַדיקאַלן" זענען געבליבן, ווי פריער, ביים „הפּועל־הצעיר". די צ. ס. האָבן געזוכט אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַ־ציע אין א"י, וואָס זאָל זיי אָנטשפּרעכן. עס איז דאַן אין א"י אַנטשטאַנען פון טיילן פון פּועלי־ציון און אומפּאַרטייאישע די סאָציאַליסטישע „אחדות־העבודה", בראש מיט ד. בן־גוריון, בערל קאַצענעלסאָן, ש. קאַפּלאַנסקי און

אַנדערע. איר פּלאַטפאָרם, פאַרעפנטלעכט אין זאַמלבוך „אחדות־העבודה", האָט אויך געהאָלפן צו באַזייטיקן די רייבונגען, וואָס האָבן נאָך אַלץ גע־נורטעוועט אין די רייען פון צ. ס. צעירי־ציון, צווישן זייערע פאַרשידענע שאַטירונגען, אָנהייבנדיק פון עקסטרעמען מאַרקסיזם ביזן מעסיקן פאָלקס־סאָציאַליזם און אַפילו גאָר רעכטע „טרודאָוויקעס", וואָס האָבן געלייקנט אין קלאַסן־קאַמף צווישן יידישע אַרבעטער און אין דער נויטווענדיקייט פון אָנשליסן זיך אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די פּלאַטפאָרם פון דער נייער ארץ־ישראלדיקער „אחדות־העבודה", וואָס האָט אויסגעמיטן די עקס־טרעם־מאַרקסיסטישע פּראָזעאָלאָגיע פון באָראָכאָוויסטישן פּועלי־ציוניזם און דעם אַנטיסאָציאַליזם פון „הפועל־הצעיר" און האָט באַטאָנט די נייטיקייט פון חלוציזם און אַקטיוון ציוניזם, איז געווען צוגעפּאַסט צו די אידעאָלאָגישע זוכענישן פון דער ניי־אַנטשטאַנענער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אָרגאַני־זאַציע און האָט אויך געשאַפן אין דער „אחדות העבודה" די געהעריקע אָנשלוס־פּאַרטיי אין א"י, וואוהין עס דאַרפן אַריינטרעטן די צעירי־ציון, נאָכן אָנקומען זייערן אין לאַנד.

ווען עס איז, בכן, פאָרגעקומען אָנהייב 1920 אין פּראַג די שאַפונג פון פאַרבאַנד „התאחדות פון הפועל־הצעיר און צעירי־ציון", איז דער מזרח־פאַרבאַנד פון צעירי־ציון אַהין ניט אַריין. דאָסגלייכן אויף דער ציוניסטי־שער קאָנפערענץ אין יאָר 1920 אין לאָנדאָן — דעם ערשטן ציוניסטישן וועלט־צוזאַמענקום, נאָכן ערשטן וועלט־קריג — איז דער מזרח־פאַרבאַנד און זיין דעלעגאַציע געווען אָנגעשלאָסן אָן דער דעלעגאַציע פון דער סאָ־ציאַליסטישער „אחדות־העבודה" צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן פון פּועלי־ציון, בעת די ראַדיקאַלע צעירי־ציון פון פּוילן זענען געזעסן אין דער פראַקציע פון „הפועל־הצעיר". דער פרואוו פון אליעזר קאַפּלאַן, פּאַסטאַן און אַנדערע פון די רוסישע צעירי־ציון צונויפצופירענגען אין לאָנדאָן די ביידע טיילן פון צעירי־ציון, האָט קיין דערפאָלג ניט געהאַט.

עס האָט דאַן געקענט שיינען, אַז די סאָציאַליסטישע צעירי־ציון וועלן זיך פאַראייניקן מיט די פּועלי־ציון. אָבער ביי די לעצטע איז, ווי באַקאַנט, דאַן אָנגעגאַנגען דער שאַרפער קאַמף אַרום דער שטעלונג צום דריטן אינ־טערנאַציאָנאַל. אין האַרבסט פון יאָר 1920, באַלד נאָך דער ציוניסטישער יאָר־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, איז אויך פאָרגעקומען די וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין ווין, וואו עס איז געקומען צו דער שפּאַלטונג אין די פּועלי־ציון־רייען. דערביי איז דער גרעסטער טייל אַריבער צו די לינקע פּועלי־ציון. גאָר באַזונדערס שאַרף איז דער ריס געווען אין פּוילן, וואו די איבערוויגנדיקע מערהייט פון פּועלי־ציון איז געגאַנגען מיט די „לינקע".

די צ. ס. צעירי־ציון, באַזירט אויף „אחדות־העבודה", האָבן, בכן, באַ־קומען פאַר זיך דעם פּלאַץ אין פּוילן, וואָס איז געוואָרן פריי פאַרן אַקטיוון סאָציאַליסטישן ציוניזם, וואָס האָט זיך דאַן אַנטוויקלט צווישן דער חלוצי־שער יוגנט און דער ציוניסטיש־געשטימטער אַרבעטערשאַפט.

פוילן אין דער „דריטער עלייה"

דעם קאַפּיטל פון דער „דריטער עלייה", וואָס מען האָט געמיינט אַז ער איז געעפנט געוואָרן דורך דער „רוסלאַן" — די ערשטע שיף, וואָס איז אָנגעקומען קיין א״י מיט עולים פון רוסלאַנד אין האַרבסט פון יאָר 1919, — איז פאַקטיש אָנגעהויבן געוואָרן פון פוילן. אַ וואָך פאַרן אַנטשטייען פון זעלבשטענדיקן פוילן, דעם 2טן נאָוועמבער 1918, האָט זיך געלאָזן קיין א״י אַ גרופּע יוגנטלעכע פון לאָדזש, צו וועלכער עס זענען צוגעשטאַנען גרופּן אויך פון בענדין, ראַדאָם און אַנדערע פּונקטן. די גרופּן האָבן אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן, אַזוי אַז זיי זענען אין דער צאָל פון 105 אָנגעקומען קיין א״י אין אדר תרע״ט און זענען, בכן, געווען די ערשטע גרופּע פון דער „דריטער עלייה". נאָך די 105 בענדינער זענען קיין א״י געקומען אַנדערע עולים פון רומעניע און רוסלאַנד. מערעמינסקי וויזט־אָן, אַז די שיף „רוס־לאַן", מיט 620 יידן פון קרים און דרום־רוסלאַנד בכלל, איז אָנגעקומען קיין א״י פון אָדעס נאָכן אָנקומען פון דער ערשטער פּוילישער חלוצים־גרופּע פון זאַגלעמביע. (זע אַרטיקל פון י. מערעמינסקי אין זאַמלבוך „אונזער קאַמף", אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1941, פון דער אויסלאַנדס־דעלעגאַציע פון פּועלי־ציון (צ. ס.) און התאחדות פון פוילן.)

ל. רובינשטיין פון ניו־יאָרק, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער גרופּע, וויזט־אָן, אַז איר קערן איז באַשטאַנען פון לאָדזשער צעירי־ציון, צו וועלכע עס זענען שפּעטער צוגעשטאַנען די „זאַגלעמביער". רובינשטיין אַליין איז, צוזאַמען מיט צבי ליבערמאַן, דעלעגירט געוואָרן דורכן „הפּועל־הצעיר" אין תל־אביב, אויפצונעמען די עולים פון דער שיף „רוסלאַן", וואָס איז אָנגע־קומען מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער.

די עלייה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון פוילן באַלד נאָך איר זעלבשטענדיקייט, האָט זיך שנעל אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן — סיי אינער־לעכע סיי אויסערלעכע. די אינערלעכע זענען געקומען פון לאַנדאַן, וואו עס האָט דאַן געהערשט די מיינונג, אַז קיין א״י דאַרפן פאָרן נאָר פאַרמעגלעכע יידן, וואָס וועלן זיך קענען איינאָרדענען מיט זייערע מיטלען אין לאַנד. אַנדערע עלעמענטן, הייסט עס, דאַרפן ניט פאָרן, ווייל זיי וועלן נאָר פאַר־גרעסערן דעם כאַאָס אין לאַנד און אויך שאַפן שטערונגען פאַרן יידישן הויך־קאָמיסאַר, הערבערט סעמיועל, צו וועלכן מ'האָט דאַן אַרויפגעקוקט מיט זיכערער האָפענונג און גאָר גרויסע דערוואַרטונגען.

די יוגנט, וואָס האָט דאַן געשפּאַרט קיין א״י, האָט אָבער ניט געטיילט די מיינונג, אַז אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דעם מאַנדאַט פון א״י ליגט די „אתחלתא דגאולה". די לאָזונג איז געווען „הגשמה עצמית". עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטע יוגנטלעך־חלוצישע עלייה. נאָך בענדין איז געקומען די ריי אויף גראָדנע, לאָמזשע און אויף שטעט פון אוקראַינע. אין וואַרשע האָבן זיך באַוויזן עלייה־גרופּן פון פּראַסקוראָוו, סלאַוואוטע, זדאָלבו־

נאָוו, קאָרעץ. נאָך זיי איז געקומען די ריי פון צעירי־ציון פון גראָדנע און סואוואַלק, פון מינסק, ווילנע און פינסק. ספּאָנטאַן־געשאַפענע עליה־קאָמי־טעטן פון צעירי־ציון און חלוצים פאָדערן באַלדיקע עליה פון אַלעמען און ניט נאָר פון פאַרמעגלעכע יידן. די יאָר־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן שאַפט, אונטערן דרוק פון צעירי־ציון, א״י־אַמטן, כדי רעגולירן און אויך דערמו־טיקן די עליה אַלס אינסטרומענטן פון חלוצישער עליה. חוץ וואַרשע, דורך וועלכער עס איז געגאַנגען דער הויפּט־שטראָם פון די עולים פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, זענען אַזעלכע אַרבעטס־אָפּטיילונגען געגרינדעט געוואָרן אויך ביי די „פּאַלעסטינע־אַמטן״ (ווי זיי האָבן דאַן געהייסן) אין ווילנע, ביאַליסטאָק, ראָוונע, לעמבערג, קראָקע און אַנדערע. געפּאָרן זענען חסידי־שע בחורים און חלוצים, גימנאַזיסטן אין אָפּגעבליאַקעוועטע אוניפאָרם־מאַנטלען און פשוטע האַנדלס־אַנגעשטעלטע, לערער און יונגע אַרבעטער, וואָס האָבן אָקאָרשט פאַרזוכט דעם ערשטן טעם פון אייגן גרינס פון אַ יונגן חלוץ־גאָרטן, צעירי־ציון, וואָס האָבן געפּריידיקט די לאָזונג פון אַ שלימות־דיקן לעבן און אַליין־אַרבעט אין א״י, קעמפנדיק צוגלייך פאַר רעכט פון די יידישע מאַסן אין פוילן... אויב דאָס יאָר 1920 האָט געבראַכט קיין א״י העכער 8.000 עולים, מיט נאָך אַ העלפט פון דער צאָל וואָס איז געבליבן שטעקן אונטערוועגס, איז דער איבערוויגנדיקסטער טייל פון זיי באַשטאַנען פון חלוצים און צעירי־ציון.

די עליה איז אָבער באַלד געשטערט געוואָרן. סוף 1920 איז איינגע־פירט געוואָרן דער סערטיפיקאַטן־סיסטעם. אין פרילינג 1921, נאָכן פּאָגראָם אין יפו, איז די עליה בכלל אָפּגעשטעלט געוואָרן. דעם איסור פון עליה האָט טעלעגראַפיש מיטגעטיילט דווקא זשאַבאָטינסקי. די אָפיציעלע ציוניס־טישע קרייזן האָבן, אויס לאָיאַליטעט צום יידישן הויך־קאָמיסאַר געמוזט מלמד־זכות זיין אויף די און אויך וויטערדיקע פאַרבאָטן און באַגרענעצונ־גען פון דער יידישער איינוואַנדערונג. דעם קאַמף פאַר האַלטן אָפן די טויערן פאַר אומבאַשרענקטער עליה האָבן דאַן געפירט די הסתדרות פון איין זייט, און די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין גלות, דאָס הייסט קודם־כל צעירי־ציון און שפּעטער מיט צעירי־ציון פאַראייניקטע פּועלי־ציון אין פוילן.

די דריטע עליה איז, צום אונטערשייד פון דער „צווייטער עליה״, גע־ווען אַ מאַסן־עליה. זי האָט אַריינגעבראַכט קיין א״י אַ יונגן חלוצישן עלע־מענט, וואָס איז געגאַנגען אויף די גרעסטע קרבנות און איז געווען באַגייס־טערט מיט די אידייען פון אַרבעטער־ציוניזם. זי האָט אויסגעפילט די רייען פון דער נאָר־וואָס געשאַפענער הסתדרות, און האָט אונטער איר אָנפירונג דעראָבערט דעם עמק יזרעאל, באַווייזנדיק צוגלייך דעם וואונדער פון יידי־שער קאָלאָניזאַציע אויפן באָדן, דורך דער קאָלעקטיווער איניציאַטיוו פון דער אַרבעטערשאַפט. דאַן זענען אויך אַנטשטאַנען דער גדוד־העבודה, די חלוצים וואָס האָבן געפּלאַסטערט וועגן און דורכגעלייגט כבישים. די יוגנט

איז בכלל אַריין אין נייע צווייגן פון שווערער, פיזישער אַרבעט, וואָס זע־נען איר פריער פרעמד געווען.

פּאַראַלעל האָבן צעירי־ציון אויך געפירט „קעגנוואַרטס־אַרבעט". די סיים־וואַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין יאָר 1922, האָבן די צ. ס. צעירי־ציון אַוועקגעשטעלט פאַר אַן אויסערגעוויינלעך־שווערער סיטואַציע. די „התאחדות" איז געגאַנגען מיטן גאַנצן בלאָק פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס י. גרינבוים האָט דאַן געשאַפן, כדי קעגנווירקן דעם נייעם וואַל־געזעץ פון די פּוילישע מושלים, וואָס איז געווען געווענדעט קעגן די נאַציאָנאַלע מיעוטים און האָט בכלל פּאַוואָריזירט גרויסע פּאַרטייען און וואַל־בלאָקן. די צ. ס. צעירי־ציון האָבן דאַן געשלאָסן אַ וואַל־בונד מיט די רעכטע פּועלי־ציון, הגם דער פירער פון די לעצטע, ד"ר י. שיפּער, איז אַוועק מיט דער ציוניסטישער ליסטע פון מינדערהייטן־בלאָק. די לאַגע פאַר צ. ס. מיט די רעכטע פּועלי־ציון איז געווען ניט קיין גינסטיקע. דער שרייבער פון די שורות האָט אַפילו דאַן פאָרגעשלאָגן, אַז דיביידע יונגע און שוואַכע שותפים זאָלן זיך און זייער וואַל־אַרבעט באַגרענעצן בלויז מיטן דרייעק־קרייז פּינסק־בריסק־ביאַליסטאָק, וואו זיי האָבן געהאַט זייערע שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציעס. דער פאָרשלאַג איז אָבער ניט אָנגענומען געוואָרן. די וואַל־קאַמפּאַניע האָט זיך דעריבער פאַרוואַנדלט אין אַ ציילונג פון די אָנהענגער פון ציוניס־טישן סאָציאַליזם איבערן לאַנד.

די יוגנטלעכקייט פון די חברים, דער גרעסטער פאַרמעגן פון דער אָרגאַניזאַציע, איז אויך געווען דער חסרון פון דער אָרגאַניזאַציע בנוגע וואַלן. ווען עס איז, אַ שטייגער, אין יאָר 1924 געקומען צו וואַלן צו דער קהילה אין וואַרשע, און די צ. ס. צעירי־ציון, אין אונטערשיד פון אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך ניט באַטייליקט אין די וואַלן, היות די קהילות אין פּוילן זענען, כידוע, געווען יידיש־רעליגיעז, האָבן יאָ באַ־שלאָסן צו גיין צו די וואַלן, האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז אין די רייען פון צ. ס. אין וואַרשע איז ניטאָ קיין גענוגנדיקע צאָל פּערזאָנען איבער 28 יאָר, וואָס האָבן, לויטן געזעץ פון די „גמינעס", געהאַט פּאַסיווע וואַל־רעכט (אַקטיווע האָט מען געהאַט פון 18 יאָר אָן). די צ. ס. צעירי־ציון האָבן דעריבער געמוזט רעזיגנירן פון זייער באַשלוס, הגם אַקטיווע ווילער האָבן זיי געהאַט גענוג אין זייערע רייען און האָבן געקענט אויך צוציען גענוג מחוץ פאַר דורכפירן אַ געהעריקע פאַרטרעטערשאַפט אין דער קהילה, וועל־כע זיי האָבן באַטראַכט אַלס קערנדל פון אַ נאַציאָנאַלער קהילה און פאַר יידישער אויטאָנאָמיע אין לאַנד. מיט יאָרן שפּעטער איז אויך דער „בונד" אַוועק פון זיין דעמאָלטדיקער באַיקאָט־שטעלונג לגבי דער קהילה און האָט זיך באַטייליקט צו די וואַלן אין וואַרשע און אין אַ גרויסער צאָל שטעט אויף דער פּראָווינץ און דערמיט אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט פון צעירי־ציון בנוגע דער קהילה.

די פאַראייניקונג פון צ. ס. צעירי־ציון מיט פועלי־ציון

דער בלאָק צווישן צ. ס. צעירי־ציון מיט פועלי־ציון צו די סיים־וואַלן האָט באַוויזן, אַז צווישןביידע גרופּירונגען איז פּאַקטיש ניטאָ קיין שום באַדייטנדיקע מחיצה, און אַז די צייט איז רייף פאַר דער פולער פאַראייני־קונג פון ביידע.

די פראַגע איז געווען, צי זאָל די פאַראייניקונג פאָרקומען אין וועלט־מאַסשטאַב, צווישן ביידע וועלט־פאַרבאַנדן, אָדער בלויז אין פוילן. די מער־הייט פון צ. ק. האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף דורכפירן די פאַראייניקונג באַלד אויפן אָרט. אין דער פאַרטיי גופא זענען אָבער די מיינונגען געווען געטיילט, און דער רוב איז געווען פאַר דער פאַראייניקונג פון די וועלט־פאַרבאַנדן, נאָך וועלכער עס זאָל פאָרקומען דער איחוד אין פוילן גופא. עס איז, בכן, געקומען צו אַ שפּאַלטונג, אָנגעפירט פון י. צ. קאַלטון (אומ־געקומען שפּעטער אין רוסלאַנד, וואוהין ער איז געקומען פון א״י), ד. ב. מאַלקין (איצט אין ישראל), ד. מונדלאַק (געשטאָרבן שפּעטער אין א״י) און אַנדערע. אַ טייל אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַראייניקט מיט די „אומאָפּהענ־גיקע פועלי־ציון״, אָנהייבנדיק אויך אַרויסגעבן זייער אָרגאַן „אונדזער שטימע״. דאָס האָט אָבער אַרויסגערופן אומצופרידנקייט אין „אַחדות־העבודה״ אין א״י, וואָס האָט געוואָלט אַ פאַראייניקונג אין וועלט־מאַסשטאַב, ווי אויך אַ קלאָרע שטעלונג פון דער פאַראייניקטער פאַרטיי אין די פראַגן פון „אַקטיוון ציוניזם״, וואו די צ. ס. האָבן מסכים געווען מיט „אחדות־העבודה״.

כדאי דערביי אויך אָנצואווייזן, אַז צום אונטערשיד פון די גלות־לענדער, וואו די צייט נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון שפּאַלטונגען, איז די א״י־אַרבעטער־באַוועגונג דיזעלביקע תקופה נאָכן קריג געשטאַנען אונטערן לאָזונג פון אחדות. נאָך דער שאַפונג פון „אחדות־העבודה״ אין 1919 איז, ווי באַקאַנט, אין 1920 אַנטשטאַנען די „הסתדרות״, וואָס האָט איינגעשלאָסן פּראָפעסיאָנעל די גאַנצע א״י־אַרבעטערשאַפט, אָבער ניט בלויז צום שוץ פון די פּראָפעסיאָנעלע און סאָציאַלע אינטערעסן פון די אַרבעטער, וואָס זענען שוין דאָ אין לאַנד, נאָר נאָכמער — פאַר אויפנעמען אין אירע רייען די גרויסע מאַסן קינפטיקע עולים און פאַר שאַפן פאַר זיי באַשעפטיקונג אין די אייגענע אַרבעטער־קבוצות און קיבוצים, ווי אויך שטאָטישע אונטערנעמונגען, וואָס דאַרפן געגרינדעט ווערן דורך דער ווירט־שאַפטלעכער זעלבסט־טעטיקייט פון דער הסתדרות. די לעצטע איז, בכן, געוואָרן מיט דער צייט דער אינסטרומענט פאַר רעאַליזירן דעם ציוניזם בכלל, היות זי האָט עס געשאַפן די אַרבעטער־מערהייט פון גאַנצן א״י־יישוב.

אָט־דידאָזיקע אידייען פון חלוציזם און אַרבעטער־זעלבסטטעטיקייט פאַר דער רעאַליזירונג פון ציוניזם, האָט „אחדות־העבודה״ געוואָלט דורכזעצן

אין דער וועלט־פֿאַראייניקונג פֿון צ. ס. צעירי־ציון און די רעכטע פּועלי־ציון. דאָס איז אויך דערגרייכט געוואָרן אויף דער פֿאַראייניקונגס־קאָנפֿערענץ אין יאָר 1925, בעתן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין. נאָכדעם איז שפּעטער געקומען צו דער פּולער פֿאַראייניקונג אין פּוילן. די צ. ס. צעירי־ציון זענען געווען רייף פֿאַרן איחוד, ווייל זיי האָבן נאָך פֿריער אָנערקענט דעם קלאַסן־קאַמף פֿאַר די יידישע אַרבעטער אין גלות; די פּועלי־ציון ווידער האָבן אונטערן דרוק פֿון „אחדות־העבודה" אָנערקענט דעם „אַקטיוון ציוניזם", וועלכער איז געווען אַ גרונט־פּרינציפּ פֿון די צ. ס. צעירי־ציון. עס זענען אַזויאַרום באַזייטיקט געוואָרן די ספֿיקות, וואָס האָבן געקענט נאָך זיין ביי ביידע צדדים וועגן דער פֿאַראייניקונג, און זי איז דורכגעפֿירט געוואָרן איבערן לאַנד טראָץ קליינע אָרטיקע רייבונגען.

די פֿאַראייניקונג פֿון צ. ס. צעירי־ציון האָט צוריקגעבראַכט אין די רייען פֿון דער נייער פּאַרטיי דעם פֿריער־אָפּגעשפּאָלטענעם טייל פֿון צעירי־ציון. די נייע פּאַרטיי פּועלי־ציון פֿאַראייניקט מיט צ. ס. צעירי־ציון האָט באַקומען אויך איר צענטראַלן פּרעסע־אָרגאַן אינעם וואָכנבלאַט, וואָס האָט אויך געטראָגן אַ פֿאַראייניקטן נאָמען „באַפֿרייאונג־אַרבעטער־שטימע". דער שרייבער פֿון די שורות איז געוואָרן איר הויפּט־רעדאַקטאָר, ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פֿון צבי ראָזענשטיין, ד. ב. מאַלקין, ישראל ריטאָוו, יחיאל האַלפּערין, ל. שפּיזמאַן א"אַ. עס זיינען אויך געווען שטענדיקע קאָרעספּאָנדענטן אין א"י און פֿון פֿיל גרעסערע און קלענערע שטעט אויף דער פּראָווינץ.

דער אָנשלוס פֿון „דרור"

די פֿאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע איז צוגעטראָטן צו דער ווייטערדיקער אַרבעט מיט פֿאַרפֿילפֿאַכטע קרעפֿטן. דאָס האָט זיך באַלד געלאָזט פֿילן אין „החלוץ" וואו די אָרגאַניזאַציע האָט פֿאַרשטאַרקט אירע פּאָזיציעס, היות די צ. ס.־חלוצים און די פּועלי־ציון־חלוצים האָבן געשלאָסן די רייען האָבן זיי צוזאַמען ביסלעכווייז דעראָבערט די פֿירנדיקע שטעלונג אין די רייען פֿון „החלוץ", וואָס איז פֿון דאַן אָן אין ווייטער שוין פֿאַרבליבן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די פֿאַראייניקטע חברים. צו דעם האָט אויך מיטגעהאָלפֿן דער פֿאַקט, וואָס אין דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיי האָט זיך אויך באַלד אָנגעשלאָסן די גרופּע „דרור", וואָס איז אויך געווען ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש געשטימט און האָט אָבער געהאַט אין דער שפּראַכן־פֿראַגע אַ דורכאויס העברעאיסטישע שטעלונג.

די דאָזיקע קליינע און הויפּטזעכלעך אינטעליגענטישע גרופּע, וואָס האָט געצויגן איר יסוד פֿון דעם „דרור", וואָס איז בעת דער רעוואָלוציע־צייט פֿון 1917 אַנטשטאַנען אין אוקראַינע, האָט געבראַכט דער פּאַרטיי אַ ריי אַקטיווע מיטאַרבעטער, אין דער פּערזאָן פֿון א. ביאַלאָפּאָלסקי, י. פּע־

טשעניק (ביידע געשטאָרבן אין א"י — דער ערשטער פאַרן צווייטן וועלט־קריג, דער צווייטער — נאָכן קריג, שוין אין מדינת ישראל), יהודה בראַגינסקי (איצט בן־יהודה), א. בערדיטשעווסקי, בענדערסקי (בן־דורי), חומע (נחמה) חיות (ביידע געשטאָרבן אין ישראל), א. קרייזמאַן, י. מינקאָווסקי, פּאַליושקא (אַלע איצט אין ישראל) מיטן אויסנאַם פון ביאַלאָפּאָלסקי, וואָס איז שפּעטער אַריין גאַר אַקטיוו אין דער אייגנטלעכער פּאַרטיי־אַרבעט און פון פּאַליושקא וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער קולטור־ און שול־אַרבעט און איז שפּעטער געוואָרן לייטער פון איינער פון די בעסטע שולן פון „שול־קולט" (דער שול־ און קולטור־אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי, זינט 1929), זענען אַלע איבעריקע דערמאָנטע „דרור"־טוער געווען טעטיק אין „החלוץ", און זייער צוטריט צו דער פּאַראייניקטער פּאַרטיי האָט עס טאַקע אויך מיט־געהאָלפן צום וואוקס פון דער פּאַראייניקטער פּאַרטיי אינעם „החלוץ".

די פּאַראייניקונגס־קאָנפערענץ איז פּאָרגעקומען אין אויגוסט 1926. זי האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פּאַרטיי ציילט איצט 270 סניפים מיט העכער 6.000 מיטגלידער; די צווייטע קאָנפערענץ פון דער פּאַראייניקטער פּאַרטיי איז פּאָרגעקומען אין מאַי 1930; די דריטע — אין מאַרץ 1936.

די פּאַראייניקטע פּאַרטיי האָט דאַן אויך אַרויסגעגעבן אַ טעאָרעטישן זשורנאַל „די נייע געזעלשאַפט" אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר יחיאל האַלפּערין.

די קאָנפערענצן האָבן אויך אַרויסגעבראַכט, אַז אין דער באַוועגונג גייט נאָך אָן אַ ויכּוח־צו־ויתרוצו אַרום איניקע פראַגן, דער עיקר אַרום דער „שפּראַכן־פראַגע", ווי אויך אַרום דער פראַגע פון סאָציאַליסטישע, צי נאַציאָנאַלע ליסטעס ביי די וואַל־קאַמפּאַניעס.

דער מיעוט אין דער פּאַרטיי וואָס איז געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון העברעאישער דערציאונג, האָט שטענדיק געלאָזט הערן זיין אומצופרידנ־קייט, מיט דער אַלגעמיינער שטעלונג, וואָס די פּאַרטיי האָט געהאַט פון פריער, וועגן דערציאונג אין יידיש און פּאָליטישן קאַמף כלפּי חוץ פאַר אָנערקענען יידיש אַלס די שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין לאַנד. וואָס שייך דעם צווייטן עניין, פלעגט זיך אָפט אַרויסווייזן, אַז פירנדיקע „החלוץ"־חברים האָבן געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל ניט גיין אויף סאָציאַ־ליסטישע ליסטעס ביי די וואַלן, נאָר אויף די אַלגעמיינע ליסטעס פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, אָדער אויף ליסטעס פון יידישן נאַציאָ־נאַלן בלאָק, וואו אַזעלכע זענען געווען. די רייבונגען אַרום דעם לעצטן עניין פלעגן אויסגעגליכן ווערן פון מאָל צו מאָל, פון איין וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער. וואָס שייך דער „שפּראַכן־פראַגע", האָט די וועלט־קאָנפע־רענץ פון פּועלי־ציון־צ. ס. און התאחדות אין דאַנציג אין יאָר 1932 באַשלאָסן, אַז אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען פאַר „תרבות", אָנערקענען די צוויי־שפּראַכיקע שולע, אָבער העברעאיש בלייבט ווייטער די איינציקע שפּראַך פון יידישן יישוב אין א"י.

די פּאַרטיי איז, בכן, מיט פרישע כוחות אַריין אין דער נייער תקופה. די טעטיקייט איז, ווי פריער, אַנגעגאַנגען אויף די צוויי שוין דערמאָנטע פלאַכן: ארץ־ישראל־אַרבעט און גלות־טעטיקייט. אַדאַנק דעם צופלוס פון די נייע עלעמענטן, האָט מען זיך געקענט געבן אַן עצה מיט דיביידע פראָנטן. די ניי־צוגעקומענע האָבן דערמעגלעכט אַ פּאַראַלעלע אַקטיווע אַר־בעט, סיי ביים אויסברייטערן די רייען פון „החלוץ" און פאַרגרעסערן די צאָל פון זיינע הכשרה־פונקטן, סיי ביים אָרגאַניזירן די יוגנט און ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע רייען פאַר וואַל־קאַמפּאַניעס צו שטאָט־ראָטן, צום סיים, אין די קהילות, שול־ און קולטור־טעטיקייטן, אַרבעט אין דער פּראָפעסיאָנע־לער באַוועגונג און אויך ביים שאַפן קאָאָפּעראַטיוון אד"גל. מ'קען אָבער ניט זאָגן, אַז די ביידע מינים טעטיקייטן זענען געווען שאַרף אָפּגעגרענעצט. שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם, וואָס פיל חברים אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ זענען געווען גלייכצייטיק אַקטיוו סיי אין דער „קעגנוואַרטס־אַרבעט" (ס'הייסט אין גלות־אַקטיוויטעטן), סיי אין דער א"י־אַרבעט (אין און פאַרן „החלוץ", אין און פאַר דער עלייה און הכשרה, אין דער שפּעטער־געשאַפענער ליגע פאַר אַרבעטנדיקן א"י אד"גל), האָט זיך אויך אָביעקטיוו געטומען שאַפן אַ סיטואַציע, אַז דווקא די א"י־אַרבעט האָט באַווירקט דעם גאַנג און עצם־דערפאָלג אָדער דורכפאַל פון דער גלות־אַרבעט.

פּוילן האָט דורכגעמאַכט עטלעכע עליות — די „דריטע", „פערטע" און „פינפטע" (איינגעשלאָסן די אַזוי־גערופענע „אומלעגאַלע", עלייה ב'). די ערשטע צוויי עליות האָבן געהאַט זייער אויפשוואונג, וואָס האָט גע־דויערט עטלעכע יאָר און אויך אַ פאַלן צוריק, אָדער פולן אָפּשטעל, וואָס איז אויך באַגלייט געוואָרן מיט אַ ירידה וואָס פלעגט ברענגען פעסימיזם און אַנטוישונג. די עלייה און ירידה פלעגן זיך שטאַרק אָפּרופן אויף דער פּאַרטיי. אין צייטן פון עלייה האָט די פּאַרטיי געהאַט אַ צופלוס; אין די צייטן פון ירידה פלעגט זי ליידן פון אַן אָפּפלוס פון מיטגלידער, וואָס איז געווען באַזונדער שטאַרק נאָכן קריזיס אין דער „פערטער עלייה" און דער אַנטוישונג וואָס עס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך באַזונדערס די „גראַבסקי־עלעמענטן" פון דער עלייה.

ביי די סיים־וואַלן אין 1928 האָט פּועלי־ציון־צ. ס. גערופן די יידישע אַרבעטער צו שטימען פאַר אַרבעטער־ליסטעס, וואָס האָבן אויסזיכט און דערפאָלג. קיין אייגענע ליסטע איז ניט געווען.

כדי צו שטאַרקן די אַרבעט איז קיין פּוילן געקומען פון א"י אינזש. א. רייס, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי. אויך ח' מלך ניישטאַט פון א"י (געשטאָרבן מיט אייניקע יאָר צוריק אין ישראל), וואָס האָט איבערגענומען די לייטונג פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנ־דיקן א"י אין וואַרשע, האָט זיך שטאַרק באַטייליקט אין אַלע פּאַרטיי־אַקטי־וויטעטן. שפּעטער זענען אויך צוגעקומען די ח"ח ח. העניג (פון קראָקע), א. בערגמאַן (לעמבערג), י. טיגער (לאָדזש), אַרקע ווײַנער (פירנדיקער חבר

פון פינסק) און יוחנן מאַרגענשטערן (פון זאַמאָשטש, אומגעקומען אין וואַר־שע, וואו ער האָט רעפּרעזענטירט די פּאַרטיי אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון געטאָ).

דער וואַל־קאַמף צום סיים אין 1930

דער וואוקס פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי האָט איר אויך געבראַכט אַ ניצחון אין די אינערלעך־פּאָליטישע פאַרהעלטענישן צווישן די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען. בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע צום סיים אין יאָר 1930 האָט דער „בונד" צום ערשטן מאָל אָנערקענט די עקזיסטענץ פון פּועלי־ציון אַלס פּאָליטישע קראַפט און אַלט אַרבעטער־פּאַרטיי און געשלאָסן מיט פּועלי־ציון (צ. ס.) אַ בלאָק צו די וואַלן, אין וועלכן עס איז אויך אַריין די קליינע גרופּע פון די „אומאָפּהענגיקע" פּוילישע סאָציאַליסטן. דער „בונד", וואָס האָט שטענדיק געקוקט אויף זיך ווי אויפן „איינציקן פאָרשטייער" פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַלטער קעגנערשאַפט צום ציוניסטישן סאָציאַליזם און האָט אָנערקענט די פאַראייניקטע פּאַרטיי אַלס אַ חשובער פאַקטאָר אין יידישן אַרבעטער־לעבן, טראָצדעם וואָס די לינקע פּועלי־ציון זענען פון זיי אָפּגעשפּאָלטן און גייען זעלבשטענדיק צו די וואַלן. דער וואַל־בלאָק פון „בונד" און פּועלי־ציון (צ. ס.) האָט געבראַכט אויך צו דעם, אַז אין דער וואַל־פּלאַטפאָרם איז „בונד" איינגעגאַנגען אויף איינשליסן דעם פּונקט פון דער נויטיקייט פון קאָמפּאַקטער קאָלאָניזאַציע פאַר דער פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יידישע מאַסן.

דער וואַל־בלאָק פון „בונד", פּועלי־ציון (צ. ס.) און די „אומאָפּהענגי־קע" האָט, ליידער, ניט געהאַט קיין הצלחה און האָט ניט באַוויזן דורכפירן קיין דעפּוטאַט אין סיים. וואָלטן אָבער די לינקע פּועלי־ציון זיך אָנגע־שלאָסן צוזאַמען מיט פּועלי־ציון (צ. ס.), אָן דעם געמיינזאַמען וואַל־בלאָק מיטן „בונד", דאַן איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַ פאַראייניקטע ליסטע פון ביידע פּועלי־ציון־פּאַרטייען און דעם „בונד" וואָלט געקראָגן די נייטיקע צאָל שטימען און דורכגעפירט אַ יידישן אַרבעטער־דעפּוטאַט אין דעמזעל־ביקן פּוילישן סיים, וואָס האָט געוואוסט נאָר פון יידישע בירגערלעכע דע־פּוטאַטן, זינט דעם גרויסן יידישן וואַל־ניצחון אין יאָר 1922.

דאָס צוזאַמענגיין פון פּועלי־ציון מיטן „לינק־סאָציאַליסטישן בלאָק" האָט געבראַכט צו דעם, אַז די מאַכט האָט אָנגעהויבן גאָר שאַרף רודפן די פּועלי־ציון (צ. ס.) און פאַרפאָלגן זייער צענטראַל־אָרגאַן „באַפרייאונג". ווייזט אויס, אַז די מאַכט האָט הויך געהאַלטן די וואַל־אויסזיכטן פונעם בלאָק און האָט ניט געוואָלט דערלאָזן צו זיין דערפאָלג. די כסדרדיקע קאָנפיסקאַציעס האָבן פּשוט אונטערגעגראָבן דעם מצב פון „באַפרייאונג", וואָס האָט גע־ליטן נאָך פון פריערדיקע דעפיציטן. די פּרעסע־ און אַנדערע רדיפות האָבן זיכער געבראַכט פיל שאָדן דעם בלאָק.

דער דורכפֿאַל פֿון אַרבעטער־בלאָק איז אָפּגעשאַצט געוואָרן פֿון פּ. פּ. ס.־ישן „ראַבאָטניק", אַלס באַווייז פֿון דער שוואַכקייט פֿון אַרבעטער־קלאַס אין פּוילישן יידנטום בכלל (בפרט אַז „בונד" האָט אויך פֿריער ניט באַוויזן צו באַקומען אַ דעפּוטאַט אין סיים), היות עס באַשטייט ס׳רוב פֿון מיטלשטאַנד און קליינבירגערטום. דידאָזיקע מיינונג איז נאָך פֿריער געווען פּאָפּולער צווישן געוויסע פּוילישע אַרבעטער־קרייזן, וואָס זענען געווען אונטערן איינפֿלוס פֿון אָרטאָדאָקסישן מאַרקסיזם, און זיך אויך געהאַלטן אַלס אָנהענגער פֿון קאַרל קויטסקי, וואָס האָט בשעתו, כידוע, געגאָלטן אַלס בעסטער אויסטייטשער פֿון דער מאַרקסיסטישער דאָקטרין. טייל אָנפֿירנדיקע קרייזן פֿון פּ. פּ. ס. האָבן אויך געטיילט די מיינונג פֿון קויטסקין איבער דער נויטווענדיקייט פֿון אַסימילאַציע פֿון די יידן און האָבן אויך געהאַלטן, אַז אין די תנאים פֿון פֿולער פֿרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג וועט קומען צו אַסימילאַציע אין פּוילן, פּונקט ווי עס איז געשען אין מערב־איראָפּע (אַ שטאַנדפּונקט וואָס איז אויך, אַגב, געטיילט געוואָרן דורך לענינען און סטאַלינען און איז אַקצעפּטירט געוואָרן דורכן גאַנצן באָלשעוויזם).

צום אונטערשיד פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט שאַרף באַקעמפֿט די שטעלונג פֿון „בונד" אַלס „איינציקן פֿאָרשטייער" פֿון יידישן אַרבעטער־קלאַס, האָט פּ. פּ. ס. אין נייעם פּוילן שטיל־שווייגנדיק מסכים געווען צו דער איינציקער פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿון „בונד" (הגם אין אירע גרינדונגס־יאָרן האָט פּ. פּ. ס. געהאַט ביי זיך עפּעס אַ יידישע סעקציע און איר פֿירער פּילסודסקי האָט אַפֿילו אַרויסגעלאָזן יידישע פּראָקלאַמאַציעס, רופֿנדיק אין זיי די יידישע אַרבעטער צו קעמפֿן פֿאַר פּוילנס זעלבשטענדיקייט, וואָס עס וועט אויך ברענגען פֿרייהייט און גלייכע רעכט צו יידן).

דאָס צוזאַמענגיין מיטן „בונד" האָט באַוואויגן פּ. פּ. ס. צו אָנערקענען דאָס רעכט פֿון יידן אויף אַן אייגענעם שול־וועזן. עס איז אָבער פֿאַרבליבן אַ קעגנערשאַפֿט צום ציוניזם. נאָכן צוזאַמענגיין פֿון פּועלי־ציון מיטן „בונד" האָט די פּ. פּ. ס. אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט די ערשטע און מיט זייער אידעאָלאָגיע. אויף די שפּאַלטן פֿון „ראָבאָטניק" זענען דערשינען אַ פּאָר גאַנץ שוואַכע אַרטיקלען פֿון אַ פֿירער פֿון זייער יוגנט (דאַכט זיך, אויך פֿון יידישער אָפּשטאַמונג). דער אומדערפֿאַרענער שרייבער האָט אויך געווידמעט אַן אַרטיקל באָראָכאָוון, וועמען ער האָט כאַראַקטעריזירט אַלס „יידישן פּרודאָן", מיינענדיק דערמיט צו שטעמפּלען אים, לויטן באַקאַנטן אַלט־מאַרקסיסטישן מינהג, אַלס „קליינבירגערלעכן סאָציאַליסט". שפּעטער, מיטן וואוקס פֿון דער „פֿינפֿטער עליה" האָט אַ ריי פּ. פּ. ס.־טוער זיך דערנענטערט צו פּועלי־ציון. אַנדזשעי סטרוג, דער באַקאַנטער פּוילישער שרייבער און גייסטיקער פֿירער פֿון פּ. פּ. ס., האָט דער ערשטער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט פּועלי־ציון און אויך באַזוכט א״י, צוריקקומענדיק פֿון דאָרטן באַגייסטערט פֿאַרן אַרבעטנדיקן א״י און דער הסתדרות. פֿון די פּאָליטישע

טוער האָבן זיך שטאַרק דערנענטערט צו פּועלי־ציון: מ. ניעדזשאַלקאָווסקי, קוואַפּינסקי, י. באַרסקי (וואָס האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור צו גונסטן פון ציוניזם), י. שומסקי, דער פּ.פּ.ס. יוגנט־ און קולטור־טוער, א. גראָס (די לעצטע ביידע פון קראָקע). חברים פון פּועלי־ציון פלעגן אַרויסטרעטן אויף מאַי־דעמאָנסטראַציעס פון דער פּ.פּ.ס. און פאַרקערט, און די באַציאונגען צווישן ביידע פּאַרטייען זענען שפּעטער געוואָרן מער נאָענטע.

די שול־ און קולטור־טעטיקייט און די גרינדונג פון „שול־קולט"

די פּועלי־ציון (צ. ס.) האָבן געפירט זייער שול־ און קולטור־טעטיקייט דער עיקר אין יידיש. דאָס האָט אָבער בשום אופן ניט געהייסן, אַז זיי וואַרפן־אָפּ די טעטיקייט אין העברעאיש. פאַרקערט, די פּאַרטיי האָט אָנערקענט, אַז העברעאיש איז די שפּראַך פון יידישן יישוב אין א"י, און בהסכם מיט דעם איז די דערציאונגס־טעטיקייט פון דעם חלוצישן, דעם באַדייטנדיקסטן טייל פון דער פּאַרטיי, געגאַנגען אין דער העברעאישער שפּראַך. צ. ס. צעירי־ציון האָבן, פאַר דער פאַראייניקונג מיט פּועלי־ציון, אויך אַרויסגעגעבן אַ מאָנאַט־שריפט אין העברעאיש, „העובד", אונטער דער רעדאַקציע פון צבי ראָזענשטיין און ישראל ריטאָוו, ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פון גאַנצן „סטעף" פון יידישן וואָכנבלאַט „באַפרייאונג". פּועלי־ציון (צ. ס.) האָט זיך אָבער גערעכנט מיטן פאַקט, וואָס יידיש, אַלס די שפּראַך פון די יידישע מאַסן אין פּוילן, איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַר דער שול־ און קולטור־אַרבעט פון דער פּאַרטיי און די נאָענטסטע צו איר אָרגאַניזאַציעס. אַלס אומגאַנגס־שפּראַך איז פאַר יידיש אויך לייכטער געוועזן צו קעמפן פאַר אַנערקענונג אין די געזעצגעבערישע און אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען פון דער מלוכה־מאַכט, וואָס האָט זיך, כידוע, פאַרפליכטעט, לויטן מינדערהייטס־טראַקטאַט פון ווערסאַילער שלום־אָפּמאַך פון יאָר 1919, צו אַנערקענען די רעכט פון די יידן אין פּוילן אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די פּועלי־ציון (צ. ס.) האָבן, גלייכצייטיק מיט זייער העברעאיזם אין באַצוג צו א"י און צו די חלוצישע און אַנדערע מאַסן, וואָס גרייטן זיך צו לעבן אין א"י, געפירט איר דערציאונגס־אַרבעט אויפן אָרט, אין פּוילן גופא, אין יידיש. די פּאַרטיי האָט אין דעם געביט אויך מיטגעאַרבעט מיט די פירנדיקע שול־ און דערציאונגס־צענטערן אין לאַנד, מיט צ. י. ש. אָ. (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע) אין וואַרשע און מיטן צ. ב. ק. (צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט) אין ווילנע.

אַ שינוי אין דער הינזיכט איז פאָרגעקומען, נאָך די טרויעריקע געשעענישן אין א"י אין 1929. דידאָזיקע געשעענישן האָבן אויפגעטרייסלט דעם יידישן ציבור אין פּוילן. אַן אויסנאַם איז געווען דער „בונד" און די

קאָמוניסטן, וואָס האָבן, צוליב זייער אַנטי־ציוניזם, אַנגענומען אַ שטעלונג לגבי די געשעענישן, וואָס האָט, לויט דער מיינונג פון דער ציוניסטישער וועלט, געגרענעצט מיט נאַציאָנאַלן פאַרראַט. די ענג־פּאַרטייאישע שטעלונג פון „בונד" איז שאַרף געשטעמפּלט געוואָרן דורך די פאַרשטייער פון פּועלי־ציון (צ. ס.), וואָס האָבן אויך געפאָדערט, אַז די צ. י. ש. אָ., אַלס געמיינזאַמע שול־אָרגאַניזאַציע פון „בונד" אוןביידע פליגלען פון פּועלי־ציון, זאָל זיך שאַרף אָפּגרענעצן פון דער שטעלונג פון „בונד", וואָס איז דאָרטן אויך גע־ווען די אָנפירנדיקע קראַפט. ווען דאָס איז ניט אָנגענומען געוואָרן, האָט פּועלי־ציון (צ. ס.) פאַרלאָזן די צ. י. ש. אָ. און האָט אַריבערגעפירט איר גאַנצע אַרבעט אין דעם „שול־קולט", וואָס איז זינט דאַן געוואָרן די שול־און קולטור־אָרגאַניזאַציע פון פּועלי־ציון (צ. ס.).

דער „שול־קולט" וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1928 דורך אַ גרופּע יידישע שרייבער און כלל־טוער אין פּוילן, וועלכע זענען ניט געווען איינפאַרשטאַנען מיטן קלאַסן־כאַראַקטער פון דער צ. י. ש. אָ. וואָס איז באַ־שטאַנען בלויז פון סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, איז לכתחילה אָנ־געפירט געוואָרן דורך אַ פּאָר מיטאַרבעטער פון דער ציוניסטישער טאָג־צייטונג „היינט", וואָס האָבן איינגעזען די נויטווענדיקייט פון אַ שול־וועזן אין יידיש. דער געדאַנק איז דערביי געווען צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פאַר אַ שול־ און קולטור־וועזן אין יידיש, אָבער ניט אויף אַ פּראָלעטאַרישער נאָר אַלגעמיין־יידישער באַזע. בראש פון „שול־קולט" זענען דאַן געשטאַנען: אברהם גאָלדבערג, אהרון איינהאָרן, איטשעלע (יאושזאָן) און אַנדערע באַ־קאַנטע ציוניסטישע שרייבער. אָבער די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַנטוויקלט שוואַך. דער אַריינטריט פון פּועלי־ציון (צ. ס.) האָט געבראַכט דעם „שול־קולט" די נייטיקע געהעריקע באַזע, וואָרעם מיטן דאָזיקן אַריינטריט האָט זי באַקומען אַ צאָלרייכע מיטגלידערשאַפט פון די חברים און סימפּאַטיקער פון פּועלי־ציון (צ. ס.). די פאַרשטייער פון פּועלי־ציון האָבן אויך איבער־גענומען די אָנפירונג פון „שול־קולט". אין זיין פאַרוואַלטונג און ראַט זענען אַריין: יהושוע חפץ, א. גראָדזענסקי (ביידע אין א"י), רחל שטיין, וו. קאָ־בינסקי, מ. כמעלניק, ביילע קלאַטניצקאַ, י. ישראלי (אַלע אומגעקומען בעתן צווייטן וועלט־קריג), ב. בורשטין (ווילנע), לייזער לעווין (לאָדזש), ד"ר מ. גראָספעלד (ביאַליסטאָק), ד"ר קאַגאַן (באַראַנאָוויטש) און אַנדערע. א. גראָ־דזענסקי איז געוואָרן סעקרעטאַר פון „שול־קולט", און היות די ערשטע איניציאַטאָרן פון „שול־קולט" זענען אָפּגעקילט געוואָרן אין זייער ברען פאַר יידיש, איז גאַנץ „שול־קולט" פאַקטיש אַריבער אין רשות פון פּועלי־ציון (צ. ס.).

דורכן „שול־קולט" האָט די פּאַרטיי ביסלעכוויז געשאַפן אַ נייעם טיפּ יידישע שול. ביז דאַן איז יידיש געווען פאַרבונדן דורך זיינע אַנטי־ציוניס־טישע טרעגער מיט קעגנערשאַפט צום ציוניזם און דער אויפבוי־אַרבעט אין א"י. די שולן פון צ. י. ש. אָ. זענען געשטאַנען דער עיקר אונטער דער

השפעה פון אַנטי־ציוניסטישן „בונד" און האָבן פּשוט געווייכט פון ציוניזם, אַפילו פון דער אַרבעט וואָס עס האָט געפירט די א"י־אַרבעטערשאַפט און די הסתדרות. פּועלי־ציון (צ. ס.) האָט אָבער דורכן „שול־קולט" געשאַפן אַ שול, מיט יידיש אַלס אונטעריכטס־שפּראַך, אָבער גלייכצייטיק מיט אַ גרויסן פּלאַץ פאַר העברעאיש און פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון יידישן לעבן אין א"י. טראָץ די רייבונגען וואָס זענען דאַן געווען צווישן פּועלי־ציון און דער א"י־אַרבעטערשאַפט אויפן שפּראַכן־געביט, האָבן די שליחים אירע, וואָס האָבן באַזוכט פּוילן, געהאַט אַ מעגלעכקייט צו איבערצייגן זיך, אַז די שולן פון „שול־קולט" זענען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון חלוציזם און דער הסתדרות. עס האָבן ניט געפעלט קיין פאַלן ווען אָנפירנדיקע חברים פון א"י האָבן, טראָץ זייער עקסטרעמער צוגעבונדנקייט צו עברית, געפונען ווערטער פון ליוב און דערמוטיקונג פאַר די שולן פון „שול־קולט".

„שול־קולט" האָט מיט דער צייט באַקומען איבערן לאַנד אַ נעץ פון העכער צוויי צענדליק שולן און אַ צאָל קינדער־היימען, ווי אויך ביבליאָטעקן, אָוונט־קורסן, קורסן פאַר העברעאיש, פאַר דערוואַקסענע אד"גל. וואַרשע האָט געהאַט אַ שול אויפן נאָמען פון שלום אַש, אָנגעפירט דורך י. טיגער (געשטאָרבן אַ קורצע צייט צוריק אין יגור),ביילע קלאַטניצקע און י. קאַנינסקי (שוואָגער פון עמנואל רינגלבלום; ביידע שול־טוער זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ); די גלענצנדיקע שול אין הרוביעשאָוו איז אָנגעפירט געוואָרן פון פ. פּאַליושקא (איצט אין ישראל); אַ מוסטער־שול אין בריסק; אין ווילנע האָט „שול־קולט" איבערגענומען די גרויסע שול פון „מפיצי־השכלה" מיט 8 קלאַסן און 14 אָפּטיילונגען, וואָס האָבן געהאַט 500 קינדער. פון די קינדער־היימען דאַרף דערמאָנט ווערן דאָס קינדער־היים אין סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסקי.

דער שטילשטאַנד אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי איז געקומען אין סוף פון די 20ער און אָנהייב 30ער יאָרן. ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער ירידה פון די „גראַבסקי"־עלעמענטן פון דער „פערטער עלייה", וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך פּעסימיזם און ייאוש.

דער שפּעטערדיקער פאַרבאָט פונעם „פּאַסבילד־וויסבוך" אויף ווייטער־דיקער יידישער עלייה קיין א"י האָט מאָביליזירט די גאַנצע באַוועגונג צום קאַמף קעגן דער רשעותדיקער גזירה, וואָס איז, אגב, געקומען נאָך דערצו פון אַ זייט, פון וועלכער די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט האָט עס ניט דער־וואַרט — פון אַ מיניסטער פון דער „לייבאָר"־רעגירונג.

אין די ערשטע יאָרן פון דער „פינפטער עלייה", וואָס האָט זיך שפּע־טער שטאַרק אויסגעברייטערט, איז אויך געקומען צו אַ נייעם אויפשוואונג אין דער פּאַרטיי־אַרבעט. די צאָל חברים האָט גענומען שטייגן. עס האָט זיך אויסגעברייטערט די אַרבעט פון „החלוץ", געוואַקסן די הכשרה־פּלעצער, די טעטיקייט צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אַ גרויסן חלק אין דעם האָט געשפּילט די פּרשה „קאָמיסיע פון לאָרד פּיל", וואָס איז דאַן אינמיטן

פון די 30ער יאָרן אַראָפּגעקומען קיין א״י, כדי צו לייזן דעם קאָנפליקט צווישן יידן און אַראַבער, וואָס האָט אויפגעפלאַקערט נאָך די געשעענישן פון יאָר 1929. די קאָמיסיע איז, ווי באַקאַנט, געקומען צום אויספיר וועגן דער נויטווענדיקייט צו צעטיילן א״י און צו שאַפן דאָרטן אַ מלוכה פאַר יידן. אַט־דיזאָזיקע דערפרייענדיקע ידיעה האָט אויף דער פאַראומערטער יידישער גאַס אין פּוילן, וואָס איז דאַן געווען דערשטיקט פון דער וואַקסנדיקער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין לאַנד און די ביטערע ידיעות פון שכנותדיקן נאַצי־באַהערשטן דייטשלאַנד, אַריינגעבראַכט פרייד און מונטערקייט. די דיסקוסיע צווישן די „יאַ־זאָגער" און „ניין־זאָגער" בנוגע דעם פּלאַן פון דער פּיל־קאָמיסיע האָט דאַן באַהערשט דעם גאַנצן ציוניזם. בעת אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג זענען די שטימען געווען כמעט האַלבירט, מיט אַ קליינעם רוב פאַר „יאָ", איז „עמד" אין דער איבערוויגנדיקער מערהייט געווען פאַרן פּלאַן — ווי עס האָבן, אַ שטייגער, באַוויזן אָפּשטימונגען אין אַ ריי פּראָפּעסיאָנעלע פאַראיינען פון פּועלי־ציון.

די אויסברייטערונג אין דער אַרבעט האָט געבראַכט אין צענטער אַ צאָל פירנדיקע פּראָווינץ־חברים, ווי יוחנן מאָרגנשטערן (פון זאַמאָשטש), מ. ל. שצופּאַקעוויטש (פון ביאַליסטאָק; געווען סעקרעטאַר פון צ. ק. ביזן סאַמע קריג, איצט אין שיקאַגאָ), וו. ראַמאַנאַווסקי (פון סלאָנים, איצט אין ישראל), כאַצקל ראַבינאָוויטש (פון ווילנע, איצט אין ישראל). שפּעטער איז אין אַפּאַראַט פון צ. ק. אַריין אַרבעטן שלום גראַיעק (ח׳ סטעפאַן, מיטגליד פון דער אָנפירונג מיטן געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, איצט אין ישראל), יוסף סאַק (פון וולאָצלאַוועק, איצט אין ישראל).

די פאַראייניקונג פון „אחדות־העבודה" מיטן „הפועל־הצעיר" און די שאַפונג פון „מפא״י"

די א״י־אַרבעטערשאַפט האָט אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער קאָנסאָלידאַציע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. אין דער הינזיכט איז די השפעה פון א״י געגאַנגען פונקט להיפך צו די שפּאַלטונגס־ און אָפּזונדערונגס־טענדענצן, וואָס זענען געווען אין די גלות־לענדער.

נאָך דער פאַראייניקונג פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון און צעירי־ציון (צ. ס.) אין 1925, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך צו דער פאַראייניקונג פון צ. ס. צעירי־ציון מיט די רעכטע פּועלי־ציון אין פּוילן, איז אין 1930 געקומען אין א״י צום איחוד פון „אחדות־העבודה" און „הפועל־הצעיר", וואָס האָבן זיך ביידע פאַראייניקט אין איין אַרבעטער־פּאַרטיי — מפא״י.

ווי אַ רעזולטאַט פון דעם איז אויך געקומען צו דער פאַראייניקונג פון

זייערע אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַניזאַציעס אין חוץ־לארץ, ד״ה פון פּועלי־ציון (צ. ס.) און „התאחדות״. אין פּוילן האָט אָבער די פּאַראייניקונג אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן. די פּועלי־ציון (צ. ס.), הגם זיי האָבן אין פּרינציפּ אָנער־קענט די פּאָרגעקומענע קאָנסאָלידאַציע פוןביידע אַרבעטער־פּאַרטייען אין א״י און דער איינהייטלעכער מפא״י און האָבן אויך גאָרניט געהאַט קעגן אַנטשפּרעכנדיקע איחודים פון פּועלי־ציון און „התאחדות״ דאָרטן וואו דאָס איז מעגלעך און געוואונטשן, האָבן זיי אָבער צוליב אַ ריי פּרינציפּיעלע סיבות ניט מסכים געווען אויפן איחוד אין פּוילן. די סיבות זענען געווען פּאָלגנ־דיקע: פּועלי־ציון (צ. ס.) זענען אין פּאָליטישן לעבן געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־קאַמף, פּאָדערנדיק צו שאַפן איינהייטלעכע אַר־בעטער־בלאָקן סיי ביי די וואַלן צום סיים, סיי ביי אָרטיקע מוניציפּאַלע וואַלן, בעת „התאחדות״ איז געווען פּאַר אַ כלל־ישראל־פּאָליטיק; פּועלי־ציון (צ. ס.) האָט געהאַלטן, אַז איר קולטור־ און שול־אַרבעט דאַרף געפירט ווערן אין יידיש, בעת „התאחדות״ האָט געפירט איר קולטור־אַרבעט נאָר אין העברעאיש און בלויז דורך „תרבות״, וואָס האָט געהאַט נאָר העברע־אישע שולן. היות „התאחדות״ האָט אין די ביידע פּונקטן ניט נאָכגעגעבן, איז אין פּוילן צו קיין איחוד ניט געקומען. ער איז אָבער יאָ צושטאַנד גע־קומען אין מזרח־גאַליציע, וואו „התאחדות״ איז געווען די שטאַרקערע אָר־גאַניזאַציע.

אין פּוילן זענען דערווייל פּאָרגעקומען וויכטיקע שינויים. די הערשנ־דיקע „סאַנאַציע״, וואָס איר פירער פּילסודסקי האָט דורכגעפירט אין 1926 אַן איבערקערעניש אין לאַנד, כדי עס כלומרשט צו שיצן קעגן דער רעאַק־ציאָנערער ענדעציע מיט אירע דיקטאַטאָריש־פּאַשיסטישע נייגונגען, האָט זיך אַליין פּאַרוואַנדלט אין אַ פּאַשיסטישן מושל. ניט קענענדיק דערגרייכן פּאַר זיך קיין מערהייט אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן, האָט די „סאַנאַציע״ ביסלעכווייז אָפּגעשאַפט די פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע און האָט לויטן מוסטער פון דייטשלאַנד איינגעפירט אַן איין־פּאַרטיי־סיסטעם, ביי די וואַלן צום סיים. די פּאָליטישע פּאַרטייען זענען ניט פּאַרבאָטן געוואָרן, אָבער זייער ווירקונגס־קרייז איז באַגרענעצט געוואָרן בלויז צו די אָרטיקע מוני־ציפּאַלע וואַלן. אַדאַנק דעם ביסל פרייהייט האָבן אויך די יידישע פּאַרטייען געקענט עקזיסטירן צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען אין לאַנד. די יידן האָבן אָבער געהאַט אויסצושטיין דעם דראַנג און אָנגריף פון אַ באַנייטן, פּויליש־סאַנאַטאָרישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער איז באמת קעגן פּאָגראָם־אַרויסטרעטונגען לגבי יידן, אָבער ער איז מיטן גאַנצן האַרצן פּאַר דער פּאָליטיק פון אַרויסשטויסן די יידן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. די יידן זענען דערקלערט געוואָרן אָפיציעל פּאַר בירגער פון אַ צווייטער מדריגה, קעגן וועלכע די פּוילישע באַפעלקערונג מעג און דאַרף פירן אַ שטילן „קאַלטן פּאָגראָם״ פון עקאָנאָמישער אויסראָ־טונג. די פּאָליטיק פון דער „סאַנאַציע״ האָט צוגעצויגן צו זיך אַנדערע אַנטי־

סעמיטישע עלעמענטן, איינשליסלעך יענע וואָס האָבן גראָד ניט געהאַלטן פון קעמפן קעגן די יידן אין „ווייסע הענטשקעס״, וואָס האָבן זיך אָבער געלאָזט פילן אין דער סעריע פּאָגראָמען אין פּשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצקי, בריסק, טשענסטאָכאָוו אאַ״וו.

די פּועלי־ציון (צ. ס.), שטייענדיק פּנים־אל־פּנים מיט דעם כסדר־וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם פון די הערשנדיקע קרייזן, האָט ווייטער פאַר־געזעצט דעם קאַמף קעגן דער רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם, רופנדיק די יידישע מאַסן צום אָפּוועט און צו עקאָנאָמישער זעלבסטהילף קעגן די פּרואוון אַרויסצושטויסן זיי פון ווירטשאַפטלעכן לעבן. גלייכצייטיק אָבער האָט פּועלי־ציון (צ. ס.) געהאָלפן מיט אַלע מיטלען דער יידישער יוגנט, וואָס האָט געשטראָמט אין די רייען פון „החלוץ״, פאַר ווירטשאַפטלעכער און גייסטיקער הכשרה פאַר א״י.

צום אונטערשיד פון „בונד״ און אַנדערע גלות־גרופּירונגען האָט די פּאַרטיי ניט געזען קיין שום סתירה אינעם דאָזיקן צווייזייטיקן קאַמף: מיט איין האַנט האָט זי געטאָן וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן פאַר שטאַרקן די פּאָזיציעס פון די באַדראָטע מאַסן און מיט דער אַנדערער האָט זי געהאָלפן דער עליה־שטרעבונג פון דיזעלביקע מאַסן, בפרט פון דער יוגנט, אייג־זעענדיק אין דעם ניט בלויז אַ געזונטע תרופה פאַר די וואַקסנדיקע עקאָ־נאָמישע נויטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך אַ וועג פאַר איר קאָמפּלעטער אויסלייזונג אין דעם אייגענעם צענטער אין א״י. אָט־דער צווייזייטיקער קאַמף פון דער פּאַרטיי האָט זי ביסלעכווייז געמאַכט באַזונדערס פּאָפּולער אויף דער יידישער גאַס, און האָט אויך געבראַכט צו דעם, אַז צום סוף פונעם דערמאָנטן פּעריאָד איז די פּועלי־ציון צ. ס. געוואָרן — ווי מ׳קען זען פון די וואַלן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן — די אָנפירנדיקע קראַפט אין פּוילישן ציוניזם. היות קיין דעמאָקראַטישע וואַלן צום סיים זענען שוין ניט געווען, האָבן די קאָנגרעס־וואַלן אָפּגעשפּיגלט אַלץ מער, באַזונדערס צוליב דער שטייגנדיקער צאָל פון די באַטייליקטע, די כוחות־פאַרהעלטעניש אויף דער יידישער גאַס און דעם אויפשוואונג פון פּועלי־ציון (צ. ס.).

ווי אַן אַריינפיר צו אָט־דעם אויפשוואונג קען באַטראַכט ווערן דער ערשטער קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן א״י, וואָס איז אין יאָר 1929 אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בערלין. צו אָט־דעם קאָנגרעס איז געקומען אַ צאָלרייכע דעלעגאַציע פון פּועלי־ציון און „החלוץ״, וואָס איז צאָלמעסיק געווען פיל שטאַרקער פון די אַנדערע דעלעגאַציעס פון אַרבעטנדיקן א״י ווי די לינקע פּועלי־ציון, „התאחדות״, „השומר־הצעיר״ און אַנדערע.

דער וואוקס פון די ציוניסטישע שטימונגען האָט אָבער גלייכצייטיק געבראַכט צום אויפשטייג פון דעם רעכט־ראַדיקאַלן פליגל אין ציוניזם — דעם רעוויזיאָניזם. דער לעצטער וואָס האָט אָנגעהויבן אָפּערירן מיטן לאָזונג פון „עוואַקואַציע״ האָט באַלד געפונען די לייטזעליקייט אין די אויגן פון

די הערשנדיקע רעאַקציאָנערע פוילישע קרייזן, וואָס האָבן אים שפּעטער אַפילו גענומען פּאַוואָריזירן, היות די „עוואַקואַציע״־טעאָריע איז געלעגן אויף דער ליניע פון דער „סאַנאַציע״, וואָס האָט שפּעטער אַפילו גענומען זוכן אַ טעריטאָריע פאַר די ייִדן אין מאַדאַגאַסקאַר.

די שאַפונג פון דער טאָג־צייטונג „דאָס וואָרט״

דער רעוויזיאָניזם וואָס האָט געוואונען גרויסע טיילן פון ייִדישן בירגערטום האָט דאָן אויך באַקומען אַ שטאַרקע פּרעסע־טריבונע. פריער אין דער טאָגצייטונג „היינט״, וואו זשאַבאָטינסקי איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער טראָצדעם וואָס די צייטונג האָט, כידוע, געגאָלטן אַלס פּרעסע־אָרגאַן פון די פּראָגרעסיווע ציוניסטן פון גרינבוימס גרופּע, און שפּעטער אין „מאָמענט״, וואָס איז פריער געווען נאָענט צו דער גרופּע „ב״ און מזרחי, איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעוויזיאָניסטישער צייטונג. אויך דער קאָמיסאַר וואָס איז אַ יאָר פאַרן קריג אַריינגעזעצט געוואָרן דורך דער רעגירונג נאָכן באַנקראָט פון „מאָמענט״, איז געווען אַ באַקאַנטער רעוויזיאָניסטישער טוער.

כדי קעגנווירקן דעם רעוויזיאָניזם האָט פּועלי־ציון (צ. ס.) געגרינדעט — ביי דער נאָענטסטער הילף פון מפא״י — די טאָגצייטונג „דאָס וואָרט״, אַלס אָרגאַן פון גאַנצן פליגל פון אַרבעטנדיקן א״י. אינעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט פאַר „דאָס וואָרט״, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אָנהייב פון יאָר 1933, זיינען, חוץ פּועלי־ציון (צ. ס.), אויך געווען פאָרשטייער פון „החלוץ״, פון דער פאַראייניקטער התאחדות־פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין מזרח־גאַליציע און פון „השומר הצעיר״. דער לעצטער האָט אויסגענומען פאַר זיך דאָס רעכט צו פאַרטיידיקן אין דער צייטונג זיין אייגענע שטעלונג אין דער שפּראַכן־פראַגע („השומר־הצעיר״ איז געווען העבראַיסטיש עקסטרעם און האָט זיך באַטייליקט אין „תרבות״) ווי אויך אין דער פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַל, וואו ער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט פּועלי־ציון (צ. ס.) און מפא״י צוליב זיין לינק־סאָציאַליסטישער שטעלונג און זיין קעגנערשאַפט צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכןביידע דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס זענען געווען אָנגעשלאָסן. „דאָס וואָרט״ האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 5טן יולי 1933, ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פון ד. בן־גוריון, וואָס האָט דאַן, אין שייכות מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע צום 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס, זיך געפונען אין וואַרשע און האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אין די ערשטע נומערן פון דער צייטונג, סיי אונטער זיין נאָמען, סיי אונטער אַ פּסעוודאָנים. רעדאַקטאָר איז געווען — זלמן רובאַשאָוו (שזר). אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע זענען אַריין: פון פּועלי־ציון — דער שרייבער פון די שורות, א. רייס, מלך ניישטאַט, הערצל בערגער, אַלס סעקרעטאַר (די לעצטע

צווי זיינען געשטאָרבן ניט לאַנג צוריק אין ישראל) און ל. שפּיזמאַן, ה. קרוי (פון לאָדזש, געשטאָרבן אין ישראל); פון „החלוץ" — משה באַסאָק; פון „השומר־הצעיר" — יהודה גאָטהעלף (ביידע האָבן שפּעטער עולה געווען קיין א"י). אין דער לייטונג פון דער צייטונג זענען געווען באַזונדערס טעטיק די פאַרשטייער פון פּועלי־ציון (צ. ס.) א. ביאַלאָפּאָלסקי און יהושוע חפץ, וואָס איז מיט מ. ניישטאַט געווען באַזונדערס בייהילפיק ביים שאַפן דאָס נייטיקע געלט פאַר דער צייטונג.

נאָך דער וואַל־קאַמפּאַניע צום קאָנגרעס, ווען רובאַשאָוו איז אָפּגעפאָרן צוריק קיין א"י, איז די צייטונג ווייטער אָנגעפירט געוואָרן דורך דער אויבנדערמאָנטער קאָלעגיע. מיט דער אַדמיניסטראַציע האָבן אָנגעפירט די ח"ח י. אַראָנזאָן און א. גראַדזענסקי (ביידע שפּעטער עולה געווען קיין א"י, וואו דער ערשטער איז נאָך אַ געוויסער צייט געשטאָרבן אין חיפה).

„דאָס וואָרט" האָט צוליב מאַנגל אין געהעריקע געלט־מיטלען געהאַט בלויז איין אויסגאַבע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער פּראָווינץ, בעת אַלע אַנדערע יידישע צייטונגען אין וואַרשע האָבן געהאַט אויך אַ צווייטע אויסגאַבע, באַשטימט פאַר וואַרשע און אַ צאָל שטעטלעך נאָענט צו דער הויפּטשטאָט פון פוילן. טראָצדעם האָט עס געשפּילט אַ גרויסע ראָל בעתן וואַל־קאַמף צום קאָנגרעס און האָט פיל מיטגעהאָלפן צום זיג פון אַרבעטער־דיקן א"י, וואָס האָט געוואונען די גרעסטע צאָל שטימען און מאַנדאַטן צום קאָנגרעס (131 פון דער אַלגעמיינער צאָל פון 275). די באַוועגונג אין פוילן האָט דערמיט געקענט געבן די געהעריקע אונטערשטיצונג אויפן קאָנגרעס דער מפא"י, וואָס האָט אין א"י געוואונען 70 פּראָצענט פון אַלע מאַנדאַטן. צוזאַמען האָט די אַרבעטער־באַוועגונג געבילדעט די שטאַרקסטע פראַקציע אויפן קאָנגרעס און האָט באַוויזן אָפּצושלאָגן אַלע אַטאַקעס פון רעוויזיאָניסטישן פליגל, וואָס איז צייטנווייז געשטיצט געוואָרן דורך די רעכטע ציוניסטישע גרופּירונגען. דער זיג אין פוילן האָט אויך געהאָלפן דער מפא"י צו שאַפן ביים שלוס פון קאָנגרעס אַן עקזעקוטיווע אויף קאָאַליציע־יסודות מיט די פּראָגרעסיווע ציוניסטן פון דער גרופּע „א".

„דאָס וואָרט" האָט זיך צוליב מאַנגל אין מיטלען אָפּגעשטעלט נאָך 11 חדשים. די צייטונג איז אָבער באַנייט געוואָרן א"נ „דאָס נייע וואָרט", דעם 15טן מאַי 1935, אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר י. העלמאַן פון ריגע, וואָס איז דאַן געווען אין וואַרשע אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט פון לעטלאַנד, וואו עס איז פאָרגעקומען אַ פאַשיסטישע איבערקערעניש. ז. רובאַשאָוו האָט דאַן ניט געקענט פאַרלאָזן ארץ־ישראל. די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דער באַנייטער צייטונג איז באַשטאַנען פון נחום קאָנטאָראָוויטש, ש. לעווענבערג פון ריגע, ל. שפּיזמאַן, ה. קרוי, יחיאל האַלפּערן (שפּעטער עולה געווען קיין א"י), א. ביאַלאָפּאָלסקי פון החלוץ, נ. בנארי. אינעם סטעף זענען אויך אַריין: פּרץ אָפּאָטשינסקי פון לאָדזש (אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ), מ. קאַצאַנסקי (איצט אין ישראל), מ. באַבאַד פון

לאָדזש, ח. זאַלעשינסקי (יערי, איצט מיטאַרבעטער פון „דבר" אין ישראל), מרדכי אַלטער (איצט אין דפנה, ישראל), מ. קיטאי פון ריגע, וו. ראַמאַנאָוו־סקי (איצט רימון, אין ישראל), און מ. ב. שטיין (שפּעטער עולה געווען קיין ישראל; געשטאָרבן מיט איניקע יאָר צוריק). יחיאל לערער, מחבר פון „מיין היים" (אומגעקומען מיט זיין משפחה אין וואַרשעווער געטאָ), איז געווען קאָרעקטאָר. מיט דער אַדמיניסטראַציע האָבן אָנגעפירט קאַרדאַש און קאַזלאָווסקי. „דאָס נייע וואָרט" איז דערשינען ביזן 24טן נאָוועמבער 1937 ווען עס האָט זיך אָפּגעשטעלט צוליב מאַנגל אין מיטלען.

די באַוועגונג איז אָבער ניט געבליבן אָן אַ טאָג־צייטונג. אַ צוויי חדשים פאַרן צווייטן וועלט־קריג האָט געגומען דערשיינען „דאָס פאָלקסוואָרט", אַלס נאָכמיטאָג־צייטונג. רעדאַקטאָר איז געבליבן י. העלמאַן, סעקרעטאַר איז גע־ווען וו. ראַמאַנאָווסקי, דער איבעריקער פּערסאָנאַל איז געווען, ווי פריער, מיטן אויסנאַם פון ד"ר י. האַלפּערן און י. זאַלעשינסקי, וואָס האָבן עולה געווען קיין א"י. „פאָלקסוואָרט" איז נאָך דערשינען אין די ערשטע טעג פון צווייטן וועלט־קריג. בעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע האָט אַ דייטשע באָמבע חרוב געמאַכט די „באָראָכאָוו־היים" אויף גענשע 14, ווי אויך דעם הויף אויף נאַלעווקיס, קעגנאיבער דעם „מאָמענט", וואו עס האָט זיך גע־פונען די אייגענע דרוקעריי פון „פאָלקסוואָרט".

דער 18טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין פּראַג איז בכלל געווען אַן איבערברוך־קאָנגרעס אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זינט אים איז די אַרבעטערשאַפט געוואָרן די שטאַרקסטע פּראַקציע אויף די קאָנגרעסן און אויך דער אָנפירנדיקער כוח אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס איז, זינט פּראַג, געשטאַנען אונטערן צייכן פון מפא"י און דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין חוץ לארץ. דער רעוויזיאָניזם האָט נאָכן 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס בכלל פאַרלאָזן די ציוניסטישע באַ־וועגונג, ניט זעענדיק קיין שום אויסזיכט פאַר באַהערשן זי. דער דעמאָ־קראַטישער כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז פאַרזיכערט געוואָרן אויף שטענדיק. געשען איז עס ניט אין אַ קלענער מאָס מיט דער הילף פון ציוניסטישן אַרבעטער־בלאָק אין פּוילן, וואָס האָט געוואונען: אין יאָר 1933 — 42,5% שטימען צום קאָנגרעס, אין 1935 — 54,1%, אין 1937 — 57,4% פון אַלע שטימען וואָס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן צום קאָנ־גרעס אין ציריך, וואָס האָט באַהאַנדלט און אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטע־לונג צום פּלאַן פון דער פּיל־קאָמיסיע וועגן צעטיילן א"י און שאַפן דאָרט אַ אידישע מלוכה.

פּועלי־ציון צ. ס., וועלכע איז געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אַקטיוון ציוניזם און איז געווען אָנגעשלאָסן אָן מפא"י, איז פּאַקטיש געווען דער רוח־החיים פון גאַנצן פליגל פון אַרבעטנדיקן א"י אין פּוילן.

אין פּוילן גופא איז אָבער די לאַגע פון יידן געוואָרן אַלץ ערגער. היות דער סיים איז געווען באַזעצט דורך אייגענע מענטשן פון דער „סאַנאַציע"

און „אָזאָן", האָט די פּאָליטישע טעטיקייט אָנגענומען אַן אויסערפּאַרלאַמענ־טאַרישן כאַראַקטער. אַזוי איז אין מאַרץ 1936 דורכגעפירט געוואָרן אַ פּראָ־טעסט־שטרייק קעגן צעיושעטן אַנטיסעמיטיזם, אין שייכות מיט פּשיטיק, פאַרבאָט פון שחיטה און אַנדערע נגישות קעגן יידן. די פּועלי־ציון מיטן גאַנצן פליגל פון אַרבעטנדיקן א"י האָבן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין שטרייק. סוף מאַרץ איז זיך אויך צונויפגעקומען, אונטערן פאָרזיץ פון א. רייס, די באַראַטונג וועגן דורכפירן די צוגעגרייטע וואַלן צום יידישן וועלט־קאָנגרעס, צוליב וועלכע עס האָט געוויילט אין וואַרשע ב. צוקערמאַן, שליח פון וועלט־קאָנגרעס. אין לעצטן מאָמענט האָט אָבער די רעגירונג פאַרבאָטן די וואַלן.

צוליב דערזעלביקער סיבה זענען אויך ניט צושטאַנד געקומען ביידע „אַרבעטער־קאָנגרעסן צום קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם", וואָס זענען צונויפגערופן געוואָרן דורכן לאַגער פון אַרבעטנדיקן א"י פון איין זייט, און דורכן „בונד" מיט די לינקע פּועלי־ציון פון דער צווייטער זייט, הגם לכתחילה האָט געזאָלט זיין איין קאָנגרעס. די דופּליקאַציע איז געשען ווייל די לעצטע צוויי גרופּירונגען האָבן אויסגעשלאָסן פון פּראָגראַם פון קאָנגרעס די פראַגן פון עליה קיין א"י. דער סיכסוך צווישן ביידע טיילן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט איז אַפילו פאַרהאַנדלט געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג פון זשורנאַליסטן־ און ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, וואו דעם שטאַנדפּונקט פון „בונד" האָבן פאַרטיידיקט הענ־ריק ערליך און אַנדערע „בונד"־פאַרשטייער, און דעם שטאַנדפּונקט פון אַרבעטנדיקן א"י האָבן פאַרגעשטעלט דער שרייבער פון די שורות און י. האַלפּערין.

דעם 1טן מאַי 1938 האָט די פּאַרטיי שוין געפייערט צוזאַמען מיט די לינקע פּועלי־ציון, ביי וועלכע עס איז אַנטשטאַנען אַ גרופּע „אַקטיוויסטן", בראש מיט יצחק לעוו, י. סטאָלאַרסקי און אַנדערע, וואָס האָט זיך סאָלידאַ־ריזירט מיט פיל לאָזונגען פון „אַקטיוון ציוניזם". ביי לינקע פּועלי־ציון האָט זיך דאַן בכלל באַמערקט אַן אידייאישער איבערברוך, וואָס האָט זיי אויך באַוואויגן אָנטייל־נעמען אין לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין זשענעווע, האַרט פאַרן אויסברוך פון קריג.

אויפשוואונג אין דער באַוועגונג

דער אַלגעמיינער אויפשוואונג אין דער פּאַרטיי־אַרבעט האָט געבראַכט צו דעם, אַז אין וואַרשע זענען צו די אַלטע וועטעראַנען ווי יעקב־דוד סיט־נער, ד. פּערלמאַן (איצט — פּתח־תקווה), מנחם ביר, י. ראַפּאַפּאָרט (איצט אין ישראל), פּרץ טוימאַן, נתן רישמאַן פון אַמשינאָוו, דוב זיל־בערמאַן (איצט — תל־אביב), קאַזעל, טיקולסקי, יאַמין, פּעליע פלאַקסער

און י. פיר (איצט — ישראל) און אַנדערע, זענען צוגעקומען: א. גראָדזענסקי (איצט — חיפה), וו. ראַמאַנאָווסקי, ח. גאָלדבערג (איצט — חיפה), אינזש. ב. פערל, מ. בערמאַן ברודער פון כנסת־מיטגליד, אַדאָלף; אומגעקומען אין לאָמזשער געטאָ), ד״ר מנחם פערסטער (פון ראַדאָם, אומגעקומען אין געטאָ), י. ד. סיטנער, אַדוו. ב. קאַץ (באַגאַנגען זעלבסטמאָרד מיט פרוי און קינד אין וואַרשעווער געטאָ), ד״ר י. וויסאָצקי (פון ביאַליסטאָק, אומגעקומען אין געטאָ). אַדאַנק דעם פאַרגרעסערטן אַקטיוו האָט די פּאַרטיי אין וואַרשע באַוויזן דורכפירן ביי די לעצטע קהילה־וואַלן דריי פּרנסים, מיט א. רייס בראש.

דער הויפּט־צענטער אין וואַרשע איז געווען די באָראָכאָוו־היים, אויף גענשע 14, וואָס האָט אויך איבערגענומען די גרויסע ביבליאָטעק פון אַמאָליקן „הזמיר״. דאָרטן זענען אויך געווען: די שולע פון „שול־קולט״, דער „הפּועל״ און די רעדאַקציע פון „דאָס וואָרט״.

אויך אין דער פּראָווינץ האָט די פאַרשטאַרקטע פּאַרטיי־אַרבעט און דער אויפשוואונג פון פּועלי־ציון געבראַכט רעזולטאַטן. די אַלגעמיינע צאָל ראַטמענער אין שטאָט־ראַטן און קהילות, וואָס די פּאַרטיי האָט באַוויזן אַדורכפירן זינט 1935, איז געשטיגן ביז אַ 170. א. טאַרטאַקאָווער איז געווען ראַטמאַן אין לאָדזש (אין בלאָק מיט „התאחדות״), ב. בורשטין — אין ווילנע, א. ברוידע — אין גראָדנע, י. פלידערבוים — אין פלאָצק, א. מאָלץ (איצט אין ישראל) — אין פּיעטרקאָוו, ד״ר א. בעלקא — פּרנס אין גראָדנע, מ. כמיעלניק — לייטער פון קולטור־אָפּטייל אין דער ביאַליסטאָקער קהילה, ד״ר א. גראָספעלד — פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, און א. מאַרקעוויטש — פּרנס אין לאָמזשע. אין ווילנע האָבן די קהילה־וואַלן אין יאָר 1939 פאַרגרעסערט די פּועלי־ציון־פראַקציע ביז דריי, און צו ב. בורשטין זענען צוגעקומען ד״ר מ. דוואָרזשעצקי (געראַטעוועט פון אומקום; מחבר פון באַקאַנטן בוך איבער חורבן־ווילנע און אַנדערע חורבן־פאַרשונגען; איצט אין ישראל) און אַדוו. א. באַראַנטשוק (אומגעקומען אין געטאָ). ד״ר מ. מילקאַנאָוויצקי איז געווען פאָרזיצער פון דער קהילה אין ירושלים דליטא (אומגעקומען אין אַ לאַגער). אין פּינסק איז ח׳ אליעזר ברעגמאַן אויסגעוויילט געוואָרן אַלס וויצע־בירגערמייסטער. אין שכונותדיקן בריסק איז בירגערמייסטער געווען אַברהם לעווינסאָן פון „התאחדות״. אין ראָוונע איז יוחנן לעווין פון „התאחדות״ געווען לאַווניק, אַ פאַקט וואָס ווייזט די שטאַרקייט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אויף די „קרעסן״, די מזרח־געביטן פון פּוילן.

פון די ראַטמענער דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן: בן־ציון פּאַנטאַל און איטשע פּינטשוק אין דער קהילה פון קאָברין (ביידע אומגעקומען); א. זשוראָוויצקי — באַראַנאָוויטש; מיירים רעזניק, ז. קרעמען און חיים זאַקין — פּרנסים אין סלאָנים; אַבא זאַקין, פּרנס אין באַראַנאָוויטש, יצחק קאָזשוך — ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט פון אַמשינאָוו, נפתלי איזראַילעוויטש — אין שטאָט־ראַט און דער קהילה פון ביאַלע־ראַווסקאָ, אַברהם קאַלמאַן אין ריפּין, יעקב פּאָזנאַנסקי — אין שטאָט־ראַט פון ראַוואַ־מאַזאָוויעצקאַ און

שיע גוטמאַן אין דער קהילה; משה חיימאָוויטש (איצט אין ישראל) איז געווען לאַנג־יאָריקער ראַטמאַן אין מאָגיעלניץ, וואו די קהילה האָט געהאַט אַ מערהייט פון פּועלי־ציון־חברים.

צו פּועלי־ציון צ. ס. איז אין יאָר 1938 אויך צוגעקומען די יידישע גרופּע פון די „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן", בראש מיט זייער פירער ד"ר יוסף קרוק, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו די ס. ט. (איצט אין ישראל). אויך פיל פון אַנדערע גרופּירונגען זענען דאַן צוגעטראָטן צו פּועלי־ציון און החלוץ.

די אַרבעט אין פּויליש און דער צ. ס. אַקאַדעמישער קרייז

עטלעכע יאָר פאַרן קריג האָט די פּאַרטיי אויך אָנגעהויבן אַן אַרבעט אין פּויליש, ספּעציעל פאַר דער אַקאַדעמישער יוגנט און דער פּאָלאָניזירטער אינטעליגענץ, ווי אויך פאַר דער פּוילישער געזעלשאַפט.

עס האָט דאַן געקומען דערשיינען „נאַשע סלאָוואָ", אונטער דער רעדאַקציע פון יחיאל האַלפּערין; שפּעטער איינמאָליקע אויסגאַבעס רעדאַגירט פון יוסף סאַק. אין דער אַרבעט האָט פיל געהאָלפן דער צ. ס. אַקאַדעמישער קרייז, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פון אַמאָליקן אַקאַדעמישן קרייז „חירות", געגרינדעט דורך ד"ר מנחם פּערסטער, י. קאָנינסקי, יחזקאל פייערטאָג (ביידע אומגעקומען אין וואַרשע). אין נייעם קרייז, וואָס איז אָנגעפירט געווארן פון: זעלנפּרוינד, ש. אַראָנזאָן (ביידע געשטאָרבן אין א"י), חברה גרינבוים (איצט אין ישראל), זיינען שפּעטער צוגעקומען: מ. קאָכאַנסקי, א. שנער, ש. הערצבערג (אַלע לאָדזשער, איצט אין ישראל). באַזונדער זענען אויך געווען טעטיק: ש. לאָופּער, ש. מייעראָוויטש (ביידע אומגעקומען בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשע), ש. באַבאַד און דער דיכטער א. פּטאַשקין. פיל פון זיי האָבן מיטגעאַרבעט אין די פּוילישע אויסגאַבעס, פלעגן ריידן ביי פּ. פּ. ס., אויף די 1טע מאַי־דעמאָנסטראַציעס און אַנטוויקלט אַ פּרוכטבאַרע טעטיקייט.

אין קראָקע, וואו בראש פון דער פּאַרטיי־אַרבעט איז שטענדיק געווען א. וועלנער (איצט אין ישראל), האָט מיט דער טעטיקייט אין פּויליש אָנגעפירט מ. באָרוכאָוויטש (באָרוויטש), וואָס איז פאַרן קריג פּרעמירט געוואָרן פאַר זיינס אַ ליטעראַריש ווערק אין פּויליש, איז אַדאַנק זיין נאָענטקייט צו דער פּוילישער אינטעליגענץ און צו פּ. פּ. ס., אויך געראַטעוועט געוואָרן פון באַרימטן יאַנאָווער טויטן־לאַגער אין לעמבערג און איז שפּעטער געוואָרן קאָמענדאַנט פון די אונטערערדישע פּ. פּ. ס.־גרופּן אין מעכאָווער קרייז.

„העובד"

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט פּועלי־ציון (צ. ס.) געשאַפן, לויט דער איניציאַטיוו פון דער הסתדרות, כדי צו באַזאָרגן די עליה־ און הכשרה־

נויטן פון מיטליאָריקע אַרבעטער, האַנטווערקער, פּראָפעסיאָנאַלן און קליי־נע געשעפטס־לייט, וואָס האָבן, לויט זייער עלטער, ניט געקענט באַלאַנגען צום „החלוץ״, וואָס האָט אַרומגענומען נאָר יוגנטלעכע. דער „העובד״ איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט, וואו סעקרעטאַר איז געווען כאַצקל ראַבינאָוויטש (איצט אין ישראל), וועלכער פלעגט באַליכטן די פּראָבלעמען פון „העובד״ לכתחילה אין דער „החלוץ״־ביילאַגע פון „דאָס וואָרט״ און שפּעטער, ווען „העובד״ האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן — אין דער אייגענער אָפּטיילונג, וואָס ער האָט באַקומען אין דער צייטונג.

„העובד״ האָט אויך געהאַט אַ קאָנפערענץ אין וואַרשע, מיטן אָנטייל פון הונדערט דעלעגאַטן פון 80 שטעט, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט העכער זעקס טויזנט האַנטווערקער און פּאַכלייט, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו עלייה. די קאָנפערענץ האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אויף די שפּאַלטן פון „דאָס וואָרט״. 1933 האָט „העובד״ געציילט 3525 מיטגלידער. אַ יאָר שפּעטער — ביי 5.000 און אין 1935 — קרוב 6.000 אין עלטער ביז 42 יאָר.

„הפועל״

„הפועל״ איז דער נאָמען פון דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע פון דער א״י־אַרבעטערשאַפט. לויט איר מוסטער האָט פועלי־ציון צ. ס. געשאַפן אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע אויך אין פּוילן, וואָס האָט געהאַט צאָלרייכע צווייגן אין אַ גרויסער צאָל שטעט און שטעטלעך איבער פּוילן. בראש פון דעם „הפועל״ אין פּוילן איז געשטאַנען אַ קאָמיטעט פון: ד״ר מאיר פּעקער, דוב און מיעטעק זילבערמאַן (אַלע איצט אין ישראל); חיים גלאַווינסקי (פון דאַנ־ציג). אין וואַרשע זענען געווען טעטיק די ברידער שטיינהאַרט, דער צווילינג פּישלזאָן. בראש פון „הפועל״ אין ווילנע איז געווען יחיאל דאַבעקי־רער. אין ביאַליסטאָק האָט מיטן „הפועל״ אָנגעפירט א. דאַבראַניעצקי. סעק־רעטאַר איז געווען דער באַקאַנטער ספּאָרטלער פון גראָדנע ח׳ פּסח סערייסקי (אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ). פיל מיטגלידער פון „הפועל״ האָבן זיך באַטייליקט אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. „הפועל״ האָט זיך באַטייליקט אינעם פאַרבאַנד פון אַלע אַרבעטער־ספּאָרט־קלובן פון לאַנד און ער האָט געהאַט דעלעגאַציעס אויף פאַרבאַנד־קאָנפערענצן. ער האָט אויך איינגע־לאַדן אַ פּאָר מאָל קיין פּוילן דעם ארץ־ישראלדיקן „הפועל״, וואָס האָט דורך זיין איניציאַטיוו געמאַכט טורן איבערן לאַנד. אין יאָר 1935 איז, מיטן אָנטייל פון דוד בן־גוריון פאָרגעקומען אין וואַרשע אַ גרויסער פעסטיוואַל פון ארץ־ישראלדיקן און פּוילישן „הפועל״. די צאָל מיטגלידער אין פּוי־לישן „הפועל״ האָט דערגרייכט העכער 5.000.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייינען פון פּועלי־ציון (צ. ס.)

אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין פּוילן האָט זיך געלאָזט באַמערקן אַן אַלץ גרעסערער אינטערעס צו א״י און באַזונדערס צו דער הסתדרות און צו איר אויפבוי־טעטיקייט אין לאַנד. לכתחילה איז די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג געווען באַהערשט דורך אַנטי־ציוניסטישע גרופּירונגען. דער „בונד" האָט דאַן אויך געהאַט ביי זיך אַן „אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ", ווייל ער האָט זיך גערעכנט מיט דעם, אַז די יידישע אַרבעטער צוליב זייער ספּעציפישער לאַגע האָבן ניט בלויז טאָג־טעגלעכע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, וואָס קענען און דאַרפן באַפרידיקט ווערן אויפן אָרט, נאָר אויך גרויסע עמיגראַציע־נויטן, פאַר וועלכע אַן אַרבעטער־פּאַרטיי דאַרף זאָרגן. אַ טייל פון די אַרבעטער איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער: אויב עמיגראַציע, טאָ פאַרוואָס ניט קיין א״י? און פאַרוואָס זאָל א״י און די הסתדרות בכלל אויסגעשלאָסן ווערן פון קרייז אינטערעסן פון דעם יידישן אַרבעטער? פאַרוואָס זאָל מען זיי ניט שענקען די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט און הילף דאַן ווען זיי נויטיקן זיך אין דעם?

דערדאָזיקער אינטערעס צווישן די אַרבעטער צו דער פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט געבראַכט צו דעם, אַז אין פּועלי־ציון האָבן זיך אָנגעשלאָסן גרופּן פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, ווי אויך גאַנצע פאַראייינען. אַ ריי פאַראייינען זענען בכלל געשאַפן געוואָרן דורך פּועלי־ציון. אַט־אַזוי־אַרום איז עס געקומען צו דער אייגענער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון פּועלי־ציון (צ. ס.), וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ ראַט, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען ח׳ א. ביאַלאָפּאָלסקי און אַלס סעקרעטאַר וו. ראַמאַנאָווסקי. שפּעטער זענען אַלס זיינע געהילפן צו אים צוגעקומען: א. בערקאָוויטש, פּ. שטיינוואַקס און אַנדערע. די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג האָט געהאַט אַ פּעריאָדישע זייט אין „דאָס וואָרט", וואו עס זענען באַלויכטן געוואָרן די פּראָבלעמען פון די באַטרעפנדיקע אַרבעטער־פאַראייינען.

צו דער אָנפירונג פון פּראָפעסיאָנעלן ראַט האָבן אויך געהערט: אַריה שטייק, ד״ר י. שאַלמאַן פון „התאחדות" (ביידע אומגעקומען); שמחה קאַץ (איצט אין ישראל); אַריה אַרצי האָט אָנגעפירט מיטן פליישער פאַראיין אין לאָדזש; מ. ליכטשיין פון לובלין איז געווען סעקרעטאַר פון צאַל־רייכן טראַנספּאָרט־פאַראיין אין וואַרשע; גלאַסמאַן פון דערציערינס; מרדכי קירשענבוים (איצט אין ניו־יאָרק) איז געווען סעקרעטאַר פון די אָנגעשטעלטע אין די יידישע קרעדיט־אינסטיטוציעס.

אייגענע פאַראייינען האָט פּועלי־ציון געהאַט אין וואַרשע, בענדין, לאָדזש, מלאַווע, קיעלץ און אין אַ צאָל אַנדערע שטעט. די פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט פון די פּועלי־ציון צ. ס. האָט זיך אונטערשיידט פון די אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייינען מיט דעם, וואָס זיי האָבן געשטיצט

די הסתדרות און די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן א״י, זיך באַטייליקט אין די וואַלן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן און האָבן אויך געהאַט דעלעגאַטן אויף די וואַל־ליסטעס פון דעם בלאָק פון אַרבעטנדיקן א״י.

די פאַראיינען האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער עליה קיין א״י און פלעגן באַקומען אַ צאָל עליה־סערטיפיקאַטן פון יעדן „שעדיול". זיי פלעגן אויך העלפן דער הסתדרות מיט זייערע פאַכלייט. ווען די הסתדרות האָט זיך געגוויטיקט אין פּאָרט־אַרבעטער פאַר חיפה, האָט אבא חושי, סעקרע־טאַר פון דעם אַרבעטער־ראַט אין חיפה, געפונען קאַנדידאַטן פאַר דער פּאָרט־אַרבעט אין חיפה ניט בלויז צווישן די יידישע פּאָרט־אַרבעטער פון סאַלאָניקי, וואָס זענען מקדמת־דנא געווען באַשעפטיקט אין דעם פאַך, נאָר אויך צווישן די יידישע טרעגער, די אַזוי־גערופענע „פלייצע־טרעגער" פון די „פּאָסטאָיעס" און וועגעלע־טרייבער (פושקאַרטס) פון וואַרשע, וואָס זע־נען געווען אָנגעשלאָסן אין טרעגער־פאַראיין פון פועלי־ציון. אבא חושי איז צו דעם צוועק אויך אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע און אויסגעקליבן די נייטיקע צאָל מענטשן צווישן די פיל קאַנדידאַטן, וואָס האָבן זיך געמאָלדן צו דער אַרבעט קיין חיפה.

צוזאַמען זענען אין די פאַראיינען פון פועלי־ציון (צ. ס.) געווען אָרגאַ־ניזירט פאַרן קריג העכער 20 טויזנט אַרבעטער, וואָס האָבן געבילדעט אַ באַדייטנדיקן טייל אין דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און זיך באַטייליקט אין אַלע ארץ־ישראלדיקע און ציוניסטישע אַקטיוויטעטן.

„פרייהייט" — „דרור"

די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פועלי־ציון האָט געהייסן „פרייהייט", און נאָכן פאַראייניקן זיך — אַ יאָר פאַרן קריג — מיטן „החלוץ־הצעיר" — „דרור".

אין זעלבשטענדיקן פוילן האָט די פועלי־ציון־יוגנט גלייך געלאָזט זיך הערן מיטן דערשיינען אין 1918 פון איר אָרגאַן „דער יונגער קעמפער", רעדאַקטירט דורך ל. שפּיזמאַן. אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער אָרגאַניזאַציע, אין יוני 1919, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי ציילט 62 סניפים מיט קרוב צו 500 יוגנטלעכע, פון 16 ביז 19 יאָר אַלט. בעת דער קאָנפע־רענץ אין ווין אין יאָר 1920, ווען עס איז געקומען צו דער באַקאַנטער שפּאַלטונג, האָט אויך די יוגנט דורכגעמאַכט אַ שפּאַלטונג. די יוגנט־פאַר־איינען פון די „אומאָפּהענגיקע פועלי־ציון" האָבן מיטגעאַרבעט מיטן „החלוץ", זיך באַטייליקט אין שקלים־פאַרקויף, אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן אד״גל. זייער אָרגאַן „יידישע אַרבעטער־יוגנט" איז אַרויס אין לעמבערג.

נאָך דעם איחוד פון פועלי־ציון מיט צ. ס. צעירי־ציון האָט זיך אויך

זייער יוגנט פֿאַראייניקט און געהאַט אַ צאָל פֿון 3.000 חברים, אומגעפֿער אַ העלפֿט פֿון יעדער גרופּע. די פֿאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגע־רופֿן „פֿרייהייט". איר צייטונג „פֿרייהייט" איז דערשינען אין וואַרשע ביזן צווייטן וועלט־קריג.

די „פֿרייהייט" האָט אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פֿון יוגנט־לעבן. איר צאָל חברים איז כסדר געשטיגן. זי האָט געהאַט צאָלרייכע זומער־קעמפּס און אויך צענטראַלע און ראַיאָן־סעמינאַרן פֿאַר יוגנט. אייניקע סעמינאַרן זענען פֿאַרגעקומען אין דער חלוצישער פֿאַרם אין גראָכאָוו — היות די אַרבעט איז בכלל געפֿירט געוואָרן לויט חלוצישע דערציאונגס־ליניעס און אין נאָענטער מיטאַרבעט מיטן „החלוץ־הצעיר".

אין 1927 איז ביי פֿרייהייט אַנטשטאַנען אַ גרופּע פֿון „פֿרייע סקויטן". צוזאַמען מיט זיי האָט „פֿרייהייט" אין יאָר 1933 דערגרייכט די ציפֿער פֿון 10 טויזנט יוגנטלעכע. די נייע אויסגאַבע „יונג און פֿריי" און שפּעטער „דער אויפֿגאַנג" זיינען געווען געווידמעט דער סקויטן־אַרבעט. די לעצטע האָבן זיך געטיילט אין צוויי שיכטן: „יוגנט" פֿון 15 ביז 18 יאָר און „עבודה" — פֿון 18 ביז 21 יאָר.

ווי געזאָגט איז „פֿרייהייט" געשטאַנען גאָר נאָענט צום „החלוץ". אין 1933 האָבן געהערט צום „החלוץ" 4.000 יוגנטלעכע פֿון „פֿרייהייט". אין 1935 האָבן זיך 2.000 פֿרייהייטאָווצעס באַטייליקט אין די הכשרה־פּונקטן פֿון „החלוץ".

אין 1925, נאָך דער שאַפֿונג פֿון פֿאַראייניקטן וועלט־פֿאַרבאַנד פֿון פּועלי־ציון און צ. ס. איז אַנטשטאַנען אַ וועלט־פֿאַרבאַנד פֿון ידיש־סאָציאַליסטי־שער יוגנט, אָן וועלכן עס האָט זיך אָנגעשלאָסן אויך „פֿרייהייט". אין 1938 האָט „פֿרייהייט" געשאַפֿן צוזאַמען מיטן „החלוץ־הצעיר" איין אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געציילט פֿאַרן קריג ביי 20 טויזנט חברים. זייערע אָרגאַנען זע־נען געווען: „אונזער פֿרייהייט" אין יידיש און „החלוץ־הצעיר" אין העברע־איש. די עלטערע שיכט פֿון 19 ביז 22 יאָר איז געווען אָנגעשלאָסן אָן פּועלי־ציון צ. ס.

„התאחדות"

די ציוניסטישע אַרבעטס־פּאַרטיי „התאחדות", וואָס איז געווען אַן אינ־טעגראַלער טייל פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, האָט קאָאָפּערירט מיט פּועלי־ציון צ. ס. „החלוץ" און „השומר־הצעיר" און באַ־זונדערס ביי וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

בעת די וואַלן צום סיים אין יאָר 1922 איז „התאחדות", ווי שוין דער־מאָנט, געגאַנגען מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן און „מזרחי" אויף דער ליסטע פֿונעם „בלאָק פֿון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן", וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן

דורך י. גרינבוים. „התאחדות" האָט דאַן אויך באַקומען דריי דעפּוטאַטן אין סיים — אברהם לעווינסאָן אין קאָנגרעס־פּוילן, א. זילבערשטיין און א. הע־לער — אין גאַליציע, און איין מיטגליד, בערקעלהאַמער, אין סענאַט.

די יוגנט פון „התאחדות" איז געווען אָרגאַניזירט אין „גורדוניה", וואָס האָט געהאַט אייגענע הכשרה־פּונקטן איבערן לאַנד און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין „החלוץ", ווי אויך אין דער אַזוי־גערופענער „אומלעגאַלער" עלייה קיין א"י.

אויך ביי די וואַל־קאַמפּאַניעס צו די שטאָט־ראַטן און קהילות פלעגט „התאחדות" גיין צוזאַמען מיטן נאַציאָנאַלן, עווענטועל מיטן ציוניסטישן בלאָק, וואו עס פלעגן שטענדיק פיגורירן אָנפירנדיקע טוער פון „התאחדות": ד"ר א. טאַרטאַקאָווער, אברהם לעווינסאָן, משה טאַצא, אייגעס, משה גאַרדאָן, ד. ראַדונסקי, אברהם זילבערשיין. אין „גורדוניה" איז פאַרן קריג געווען טעטיק א. לוביאַניקער (איצט לבון, געוועזענער קריגס־מיניסטער און גע־נעראַל־סעקרעטאַר פון „הסתדרות").

באַזונדערס שטאַרק איז געווען „התאחדות" אין מזרח־גאַליציע, וואו איר השפּעה האָט זיך געצויגן פון די אַלטע „צעירי־ציון"־צייטן. נאָכן איחוד פון „הפועל־הצעיר" מיט „אחדות־העבודה" און דער שאַפונג פון דער איינהייט־לעכער מפא"י, האָט „התאחדות" אין מזרח־גאַליציע זיך אויך פאַראייניקט מיט די רעכטע פּועלי־ציון דאָרטן, בראש מיט א. טוניס, א. בערגמאַן און וואַקסמאַן, און געשאַפן די פאַראייניקטע פּאַרטיי פון „התאחדות און פּועלי־ציון", וואָס האָט שטאַרק אויסגעברייטערט איר אַרבעט און באַוויזן צו שאַפן אַ צאָל פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די פּאַרטיי איז אויך געווען טעטיק אין דער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין פּוילן. יוסף לעווי (אומגעבראַכט דורך די דייטשן) איז געווען לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. איר פּרעסע־אָרגאַן איז געווען „פאָלק און לאַנד". זי האָט אויך אַרויסגעגעבן אין יידיש אַ מאָנאָגראַפיע און ווערק פון א. ד. גאָרדאָן, אַרלאָזאָראָוו, בוסעל. אַ קורצע צייט איז אויך דערשינען איר העברעאישע צייטשריפט „המעבר". די וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון צ. ס. און „התאחדות" אין דאַנציג אין 1932 האָט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף אַריינפירן אין די העברעאישע שולן דעם לימוד פון יידיש און יידישע ליטעראַטור. „התאחדות" האָט אָבער ניט אָנגענומען דעמדאָזיקן פּונקט. שפּעטער האָט אָבער אַ טייל פון „התאחדות", בראש מיט א. טאַרטאַקאָווער, באַשלאָסן דאָך צו פאַראייניקן זיך מיט פּועלי־ציון צ. ס., קעגן דעם ווילן פון אַן אַקטיווער פּאָזיציע. דאָס איז אָבער ערשט צושטאַנד געקומען נאָכן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג.

אָנפאַנג 1940 האָבן זיך די ביידע אָרגאַניזאַציעס פאַראייניקט אַלס פּליטים־גרופּן אין ווילנע.

די לינקע פּועלי־ציון

די „לינקע פּועלי־ציון אין פּוילן״ *) ציט איר יחוס־אָפּשטאַם פון דער אַמאָליקער רוסלענדישער „יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1906 אין פּאָלטאַווע, דורך בער באָראָכאָוו, זרובבל, יצחק בן־צבי און אַלעקסאַנדער כאַשין. אין פּוילן, סיי אין קאָנגרעס־פּוילן, סיי אין גאַליציע, זענען די ערשטע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס אַנטשטאַנען אין די יאָרן 1903—1905.

דער ערשטער קאָנסטיטוּאירנדיקער צוזאַמענפאָר פון פּועלי־ציון אין דער פּוילישער רעפּובליק איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1918. במשך פון 1919 האָט די פּאַרטיי געגרינדעט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פּראָדוקציר־און געברויך־קאָאָפּעראַטיוון, ביבליאָטעקן, אָוונט־קורסן, טאָג־שולן, קינדער־היימען, דראַמאַטישע קרייזן און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי איז געווען אַ המשך פון פּראָגראַם פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, וואָס האָט באַזירט „אויף רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף און דעם באָראָכאָוויסטישן צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע, וואָס דאָס מיינט: פּאַראַלעל מיטן קלאַסן־קאַמף אויף די ערטער, צו פירן גלייכצייטיק דעם קאַמף פאַר פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם און שאַפן דעם טעריטאָריעלן יידישן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישראל״.

בעת די ערשטע וואַלן צום סיים אין 1919, האָט די פּאַרטיי דורכגעפירט אין וואַל־קרייז כעלם־הרוביעשאָוו איר קאַנדידאַט ד״ר מאַקס ראָזענפעלד. צוליב זיין טויט איז געוואָרן דעפּוטאַט דער באַקאַנטער היסטאָריקער ד״ר יצחק שיפּער, דאַן אַקטיווער טוער פון פּועלי־ציון (אומגעקומען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע פון פּוילן).

אין יאָר 1920, ווען די וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין ווין האָט זיך געשפּאָלטן, איז די מערהייט פון דער פּאַרטיי אין פּוילן פאַרבליבן ביי די „לינקע פּועלי־ציון״, בראש מיט זרובבל, נ. בוקסבוים, י. לעוו, שכנא זאַגאַן און אַנדערע. די מינדערהייט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך ד״ר י. שיפּער, ל. שפּיזמאַן (אין וואַרשע), א. וועלנער, חיים העניג (קראָקע), לייזער לעווין (לאָדזש), האָט אין 1925 געשאַפן, צוזאַמען מיט צ. ס. צעירי־ציון די פּאַרטיי פּועלי־ציון צ. ס.

פּועלי־ציון האָבן געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף אין בײדע דערמאָנטע געביטן: אין ציוניסטישן און אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישן. אויפן ערשטן געביט זענען זיי, אין קעגנזאַץ צו די פּועלי־ציון אין א״י און אַמעריקע, געשטאַנען

*) יעקב קענער „קווערשניט״ (1897—1947), ניו־יאָרק, 1947. די מאַטעריאַלן צו דעם אַרטיקל זענען גענומען געוואָרן פון אַרטיקל איבער די „לינקע פּועלי־ציון״ אינעם בוך, ווי אויך פון דער אָפּהאַנדלונג פון יצחק לעוו אין בוך „ורשה״, חלק ב׳, ז״ז 89—125 (סעריע „אנציקלופדיה של גלויות״), ירושלים, 1953.

אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון „סטיכישן פּראָצעס", וואָס וועט ערשט ברענגען צו דער שאַפֿונג פֿון יידישן אַרבעטער־צענטער אין א"י. דאָס האָט אויך גע־בראַכט צו דער שפּאַלטונג אין דער וועלט־באַוועגונג פֿון פּועלי־ציון אין 1920, און האָט געפֿירט צום שאַפֿן פֿון דעם לינקן פּועלי־ציון־צענטער אין פּוילן און פֿון רעכטן, בראש מיט „אחדות־העבודה", אין א"י.

אויפֿן צווייטן, פּראָלעטאַרישן, געביט האָט די עקשנותדיקע שטעלונג, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער פּאַרטיי צום יידישן פּראָבלעם, אַלס נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, געבראַכט צום אַרויסגיין פֿון „קאָמינטערן", וואָס איז געווען אויסגעשפּראָכן קעגן ציוניזם און יידישן אַרבעטער־צענטער אין א"י. דאַן זענען אויך אַוועק פֿון דער פּאַרטיי דער איצטיקער קאָמוניסטישער פֿירער פֿון פּוילן, זאַכאַריאַש און אַנדערע. די „שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָדע" האָט זיך געענדיקט אין 1922.

פּוילן איז געוואָרן דער צענטער פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און די לינקע פּועלי־ציון האָבן זוכה געווען דאָרטן צו אַ גרויסער אַנטוויק־לונג. צו דער ערשטער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ אין וואַרשע, מיטן אָנטייל פֿון ז. רובאַשאָוו פֿון בערלין, זענען געקומען: ד"ר י. שיפּער און א. ש. יוריס בראש פֿון דער דעלעגאַציע פֿון גאַליציע. דאַן זענען אויך צוגעקומען: זרובבל, ניר, ד. לייבל, יוסף ראָזען, מאַקס עריק, נ. וויניק, א. וואַקס און אַנדערע. בראש פֿון דער פּאַרטיי אין וואַרשע זיינען געשטאַנען י. לעוו און א. פּריינט שפּעטער — ראָזען, פּעטערזייל, ר. מאלער און ע. רינגלבלום.

אין ערשטן שטאָט־ראַט פֿון וואַרשע זענען פֿון פּועלי־ציון געווען: נ. ראַפּאַלקעס, י. לעוו און מ. יאַרבלום; אין צווייטן: נ. בוקסבוים, י. לעוו און מ. פּשעדעטש. אין יאָר 1922 האָט די פּאַרטיי אויך געהאַט אַ טאָג־צייטונג „דאָס לעבן" און שפּעטער „די אַרבעטער־צייטונג", וועכנטלעך.

די איינשטעלונג פֿון די לינקע פּועלי־ציון האָט גורם געווען, אַז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן אויף זיי רדיפֿות, נגישות און רעפּרעסיעס מצד די מאַכט־אָרגאַנען. מ'האָט דאַן אַרעסטירט: נ. בוקסבוים אין לעמבערג, די ראַטמענער י. סלושני אין שעדלעץ און א. סאָלניק אין קאַליש, די פּאַרטיי־טוער: מ. ציטרינאָווסקי, י. סטאָליאַרסקי, י. גאָטליב, יוסף זילבערבאָרד פֿון לאָדזש, מעכל וואַרשניטער פֿון זאַראָמב און אַנדערע. עס זענען אויך פֿאָר־געקומען מאַסן־אַרעסטן צווישן דער יוגנט אין וולאָצלאַוועק און לאָדזש, פֿון פּאַרטיי־ און יוגנט־קאָמיטעט אין קראָקע, ווי אויך אין ראַדאָם און לובלין.

ניט געקוקט אויף די אַלע רדיפֿות און נגישות, האָט אָבער די פּאַרטיי אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע טעטיקייט, געהאַט קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון מיט אַן אייגענער קרעדיט־צענטראַלע, געשאַפֿן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון פֿון שניי־דער, שוסטער, קאָמאַשן־מאַכער, סטאָליער, בעקער אא"וו, וואָס האָבן באַ־שעפֿטיקט פֿיל אַרבעטסלאָזע. אין לאָדזש זענען אויך אויפֿגעשטעלט געוואָרן פּרעכטיקע קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגס־הייזער, וואו ס'האָבן געלעבט הונדער־טער אַרבעטער־משפּחות.

אויפן געביט פון בילדונג און קולטור האָט די פּאַרטיי געהאַט אַן אייגענע „געזעלשאַפט פאַר אוונט־קורסן" מיט אָפּטיילונגען אין צאָלרייכע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן פאַרמאָגט לייען־זאַלן, ביבליאָטעקן, דראַמאַטישע קרייזן, ספּאָרט־קלובן. גרעסערע ביבליאָטעקן אין לאָדזש, וואַרשע, קראָקע, סאָסנאָוויץ, כעלם. צוזאַמען האָבן די ביבליאָטעקן פאַרמאָגט צענדליקער טויזנטער בענדער אין יידיש, פּויליש און העברעאיש און באַדינט אַ סך טויזנטער לייענער. דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער געזעלשאַפט איז געווען אין 1926. דער צווייטער — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קולטור־קאָנגרעס מיט 300 דעלעגאַטן פון 200 שטעט און שטעטלעך. טראָצדעם וואָס די מאַכט האָט געשלאָסן די געזעלשאַפט אין 1930, איז די אַרבעט פאָרגעזעצט געוואָרן אויך ווייטער.

אויפן פּאָליטישן געביט האָט די פּאַרטיי באַוויזן אָפּהאַלטן גרויסע זיגן אין יאָר 1928, ווען זי האָט באַקומען בעת די שטאָט־ראָט־וואַלן אין וואַרשע 8.000 שטימען און 3 מאַנדאַטן; אין לאָדזש — העכער 7.000 שטימען און 3 מאַנדאַטן און איבער 140 מאַנדאַטן אין צענדליקער שטעט. צום צוזאַמענפאָר פון אַלע פּאַרטיי־ראַטמענער פון די שטאָט־ראַטן, קהילות, קראַנקן־קאַסעס. אין 1929 זענען געקומען העכער 300 חברים, וואָס האָבן זיך באַראַטן אין משך פון צוויי טעג. אין יאָר 1928 האָט די פּאַרטיי באַקומען אין לאַנד 31.080 שטימען („אנציקלופדיה של גלויות", וואַרשע, באַנד א. ירושלים, ז"ז 413־485).

בעת די וואַלן צום סיים אין 1930 האָט די פּאַרטיי געשלאָסן אַ בלאָק אין צוויי געמישטע יידיש־אוקראַיינישע וואַל־קרייזן, מיטן אוקראַיניש־לינקן „סעלראָב". אין יאָר 1932 האָבן די לינקע פּועלי־ציון אין מערב־גאַליציע געשלאָסן אַ בלאָק מיט דער ראַדיקאַלער פּוילישער פּויערים־פּאַרטיי, וואָס האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די אַנטיסעמיטן.

בעת די לעצטע שטאָט־ראַט־וואַלן אין 1938־39 זענען די לינקע פּועלי־ציון אין 9 שטעט געגאַנגען צוזאַמען מיטן „בונד" און האָבן דאָרטן באַקומען 15 מאַנדאַטן. אין כעלם באַזונדער 8, אין פּולטוסק — 3, אין בזשעזשין און קאַלושין — צו איין מאַנדאַט.

אין 1929 האָט די פּאַרטיי פון די לינקע פּועלי־ציון זיך באַטייליקט אין די וואַלן צום אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן א"י, וואָס איז פאָרגעקומען אין בערלין, און האָט באַוויזן דורכצופירן צום קאָנגרעס אַ צאָלרייכע דעלעגאַציע.

אַ יאָר פריער האָט די פּאַרטיי דורכגעפירט אַ פּראָטעסט־אַקציע קעגן ליקווידירן דורך דער ראַטן־מאַכט די פּאַרטיי פון לינקע פּועלי־ציון, אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אַ באַזונדערס לעבעדיקע אַקטיוויטעט האָט די פּאַרטיי דורכגעפירט ביים אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אינעם „לאַנדראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען" אין פּוילן איז די פּאַרטיי געווען אָנגעשלאָסן מיט

אירע העכער 20 טויזנט אָרגאַניזירטע אַרבעטער. די פאַראייגען וואָס האָבן זיך געהאַט אָנגעשלאָסן אָן דער פועלי־ציון־באַוועגונג, האָבן זיך סאָלידאַרי־זירט מיט די לאָזונגען פון אַרבעטנדיקן א״י און אַפילו ממשותדיק געשטיצט די פאַרשידנסטע א״י־קאַמפּיינען. דאָס איז אויך צו זען פון דעם, וואָס צום אויבנדערמאָנטן קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן א״י זענען פאַרקויפט געוואָרן איבער 103.000 שטים־קאַרטן אין פּוילן; העכער 76 טויזנט פּערזאָנען האָבן אויך געשטימט ביי די וואַלן פאַר פאַרשידענע אַרבעטער־ליסטעס.

אין וואַרשע איז אונטער דעם איינפלוס פון די לינקע פועלי־ציון גע־ווען דער האַלץ־אַרבעטער־פאַראיין; דער פאַראיין פון כעמישע אַרבעטער; די קעלנער און גאַסטראָנאָמישע אַרבעטער; דער צענטראַלער האַנדלס־אָנגע־שטעלטער פאַראיין. אין לאָדזש — דער טראַנספּאָרט־פאַראיין; די פאַראיי־נען פון נאָדל, טעקסטיל, לעדער און אַנדערע פאַכן. אין כעלם — די גאַנצע יידישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג מיט אירע אַלע 12 פאַראייגען. דאָסזעל־ביקע אין נייַ־סאַנץ. אין בריסק און קאַלאָמיי האָבן די לינקע פועלי־ציון געהאַט אַ מערהייט אין די דאָרטיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. געווען זע־נען זיי אויך אָנזעעוודיק אין סאָסנאָוויעץ, קאַליש, לעמבערג, וועגגראָוו, וולאָצלאַוועק, שעדלעץ, ראַדאָם, קעלץ, סטאַשעוו, אָטוואָצק, ווישעגראָד, לענ־טשיץ, בזשעזשין, אַלעקסאַנדער, אָסטראָוויעץ, וויעלון, ווישקאָוו, כמעלניק *).

דער פאַרבאַנד „יוגנט" האָט אויך געהאַט אַ סעקרעטאַריאַט פאַר די קינדער־אָרגאַניזאַציעס „יונגבאַר" (יונגע באָראָכאָוויסטן) און אַרויסגעגעבן די „פרייע יוגנט", אין 10־12 טויזנט קאָפּיעס, און די „קינדער־וועלט", 5־6 טויזנט קאָפּיעס — ביידע אונטער דער רעדאַקציע פון י. קענער. צוזאַמען האָט די לינקע פועלי־ציון־יוגנט געציילט ביי 16.000 יוגנטלעכע.

דער ספּאָרט־פאַרבאַנד „שטערן" האָט געציילט 146 אָפּטיילונגען איבערן לאַנד, מיט איבער 16 טויזנט מיטגלידער, און איז געווען אָנגעשלאָסן אָן דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־ספּאָרט־פאַרבאַנד אין פּוילן.

אויפן ארץ־ישראל־געביט האָט די פאַרטיי געפירט אַ זעלבסטשטענדי־קע אַרבעט זאַמלענדיק געלט פאַרן פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד, אָדער פאַר איר שוועסטער־פאַרטיי אין א״י. אונטער דער רעדאַקציע פון י. לעוו איז אויך דערשינען „דאָס אַרבעטנדיקע פּאַלעסטינע", אַרויסגעגעבן דורך דער „געזעלשאַפט פריינט פון אַרבעטנדיקן א״י". אין 1929 האָט די פאַרטיי אויך גערופן קיין וואַרשע אַ פּראָ־פּאַלעסטינע־קאָנגרעס, מיטן אָנטייל פון הונ־דערטער דעלעגאַטן וואָס האָבן פאַרטראָטן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, סימפּאַטיקער און פריינט.

אַ פּאָר יאָר פאַרן אויסברוך פון וועלט־קריג האָט די פאַרטיי אויסגע־ברייטערט איר א״י־טעטיקייט און אָנגעהויבן באַטייליקן זיך אויך אין די

*) זאַמלהעפט „בונדישע פּרעטענסיעס אוןווירקלעכקייט", אַרויסגעגעבן פון צ. ק. פון לינקע פועלי־ציון אין אַמעריקע. ניו־יאָרק, ז"ז 68—69 און ווייטער.

זאַמלונגען פון קרן־קיימת און קרן־היסוד, ווי אויך אין שקל־קאַמפּיין צום לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, פאַר דעם קריג. די לינקע פועלי־ציון האָבן דאַן פאַרשפּרייט 12.000 שקלים און געשיקט אַ דעלעגאַציע צום קאָנגרעס אין זשענעווע, האַרט פאַרן אויסברוך פון קריג. אין באַשטאַנד פון: עמנואל רינגלבלום, נתן בוקסבוים, שכנא זאגאן (אַלע דריי אומגעקומען אונטער די נאַציס אין פוילן), י. קענער, י. סטאָלאַרסקי און ל. שמערלער.

אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג איז אין דער פאַרטיי אַנטשטאַנען אַ גרופּע „אַקטיוויסטן", בראש מיט יצחק לעוו, י. סטאָלאַרסקי און אַנדערע, וואָס האָט געפאָדערט אויסצוברייטערן בכלל דעם גאַנצן פאַרנעם פון ציוניס־טישע אַקטיוויטעטן פון דער פאַרטיי, אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום „החלוץ", אַקטיוון אָנטייל אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן אד"גל.

במשך פון די 20 יאָר פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט, האָט די פאַרטיי פון די לינקע פועלי־ציון אַרויסגעגעבן פעריאָדישע צייטשריפטן אין יידיש און פויליש. דער צענטראַלער אָרגאַן די „אַרבעטער־צייטונג" איז אַרויס צוערשט אונטער דער רעדאַקציע פון זרובבל, און שפּעטער — פון ש. זאגאַן.

די דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע דעם ערשטן מאַי 1939 האָבן די לינקע פועלי־ציון געפייערט צוזאַמען מיט פועלי־ציון צ. ס. און דעם גאַנצן פליגל פון אַרבעטנדיקן א"י, וואָס עס האָט אויך געבראַכט צום אויסדרוק דעם קאָנ־סאָלידאַציע־פּראָצעס אין די רייען פון דער גאַנצער פועלי־ציון־באַוועגונג.

„השומר־הצעיר"

„השומר־הצעיר", וואָס איז אַנטשטאַנען פון דער פאַראייניקונג פון אגודות יידישע שילער און דער יידישער סקויטן־באַוועגונג, האָט געהאַט זיין גרינ־דונגס־קאָנפערענץ אין 1918 אין לאָדזש. די עליה פון די ערשטע שומרים אין 1919 איז געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער באַוועגונג. די קאָנפערענץ אין 1920 אין וואַרשע האָט באַשלאָסן צו פירן די דערציאונג פון דער יוגנט, אַנטשפּרעכנדיק צו די פאָדערונגען פון א"י. אין וואַרשע זענען דאַן אויך געגרינדעט געוואָרן וואַרשטאַטן פאַר סטאָלעריי און עלעקטריציטעט, כדי צו פּראָדוקטיוויזירן די שומרים. עס זענען אַנטשטאַנען 60 סניפים איבערן לאַנד מיט טויזנטער שומרים און שומרות, 80 פּראָצענט פון זיי שילער, צוויי דריטל יינגלעך און איין דריטל מיידלעך. אין א"י איז דאַן אויך אַנטשטאַנען דער ערשטער שומרישער קיבוץ בית־אלפא.

אין די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ גרוי־סער וויכוח וועגן איר כאַראַקטער. „השומר־הצעיר" האָט שטענדיק געשטיצט די פּראָגרעסיווע ציוניסטן אין פוילן אין זייער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פון די אידן אין פוילן, פאַר וועלטלעכקייט און קעגן קלע־

ריקאַליזם. זיי האָבן אויך געשטיצט גרינבוימס יידישן בלאָק און די גאַנצע ליסטע פון נאַציאָנאַלע מיעוטים ביי די וואַלן צום סיים אין יאָר 1922, וואָס דער בלאָק איז געווען איר איניציאַטאָר.

אַ ווייטערדיקער שריט איז געמאַכט געוואָרן, ווען די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם אַרבעטנדיקן א״י, געקויפט זיין שקל צום ציוניס־טישן קאָנגרעס און באַשלאָסן אויפשטעלן אַ שטענדיק לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה פאַר אירע חברים, און שטרעבן צו זייער פּראָדוקטיוויזאַציע. די ערשטע הכשרה־פאַרם איז געווען אין קאַלושין, לעבן וואַרשע. די קאָנפע־רענץ אין 1924 האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַ־ליזם און באַשלאָסן צו שטיצן די אונטערדריקטע קלאַסן אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג. דאָס האָט אַרויפגעלייגט דעם סאָציאַליסטישן שטעמפּל אויפן „השומר־הצעיר״, וועלכער איז ביסלעכווייז געוואָרן אַן אויס־געשפּראָכן סאָציאַליסטיש־חלוצישע אָרגאַניזאַציע.

נאָך דער שאַפונג פון „קיבוץ־ארצי פון השומר־הצעיר״ אין א״י, איז קיין פּוילן אָראָפּגעקומען אַ גרויסע דעלעגאַציע און איינגעשטעלט אַן ענגן קאָנטאַקט צווישן דער באַוועגונג אין פּוילן און די שומרים אין א״י. עס איז דאַן אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדער בוגר מוז גיין אויפן וועג פון חלוציות. 300 בוגרים האָבן געענטפערט אויפן רוף, אָבער אַנדערע, דער עיקר סטו־דענטן, וואָס האָבן געהאַלטן ביים גראַדויִרן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט. דאַן האָט זיך אויך אָפּגעטיילט דער „השומר־הלאומי״. אָבער עס זענען צוגעקומען צוויי פאָלקסטימלעכע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „טרומפּעלדאָר״ און „באַלפוריה״.

אַנשטאָט די פריערדיקע פאָרמעגלעכע עלעמענטן פון אַסימילירטע קרייזן, האָט די באַוועגונג אָנגעהויבן צוציען יוגנט פון קליינבירגערטום און פאָלק, פון די גימנאַזיעס „חינוך״, „אסכולה״, „לאור״, „חבצלת״ אין וואַרשע און פון ענלעכע לערן־אַנשטאַלטן אויף דער פּראָווינץ.

די פּוילישע שפּראַך, וואָס די שומרישע יוגנט האָט באַנוצט, איז פאַר־פלייצט געוואָרן מיט העברעאיש־חלוצישע ווערטער און באַגריפן. אין אָנ־הייב פון די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אויסגעברייטערט די דערציאונג און אויפקלערונגס־אַרבעט אין העברעאיש דורך די אויסגאַבעס: „השומר־הצעיר״, די מאָנאַטשריפט „המיצפה״ און דעם „מדריך״.

די הויפּט־לייטונג האָט אויך דאַן אַרויסגעגעבן די אַנטאָלאָגיע „ספר השומרים״ און עטלעכע ביכער פון דער סעריע „לכול״, וואָס האָט שפּעטער געדינט אַלס סטימול פאַר דער „ספריית פועלים״ אין א״י. „השומר־הצעיר״ האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין „תרבות״, וואו זי איז געווען די שטאַרקסטע פראַקציע אויף דער קאָנפערענץ פון „תרבות״ אין 1931 (מיט 144 דעלע־גאַטן). ביי זיין 25־יאָריקן יובל, אין 1938, האָט „השומר־הצעיר״ געציילט, בלויז אין קאָנגרעס־פּוילן, 21 טויזנט חברים.

„החלוץ"

„החלוץ" האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ זייער וויכטיקן טייל פון דער ציוניס־טישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן.

די מערהייט פון „החלוץ" איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון פּועלי־ציון צ. ס. אין לאַנד. דאָס וואָס עס האָט דעם „החלוץ" כאַראַקטערי־זירט, איז ניט בלויז דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך באַטראַכט, ווי זיין נאָ־מען זאָגט, אַלס אַוואַנגאַרד פון די וואָס וועלן אים נאָכפאָלגן אין דער עלייה קיין א"י, און האָט דעריבער געוואָלט זיי דינען אַלסביישפּיל מיט זיין לאָ־זונג פון „הגשמה עצמית", נאָר אויך וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז די חלוצי־שע טעטיקייט איז די איינציקע ממשותדיקע פאַרווירקלעכונג פון יידישן סאָציאַליזם. דער חלוץ רייסט איבער מיט דער אַלטער יידישער עקאָנאָמי־שער סטרוקטור און מיטן גאַנצן גלות־לעבן און פאַרבייט ניט בלויז די „אַלטע היים" אויף דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין א"י, נאָר גייט דאָרטן אויך איבער צו אַ נייעם, פּראָדוקטיוון לעבן, און דערמיט איז ער פאַקטיש דער טרעגער פון דער רעוואָלוציע און פון אמתן יידישן סאָציאַליזם, וואָס קאָן געדייען נאָר אין אַן אייגענעם יידישן אַרבעטער־צענטער אין א"י.

„החלוץ" האָט צוגעצויגן צו זיך פילע פון דער יידישער יוגנט און איז ביסלעכוויז געוואָרן די צאָלרייכסטע יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, מיט פיל פּונקטן פאַר פיזישער און גייסטיקער הכשרה איבערן גאַנצן לאַנד. די וויכ־טיקסטע הכשרה־פּונקטן זענען געווען: די גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרם אין גראָכאָוו, ביי וואַרשע — דער עלטסטער הכשרה־פּונקט וואָס האָט אויך עקזיסטירט אַ געוויסע צייט אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע, ווען ער האָט זיך באַמיט צו באַזאָרגן מיט זיינע פּראָדוקטן יידן אינעם געטאָ; די גרויסע שטיינהאַקעריי אין קלאָסאָווע „וואָלין, געשלאָסן שפּעטער דורך דער רעגי־רונג פאַרן אָנטייל אין אַ פייערונג פון ערשטן מאַי; דער קיבוץ „תל־חי", וואָס האָט געאַרבעט אין ביאַליסטאָק און אומגעגנט, מיט 15 פּלוגות און מיט איבער 700 חברים; „שחריה", אַ קיבוץ, וואָס איז געווען טעטיק אין ראַיאָן פון ווילנע־באַראַנאָוויטש, מיט 30 פּלוגות און העכער 1500 חברים; „קיבוץ באָראָכאָוו", אין לאָדזש, דער גרעסטער אינדוסטריעלער קיבוץ מיט כלערליי וואַרשטאַטן, וואָס האָט פאַרמאָגט 39 פּלוגות מיט 1300 חברים און האָט אויך פאַרשפּרייט זיין טעטיקייט איבער דער געגנט פון קעלץ און בענדין.

זינט דעם מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָבן פאַרשידענע אָרגאַני־זאַציעס זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן אַגריקולטור און מלאכה צווישן יידן. אין דייטשלאַנד — די „געזעלשאַפט צור פערדערונג דעס אַקערבויעס" אאַ"וו; אין רוסלאַנד — די „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפט און מלאכה צווישן דער יידישער באַפעלקערונג" („אָרט"). „אָרט" איז אויך גע־ווען טעטיק אין פּוילן, אין צוגאָב צו דער אַלטער טאָ(וואַזשיסטווא) פּאָ(מאָצי ראָל(ניטשעי), וואָס האָט נאָך פון אַמאָל געשטרעבט צוציען די יידישע יוגנט

צו ערד־אַרבעט. די גרעסטע הצלחה אין דעם געביט האָט אָבער געהאַט צו פאַרצייכענען „החלוץ״, וועמענס אידעאַליסטישע מיטגלידער זענען אַריבער צו ערד־אַרבעט און אַנדערע פיזישע באַשעפטיקונגען מיט חדווה און באַגייסטערונג, זעענדיק אין דעם אַן אָנהייב פון דער געגאַרטער רעוואָלוציע אין זייער לעבן, וואָס וועט געפינען איר ענדגילטיקע לייזונג מיט דער עליה און קיבוצישער קאָלאָניזאַציע אין א״י. די הצלחה פון „החלוץ״ אויפן געביט פון אַגריקולטור האָט אויך באַוואויגן דעם „אָרט״, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון ניט־ציוניסטן, אַריינעמען די חלוצישע הכשרה־פונקטן אין זיין רשימה פון אַגריקולטורעלער הילף.

וועגן דער אַנטוויקלונג פון „החלוץ״ זאָגן עדות פאָלגנדיקע ציפערן*):

	צאָל סניפים	חברים	אין הכשרה	אַרב.־עולים	אַלג. צאָל עולים
1924	71	1694		1620	7975
1925	232	4558	712	6759	17740
1926	364	9515	2449	5055	6809

לויטן באַריכט פון א״י־אַמט אין וואַרשע, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער עלייה, האָט זיך די חלוצישע באַוועגונג באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין די יאָרן 35־1931, ווען זי האָט אָנגעטראָפן:

	צאָל עליה־פלוגות	חברים		צאָל עליה־פלוגות	חברים
1931	44	2029	1933	186	4448
1932	84	2227	1934	169	7915

אין דערזעלביקער צייט האָט זיך אויך באַדייטנדיק אויסגעברייטערט די הכשרה־אַרבעט. די צאָל חברים אויף הכשרה האָט אָנגעטראָפן, לויט די ראַיאָנען:

	סוף 1933	סוף 1935
אין קאָנגרעס־פוילן	9650	9727
אין מזרח־גאַליציע	3967	1823
אין מערב־גאַליציע	2332	1518
	15949	13068

בעת די וואַלן צו דער קאָנפערענץ פון „החלוץ״, אין אַפּריל 1934, האָט געזיגט די ליסטע פון „גוש חלוצי־כללי״, וואָס האָט איינגעשלאָסן חברים פון פועלי־ציון צ. ס., „פרייהייט״, „החלוץ״ און „החלוץ־הצעיר״, און האָט

*) די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן „החלוץ״ זענען אַרויסגענומען פון אַרטיקל פון חיים ברלס „העלייה והמשרד הארצישראלי המרכזי״, אין באַנד א׳ ורשה (אנציקלופדיה של גלויות), ירושלים־תל־אביב, ז״ז 413—435.

באַקומען צוויי דריטל פון די אָפּגעגעבענע 30.000 שטימען. „השומר־הצעיר״ האָט באַקומען 7.000 שטימען, „גורדוניה״ — 2445 שטימען, „ריכוז־וויתקין״ — 882 און דת־ועבודה (מזרחי־חלוצים) — 111 שטימען **).

אין גאַליציע איז די כוחות־פאַרהעלטעניש געווען אַן אַנדערע. בעת די וואַלן צו דער קאָנפערענץ פון „החלוץ״ סוף 1933, זענען פון די 16.861 שטימען אָפּגעגעבן געוואָרן ***): 6321 שטימען — פאַרן „השומר־הצעיר״, 5994 שטימען — פאַר „איחוד־הקבוצות״, וואָס האָט איינגעשלאָסן די יוגנט־פאַרבאַנדן פון פּועלי־ציון־התאחדות, 1452 שטימען — „דרור״ (אָנהענגער פון „קיבוץ המאוחד״ אין א״י); „וויתקיניה״ — 1028 שטימען; „עקיבא״ (אַלגעמיינע ציוניסטן) — 1961 שטימען; „השחר״ (ראַדיקאַלע ציוניסטן) — 105 שטימען. די שטאַרק־צעוואַקסענע חלוצישע באַוועגונג האָט בכלל צו־געצויגן צו זיך די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס אויך פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און פון מזרחי („החלוץ הכלל־ציוני״ און „דת־ועבודה״). די צאָל חלוצים פון די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס האָט דערגרייכט, האַרט ערב דעם קריג, ביז 60.000. גרויסע טיילן פון זיי האָבן עולה געווען אין די יאָרן פון דער „5טער עלייה״, וואָס האָט אָנגעטראָפן אין:

1929	5249	1934	42,395
1930	4944	1935	61,854
1931	4075	1936	29,727
1932	9533	1937	10,536
1933	30,327	1938	12,868

פון די ציפערן איז אויך צו זען, אַז אין אייניקע יאָרן, ווען די עלייה האָט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט (35־1934), האָט זי אויך איבערשטיגן דעם נאַטירלעכן צוואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן.

פּועלי־ציון צ. ס. האָט, ווי געזאָגט, גענומען אַן אָנפירנדיקן אָנטייל אין „החלוץ״־„החלוץ־הצעיר״. מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט די חברים, וואָס זענען געווען טעטיק: צבי ראָזענשטיין, ישראל ריטאָוו, יצחק פונט, י. בראַ־גינסקי, י. מינקאָווסקי, א. געוועלבער, בערדיטשעווסקי, פ. בן־דורי, י. וואַ־שטשינא און אַנדערע. אהרון בעקער, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, און י. אַלמוגי (ישראל־מיניסטער) קומען אַרויס פון די רייען פון „פרייהייט״ און „החלוץ־הצעיר״; פ. לבון, געוועזענער גענעראַל־סעקרעטאַר — פון די רייען פון „גורדוניה״.

אין ווילנע האָט מיטן „החלוץ״ אָנגעפירט י. צוקערמאַן („אַנטעק״, שפּע־טערדיקער אָנפירער פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, איצט אין ישראל); אין ביאַליסטאָק — מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו און טעמע שניידערמאַן

**) „דאָס וואָרט״ (וואַרשע), אַפּריל 13, 1934.

***) „דאָס וואָרט״ (וואַרשע), 21 דעצעמבער, 1933.

(ביידע אומגעקומען בעתן אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָק, וואָס דער ערשטער האָט אָרגאַניזירט). זיי אַלע זענען געווען חברים פון „פרייהייט" און „החלוץ־הצעיר", דאָסזעלביקע פרומקע פּלאָטניצקע (אומגעקומען ביים אויפשטאַנד אין בענדין), צביה ליובעטקין (זיך באַטייליקט אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, איצט אין ישראל), לאה (לאָניע) קאָזשעבראָצקי (פאַרבינדלערין פון די געטאָס, אומגעקומען דורך די נאַציס).

אויך אַ צאָל „אומפּאַרטייאישע" צווישן „החלוץ", ווי אליהו דאָבקין (איצט מיטגליד פון דער יידישער אַגענטור אין ירושלים), פּינחס קאָזלאָווסקי (איצט ספּיר, האַנדלס־מיניסטער אין דער ישראל־רעגירונג) און אַנדערע האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער פּראַקציע פון פּועלי־ציון צ. ס. און „פרייהייט־דרור" אין דער „החלוץ"־באַוועגונג.

די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל

די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל האָט זיך אַנטוויקלט פון דעם „פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד" („קפא"י"), וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין א"י נאָך פאַרן ערשטן וועלט־קריג. נאָכן אַנטשטיין פון הסתדרות, האָבן די צעירי־ציון דורכגעפירט אין אַנהייב פון די 20ער יאָרן אַ דערפאָלגרייכן זאַמלונג־קאַמפּיין פון ווערקצייג און מכשירים פאַר דער א"י־אַרבעטערשאַפט, וואָס איז אָנגעגאַנגען עטלעכע יאָר.

די ליגע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פון די אַקציעס פאַרן פ. אַ. פ. און פאַרן ווערקצייג־קאַמפּיין, איז אויסגעוואַקסן צום פירנדיקן אָרגאַן כמעט פון גאַנצן לאַגער פון אַרבעטנדיקן א"י. זי האָט אַרומגענומען, חוץ פּועלי־ציון, אויך „התאחדות", „החלוץ", „השומר־הצעיר", „העובד", שפּעטער אויך דעם ראַט פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווי אויך „דת־ועבודה" און אַנדערע נאָענט שטייענדיקע אָרגאַניזאַציעס. כדי צו שטאַרקן די זאַמלונגס־טעטיקייט פאַר דער הסתדרות, פלעגט די ליגע איינלאַדן פון א"י שליחים. זיי פלעגן שפּעטער אויך אַראָפּקומען פאַר די וואַל־קאַמפּיינען פון בלאָק פון אַרבעטנדיקן א"י צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן. אַדאַנק דעם האָט די באַוועגונג געהאַט אַ מעגלעכקייט צו האָבן די הילף פון אַלע וויכטיקסטע פירער פון דער הסתדרות און מפא"י, ווי: דוד בן־גוריון, יצחק בן־צבי, בערל קאַצענעלסאָן, שלומה קאַפּלאַנסקי, חיים אַרלאָזאָראָוו, יוסף שפּרינצאַק, בערל לאָקער, זלמן רובאַשאָוו [איצט — שזר], ברוך צוקערמאַן, פּינחס ראַשיש [איצט — מעיאָר פון פּתח־תיקווה], א. ש. יוריס א"אַ.

די ליגע פלעגט אויך האָבן צוזאַמענפאַרן, מיטן אָנטייל פון אירע באַשטאַנד־טיילן. דער צוזאַמענפאַר מיטן אָנטייל פון עמיל וואַנדערוועלדע,

פּאַרזיצער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין יאָר 1932, האָט זיך פּאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע פּאַר דער הסתדרות און דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י.

צווישן די סעקרעטאַרן פון דער ליגע דאַרפן דערמאָנט ווערן: אינזש׳ ב. בוימאַן און יצחק פונט [ביידע אין ישראל], מלך ניישטאַדט, וואָס האָט שפּעטער איבערגענומען די אָנפירונג פון דער ליגע, האָט אויסגעברייטערט אירע אַקטיוויטעטן, סיי אויפן זאַמלונגס־געביט און בפרט אויפן פּאָליטיש־ציוניסטישן געביט, ביים אָרגאַניזירן די וואַל־בלאָקן פון דער ליגע. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן דעם ליגע־אָרגאַן „דאָס אַרבעטנדע א״י״.

די א״י־קאָנפערענץ אין פּוילן

אַ פּאָר יאָר פאַרן קריג, ווען די א״י־שטימונג אין פּוילן, בפרט צווישן דער יידישער יוגנט, האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און ווען אין אָנגעזיכט פון דער אָנקומענדיקער מלחמה און דער זיך דערנעענטערנדיקער קאַטאַסטראָפע, האָט דער רוב יידן געווענדעט זיינע אויגן צו דער אויסוואַנדערונג קיין א״י, איז לויט דער איניציאַטיוו פון פּועלי־ציון און מיט דער אויטאָריטעט פון אירע פירשפּרעכער, אינזש׳ א. רייס, ה. העלמאַן און לייב יאַפע פון ירושלים, גערופן געוואָרן, אַנשטאָט די געוויינלעכע יערלעכע קאָנפערענצן פון קרן־היסוד און קרן־קימת, גרויסע געמיינזאַמע ארץ־ישראל־קאָנפערענצן, צו וועלכע עס איז אויך צוגעשטאַנען די אָרטאָדאָקסישע „אַגודת ישראל״, וואָס האָט ביז דאַן זיך ניט באַטייליקט אין די זאַמלונגס־פאָנדן פאַר א״י, וואָס האָבן געהערט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די א״י־קאָנפערענץ אין וואַרשע, אין הערבסט פון יאָר 1938, מיטן אָנטייל פון כמעט אַלע אָרגאַניזאַציעס פון פּוילישן יידנטום, האָט פּאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אויסערגעוויינלעכע דעמאָנסטראַציע פּאַרן ציוניזם און א״י, וואוהין די יידן האָבן געדרענגט אויך דורך „אומלעגאַלער״ עליה, טראָץ דער אויסגעשפּראָכן אַנטי־ציוניסטישער פּאָליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג, וואָס האָט דאַן געהאַלטן ביים אַרויסלאָזן איר טרויעריק באַקאַנטן „ווייס־בוך״ קעגן יידישער עליה קיין א״י.

בעת אַט־דער אימפּאָזאַנטער דעמאָנסטראַציע פון כמעט דעם גאַנצן פּוילישן יידנטום, איז אויך אָנגעקומען די טראַגישע בשורה וועגן „זבאָנשין״, וואוהין די נאַציס האָבן ברוטאַל אַרויסגעשיקט פּוילישע יידן פון דייטשלאַנד. אַ דערדריקנדיקער שאָטן איז געפאַלן אויף די פּאַרהאַנדלונגען פון דער קאָנפערענץ. די צאָלרייכע דעלעגאַטן האָבן דערפילט אינסטינקטיוו, אַז עס הייבט זיך אָן עפּעס אימהדיקס. אין אַ יאָר אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרד־מאַרש פון נאַציזם קעגן דער וועלט, וואָס האָט אויך פּאַרשוועונקט דאָס גרויסע, פיל־געפּרואווטע פּוילישע אידנטום.

№199 | פרייז 10 גראשן | Dos Naje WORT
Opłata pocztowa uiszczona gotówką
Po konfiskade nakład drugi
קאנפיסקירט „דאס נייע וואָרט“
אנטי-יידישע געשעענישן אין
אסטראָוו-מאַזאָוויעצק
מ׳זוכט דעם סאַוועטישן פירער לעוואַניעווסקי
נייע וואָרט
Warszawa, wtorek 17 sierpnia 1937
פייערלעך געשלאָסן דער 20-טער ציונ. קאָנגרעס
געוויילט א נייעם אקציאנס-קאָמ. פון 69 מיטגלידער. — באַגרענעצט די צאָל דעלעגאַטן ביז 300
באַגייסטערטע שלוס-רעדעס פון פראָפ. ווייצמאַן, ד. בן-גוריון און מ. אוסישקין

יולי, 1933 — אויגוסט, 1939

אַ ר י י נ פ י ר

די גרינדונג פון דאָס וואָרט, דער טאָגצייטונג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער-באַוועגונג אין פוילן, איז צונויפגעפאַלן מיטן אַלגעמיינעם אויפשוואונג אין ציוניזם, אָנהייב 30-ער יאָרן. צו יענער צייט, נאָכן אָפּשטעלען זיך פון גרויסן שטראָם פון דער דריטער עליה פון די 20-ער יאָרן, איז כמעט איינגאַנצן פאַרשוואונדן דער קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פוילן. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע אין ארץ-ישראל האָט זיך ביס-לעכווייז סטאַביליזירט און ס׳האָבן זיך געעפנט באַדייטנדיקע מעגלעכקייטן פאַר אַ נייער, דער עיקר, חלוצישער עליה, וואָס פאַר איר האָט די הסתדרות אין לאַנד נישט אויפגעהערט צו מאַכן כסדרדיקע באַמיאונגען, דורך גרינדן נייע אַרבעטער-ישובים און דורך אַנטוויקלען אירע זעלבשטענדיקע אַרבעטער-אונטערנעמונגען אין די שטעט און קאָלאָניעס.

דער נייער עליה-שטראָם קיין ארץ-ישראל האָט זיך באַנוצט מיט אַלע מעגלעכקייטן, — דער „לעגאַלער“ עליה דורך סערטיפיקאַטן, טוריסטיק און שפּעטער דורך עלית ב׳ [די אַזוי גערופענע „אומלעגאַלע“ עליה]. דער וואַקסנ-דיקער אינטערעס און שטרעבונג צווישן יוגנט און מאַסן צו ארץ-ישראל, האָט געפונען זיין אויסדרוק אינעם וווּקס פון פועלי-ציון (פאַראייניקט מיט צ״ס), פון החלוץ און בכלל פונעם גאַנצן לאַגער פון אַרבעטנדיקן א״י.

ווי אַן „אַריינפיר“ אין אָט דעם אויפשוואונג, קאָן באַטראַכט ווערן דער ערשטער קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ-ישראל, וואָס איז אָפּגעהאַלטן גע-

וואָרן אין בערלין אין 1929, מיטן אָנטייל פון אַ סך דעלעגאַטן. די באַוועגונג אין פוילן, אָנגעפירט דורך פועלי־ציון און „החלוץ", האָט אויפן דאָזיקן קאָנגרעס רעפּרעזענטירט אַ צאָלרייכע דעלעגאַציע פון פאָרשטייער נישט בלויז פון דיביידע דערמאָנטע אָנפירנדיקע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך פון די לינקע פּ"צ, „השומר הצעיר", „התאחדות" א"אַנד.

די כסדר וואַקסנדיקע באַוועגונג אין פוילן האָט באַזונדערס דערפילט די נייטיקייט אין אַן אייגענער טאָג־טריבונע, ווען אויפן פּאָליטישן האָריזאָנט אין ציוניזם האָט זיך באַוויזן דער שאָטן פון אַגרעסיוון רעוויזיאָניזם, וואָס האָט אידעאיש ביסלעכווייז פאַרכאַפּט טיילן פון אַלגעמיינעם ציוניזם און פון „מזרחי", און האָט געגומען אויסאיבן אַלץ אַ גרעסערע השפעה אויף דער יידישער טאָגפּרעסע. פועלי־ציון, וואָס האָט זיך מיט דער גאַנצער שאַרפקייט קעגנגעשטעלט דעם רעוויזיאָניזם און נישט אויפגעהערט צו קעמפן קעגן זיין פאַרביסענער קאַמפּאַניע לגבי דער הסתדרות און אַלע אירע אויפטוען אין ארץ־ישראל, — האָט געהאַט אין איר רשות בלויז דאָס וואָכנבלאַט באַפריי־אונג־אַרבעטער־שטימע. נאָך דער פאַראייניקונג פון פועלי־ציון (רעכטע) מיט צ"ס צעירי־ציון אין 1925, איז דער דאָזיקער וועכנטלעכער אָרגאַן פון פועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ"ס) געוואָרן די איינציקע סאָלידע פּרעסע־טריבונע, וואו עס איז אויפגעפּאַכטן געוואָרן דער קאַמף פון דער הסתדרות און פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל קעגן רעוויזיאָניזם און אַלע אַנדערע אַרבעטער־פיינדלעכע שטרעמונגען אינעם אַלגעמיינעם ציוניזם. די וועכנטלעכע טריבונע איז אָבער נישט געווען גענוג. אָנהייב 1933 איז, לויט דער איניציאַטיוו פון פועלי־ציון, אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאָמיטעט פאַר שאַפן אַן אייגענע טאָגצייטונג פונעם גאַנצן לאַגער פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. אינעם קאָמיטעט זיינען, חוץ פועלי־ציון, אַריין אויך פאָרשטייער פון „החלוץ", פון דער פאַראייניקטער „התאחדות־פועלי־ציון"־פּאַרטיי אין מזרח־גאַליציע און פון „השומר הצעיר". דער לעצטער האָט אויסגענומען פאַר זיך, אַז אין דער קינפטיקער צייטונג זאָל ער האָבן דאָס רעכט צו פאַרטיידיקן זיין אייגענע שטעלונג אין די פראַגעס פון „תרבות" [דער העברעאישער קולטור־ און שול־אָרגאַניזאַציע אין פוילן], ווי אויך אין די פראַגעס פון סאָציאַליסטישער פּאָליטיק און טאַקטיק, וואו ער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט פועלי־ציון און מפא"י, ווייל דער „השומר הצעיר" איז געווען אַ קעגנער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכן די ערשטע ביידע זיינען געווען אָנגעשלאָסן.

דער איניציאַטיוו־קאָמיטעט האָט פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף וועגן דער געפּלאַנטער טאָגצייטונג, מיט חתימות פון פירנדיקע חברים, סיי פון פוילן, סיי פון אויסלאַנד. עס איז אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ זאַמל־אַקציע פאַר דער צייטונג. פועלי־ציון, וואָס זיינען געווען די אייגנטלעכע איניציאַטאָרן פון דער צייטונג און וועמען די זאַך איז געלעגן באַזונדער צום האַרצן אויך צוליב זייער ליבע און איבערגעגעבנקייט צו יידיש, האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין דער אַרבעט פאַר זייער יידישער טאָגצייטונג בלב ונפש. די אַרבעט האָבן

אויך זייער שטאַרק געשטיצט די הסתדרות און מפא״י, וואָס האָבן זייער הויך געשעצט די באַוועגונג אין פוילן, נישט בלויז צוליב דעם, ווייל דאָרט איז געווען דער גרעסטער און שטאַרק ציוניסטיש־געשטימטער יידישער קיבוץ אין אייראָפּע, נאָר אויך צוליב דעם פאַרצווייגטן און כסדר וואַקסנדיקן „החלוץ״ מיט זיינע צאָלרייכע עולים־קיבוצים, הכשרה־פּונקטן און דער גרויסער יוגנט־אַרמיי פון „החלוץ״, ווי אויך פון דער פּועלי־ציוניסטישער „פרייהייט״ פון „השומר הצעיר״, „גורדוניה״ א״אַנד, וואָס האָבן געלעבט מיט די אידעאַלן פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, און פאַר וועלכע די הסתדרות און אירע אידעאַלן זיינען געווען דער ליכטזייל אין זייער טאָג־טעגלעכן שווערן און אויסזיכטס־לאָזן לעבן אין פוילן.

ווי שנעל ס׳איז נישט אָנגעגאַנגען די זאַמל־אַקציע פאַר דער צייטונג, האָט זי אָבער אין מיטן 1934 נאָך נישט באַוויזן אויפצוזאַמלען דעם נייטיקן סכום געלט, וואָס מ׳האָט זיך לכתחילה אָנגעצייכנט פאַר אַרויסגעבן די טאָג־צייטונג. דערווייל אָבער האָט די צייט געדרענגט. עס האָט זיך דערנעענטערט דער וואַלקאַמף צום 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער רעוויזיאָניזם האָט גע־מאַכט די גרעסטע באַמיאונגען צו געווינען די וואַלן. היות די אויסזיכטן אין ארץ־ישראל זיינען נישט געווען פאַר אים קיין גאָר גוטע, האָט ער זיך פאַר־לייגט אויף פוילן. פון ארץ־ישראל איז דאַן געקומען די פאָדערונג נישט אָפּ־צולייגן דאָס אַרויסגעבן די צייטונג ביז מ׳וועט זאַמלען די גאַנצע סומע וואָס עס איז געווען נייטיק פאַר איר, נאָר צוטרעטן תיכף ומיד צו דער אַרבעט.

אויף די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי־ציון און פונעם קאָמיטעט פאַר דער צייטונג האָט מען באַשלאָסן נאָכקומען דער פאָדערונג פון די חברים פון ארץ־ישראל, הגם עס איז געווען קלאָר אַז צוליב די נישט־גענוגנדיקע געלט־מיטלען וועט די צייטונג קענען דערשיינען בלויז אין איין אויסגאַבע אַ טאָג און וועט נישט קענען, ווי די גאַנצע וואַרשעווער פּרעסע, האָבן די צווייטע אויסגאַבע, ספּעציעל פאַר וואַרשע און דער אומגעגנט. צו־ליב דער זעלבער פינאַנציעלער נישט צוגעגרייטקייט האָט די צייטונג נישט געקענט פאַרזאָרגן זיך מיט אייגענע לינאָטיפּן און בכלל מיט דער גאַנצער טעכנישער איינאָרדענונג, וואָס עס האָבן געהאַט די אַנדערע און לאַנג איינ־געפונדעוועטע יידישע טאָגצייטונגען אין וואַרשע. ס׳איז פאַר אַלעמען אויך געווען קלאָר לכתחילה, אַז די צייטונג גייט נישט פאַרמעסטן זיך מיט דער איבעריקער יידישער טאָגפּרעסע אין צירקולאַציע. די נייע צייטונג, וואָס איז פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַן אידעאישער אָרגאַן פון דער באַוועגונג פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און האָט נישט, ווי צום טייל אַנדערע טאָגצייטונגען, אין זינען געהאַט קיין שום קאָמערציעלע צוועקן, האָט נישט געהאַט בדעה אויסקאָנקורירן קויפער און לעזער מיט שלאָגנדיקע קעפּלעך, בולוואַר־ראָמאַנען און אַנדערע ביליקע מיטלען, וואָס האָבן זיך, ליידער, אָנגענומען אינעם רוב יידישע צייטונגען.

אויך דעם נאָמען פאַר דער צייטונג האָט מען, אַזוי צו זאָגן, אויסגע־באָרגט ביים „דבר״. אַלס רעדאַקטאָר איז איינגעלאַדן געוואָרן אַן ארץ־

ישראלדיקער חבר און טאַקע אַ רעדאַקציע־מיטגליד פון דער דערמאָנטער, באַרימטער טאָגצייטונג פון דער הסתדרות, — זלמן רובאַשאָוו. ער האָט, אגב, אַנטוויקלט אַן ענערגישע אַרבעט, ספּעציעל ביים רעדאַקטירן דעם שלל מאַטעריאַלן פֿן כלערליי שרייבער, און באַזונדערס אין שייכות מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע צום ציוניסטישן קאָנגרעס. פון די אייגענע מענטשן זיינען אין דער רעדאַקציע אַריין: ה. בערגער, אַלס סעקרעטאַר, אַ. רייס, דער שרייבער פון די שורות, מלך ניישטאַט, וואָס איז דאַן געווען אין פוילן אַלס שליח פון דער הסתדרות צו דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, און ל. שפּיזמאַן, שפּעטער — ה. קרוי פון לאָדזש. באַלד זיינען צוגעקומען משה באסאק, אַלס פאָרשטייער פון „החלוץ״, יהודה גאָטהעלף — פון „השומר הצעיר״. מ. ניעלאוויצקי איז געוואָרן קאָרעקטאָר און איבערזעצער. אויך די חח׳ י. חפץ און א. ביאַלאָפּאָלסקי, פון צ״ק פון די פ״צ, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אָנפירונג פון „וואָרט״.

די אַדמיניסטראַטיווע אָנפירונג פון דער צייטונג האָבן איבערגענומען אינזש׳ א. רייס אַן אַלס געהילפן — י. אַראָנסאָן און א. גראָדזענסקי. נאָכן קאָנגרעס, ווען רובאַשאָוו איז צוריק אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, איז די צייטונג אָנגעפירט געוואָרן פון אַ קאָלעגיע, מיטן אָנטייל פונעם שרייבער פון די שורות, מ. ניישטאַט, א. רייס, ל. שפּיזמאַן און מ. באסאק.

די רעדאַקציע האָט זיך לכתחילה געפונען אין אַ קליין צימער אויף אָרלע 11, בשכנות מיטן מרכז פון „החלוץ״. שפּעטער האָט זי זיך איבער־געטראָגן אויף עלעקטאָראַלנע 5, וואו ס׳האָט זיך געפונען דער לינאָטיפּ, אויף וועלכן די צייטונג איז געזעצט געוואָרן. געדרוקט האָט מען זי אין אַ צווייטן פּלאַץ.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די פינאַנציעלע און טעכנישע נישט־צו־געגרייטקייט האָט אומגעהייער געשטערט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער צייטונג. צוליבן אויספעלן פון אַ ספּעציעלער אויסגאַבע פאַר וואַרשע און דער אומגעגנט, האָט די צייטונג דאָרטן נישט געקענט שטייגן אין איר ציר־קולאַציע מחוץ די גרענעצן פון דער אייגענער מאַסע קויפער און לעזער פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, בעת אויף דער פּראָווינץ האָט זי עס יאָ באַוויזן צו דערגרייכן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, אַדאַנק דעם, וואָס דאָרטן האָט זי יאָ געקענט קאָנקורירן מיט די איבעריקע טאָגצייטונגען אויך אין דער הינזיכט פון נייס. מ׳האָט אָבער נישט געהאַט קיין דערפאַרונג אויפן געביט פון אַדמיניסטראַציע, פאַרקויף און פאַר־שפּרייטונג פון אַ טאָגצייטונג.

נאָך דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, ס׳הייסט 3־4 חדשים נאָכן אָנהייבן דערשיינען פון „דאָס וואָרט״, איז א. רייס דעלעגירט געוואָרן קיין אַמעריקע, וואו ער האָט מיט דער הילף פון אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, בראש מיט מ. קאַסטאָף, געקויפט אַ לינאָטיפּ פאַרן „וואָרט״, פאַרן געלט פון דער אַקציע וואָס ס׳האָבן געפירט די אַמעריקאַנער חברים. דער געניצטער לינאָטיפּ איז אָבער אָנגעקומען קיין וואַרשע ערשט אין 1934.

דער ערשטער נומער „דאָס וואָרט"

דער ערשטער נומער „דאָס וואָרט" איז דערשינען מיטוואָך, דעם 5טן יולי, 1933.

אין אָנהייב פון דעם שער־בלאַט איז אויף די לעצטע שפּאַלטן, אין אַ שוואַרצער ראַם, געדרוקט מיט פעטן שריפט פאָלגנדיקע ווידמונג „צו חיים אַרלאָזאָראָוו" (איבערגעזעצט פון העברעאיש):

דו האָסט געשענקט דיין האַרץ, דיין קאָפּ און איצטער אויך דיין לעבן.
וואָס האָסטו, ברודער־גוטער, מער געקענט דעם פאָלק נאָך געבן?
אַ גליענד לעבן, אָדלער־הויך, אַ קדושים־טויט געשווינד —
מיט וואָס קאָן מער דאָס יידיש פאָלק באַשענקען זיינס אַ קינד?
דוד שמעונאָוויטש

ווייטער קומט דאָס פּראָגראַם־אַרטיקל פון „דאָס וואָרט", וואו צווישן אַנדערן ווערט געזאָגט:

„אין צייכן פון אַן אויסערגעוויינלעכער צייט ווערט געבוירן אונ־דזער וואָרט — די ערשטע טאָגצייטונג פון אונדזער באַוועגונג אין פּוילן... די אַלץ וואַקסנדיקע נויט פון די יידישע פאָלקסמאַסן, וועמענס טענדענצן עס האָט פעסטגעשטעלט און אַנאַליזירט אונדזער פאַרשנדער געדאַנק, איז מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היסטאָרישער קאַטאַסטראָפע, ווייל דער סיסטעמאַטישער און גרינטלעכער אויסראָטונגס־קאַמף קעגן יידן איז איצט דער־הויבן געוואָרן צו אַ צענטראַלער אויפגאַבע פון דער הערשנדיקער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע. דער ווידערשטאַנד פון די יידישע באַ־פרייאונגס־כוחות, וואָס האָבן, יעדער אויף זיין שטייגער, געראַנגלט זיך קעגן די סכנות פון פּאָליטישער קנעכטונג, ווירטשאַפטלעכער צעשטע־רונג און קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט, איז היינט אַ פיל פאַרצוויפל־טערער ווי פריער, ווייל איינער נאָכן אַנדערן ווערן אויסגעלאָשן פייער־לעך, וואָס האָבן פריער צוגעוואונקען מוט און האָפענונג. דאָס בייע זיך בויענדיקע ארץ־ישראל הייבט אָן צו ווערן אַ ממשותדיקע און צענטראַלע לעבנס־באַדערפעניש פון די יידישע מאַסן, ווייל דער יונ־גער ישוב האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר געפעסטיקט און צוקונפטסרייך און ס'האָט דערשפּירט דאָס פאָלק, אַז ביי אַן אָרגאַניזירטער, סיסטע־מאַטישער און צילבאַוואוסטער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט, קען זיין גרויסער חלום פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און סאָציאַלער אויסלייזונג ווערן אַן אמת".

„דאָס וואָרט" — ווערט ווייטער געזאָגט — וויל ווייטער נישט זיין קיין אָרגאַן פון אַ פּאַרטיי, נאָר אַ פירנדיקער אויסדרוק פון אַ פאַר־צווייגטער באַוועגונג. דער קאַמף פון אָרגאַניזירטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם איז אונדזער קאַמף. די שליחות פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט אויפצובויען אין ארץ־ישראל די פרייע צוקונפט פונעם יידישן פאָלק אויף יסודות פון אַרבעט, נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט איז אונדזער שליחות. די פּאָליטיק פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג ווייסט, אַז אינעם קאַמף און אינעם שאַפן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט ווערט אַנטשידן דער גורל פון איר

דערלייזונג, אַז אונדזער פּאָליטיק און דער גייסט פון החלוץ און פון דער יוגנט, וואָס גרייט זיך צו ווערן די אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל, וועט זיין אונדזער גייסט".

ווייטער ווערט אָנגעוויזן, אַז

„אין די ערשטע וואָכן פון אונדזער עקסיסטענץ וועט אין צענטער פון קאַמף שטיין די רייניקונג, באַנייאונג און רעוואָלוציאָניזירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. באַפרייען זי פון דער געפאַר פון פאַשיסטישער אַרבעטער־פיינדשאַפט און פון סאָציאַלער רעאַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין איר אויסברייטערן, אַקטיוויזירן זי צו גרויסע קאָלאָניזאַטאָרישע, פּאָליטישע און אָרגאַניזאַטאָרישע מעשים, וואָס אַנטשפּרעכן דער גרויסקייט פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע און דער מאָס פון די א״י־מעגלעכקייטן, און דערהייבן אין איר די פאָן פון אַרבעט און פון חלוציות. די טעג פון די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס זיינען דערצו די נייטיקע קאַמפסטעג און דערציאונגס־טעג."

דער נומער איז באַשטאַנען פון 4 זייטן, יעדע פון 5 ברייטע שפּאַלטן (די גאַנצע יידישע טעגלעכע פּרעסע האָט זיך געדרוקט אין 7 שפּאַלטיקע זייטן). די ערשטע זייט האָט, חוץ די שוין דערמאָנטע ווידמונג און פּראָגראַם־אַרטיקל, געבראַכט טעלעגראַמעס פון ייט״א, פּאַט (פּוילישע טעלעגראַפן־אַגענטור) און אייגענע, — פון ירושלים, בערלין, פּאַריז א״אַנד, דערונטער די ידיעה, אַז דער יערלעכער צוזאַמענפאָר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע פאָדערט, אַז ד״ר ווייצמאַן, וואָס האָט אויפן 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס דעמיסיאָנירט, זאָל צוריק געוויילט ווערן אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און אַז אין ווין האָבן אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען איינגעאָרדנט פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען קעגן זשאַבאָטינסקין און זיין פּאַרטיי. — — —

פאָלגנדיקע אַרטיקלען זיינען געווען געדרוקט אין ערשטן נומער: דוד בן גוריון — מען וויל זיך ריינוואַשן (נאָטיצן פון נישט קיין יוריסט), פּ. שטאַמפּער — דייטשלאַנד — אַ דעספּאָטיע, י. פּיכמאַן — חיים אַרלאָזאָראָוו מ. [לך] נ. [יישטאַט] — היטלעריסטישע שלוחים אין וואַרשע, ווער — קורץ און שאַרף (קליינע, 2, 3 שורהדיקע נאָטיצן, קעגן די רעוויזיאָניסטן), ב. — טרויער און זעלבסטבאַהערשונג (אַ בריוו פון ארץ־ישראל), ש. רימאלט — מיר מאַרשירן פאָרויס (וועגן גרויסן אָנטייל פונעם אַרבעטנדיקן א״י אין שקל־פאַרקויף), עבר הדני — אין זומפּ פון חולה (אַ קאַפּיטל פון אַ דערציילונג).

אויף דער לעצטער זייט: „אין קאַמף פאַר צוטרוי" (וועגן די דייטשע ס־ד), גרעסערע נאָטיצן וועגן זשאַבאָטינסקיס מיטינג אין וואַרשע און „דאָס אומריינע געוויסן" פון ר. ש. אין דער אָפּטיילונג „וואַרשעווער נייס", כראָניק פון וואַרשעווער לעבן, דערונטער אויך אַ ידיעה, אַז 305 עולים, צווישן זיי 200 חלוצים, זיינען אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. אונטן ווערט געבראַכט אַ מעלדונג פון „דת ועבודה", וועגן אַ רעפעראַט פון ש. ווייסבוים אין זייער אייגענעם לאָקאַל, זאַמענהאָף 38 אד״ט: „בויענדער חלוציזם און צעשטערנדער רעוויזיאָניזם".

ד. בן גוריון, וואָס האָט דאַן געוויילט אין וואַרשע, אין שייכות מיט דער

וואַל־קאַמפּאַניע צום 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט בכלל געגומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין „דאָס וואָרט". אַזוי זיינען באַלד דערשינען אין דער צייטונג פאָלגנדיקע זיינע אַרטיקלען: אין נ"ר 2 — דער סוף פונעם אַרטיקל פון נ"ר 1, אין נ"ר 3 — „מיר און די פּאַרטייען אין ציוניזם" (די אַרבעטערשאַפט און די פּאָלקסמאַסן). אין נ"ר 6־7 — „די ראָל פון דער אַרבעטערשאַפט אין ציוניזם" (א. דער ציוניזם פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; ב) ציוניזם און סאָציאַליזם). נ"ר 11 — „אומפּאַרשעמטע צביעות" (וועגן זשאַבאָטינסקין), נ"ר 12 — „מיט וואָס גייען מיר צום ציוניסטישן קאָנגרעס (אינטערוויו מיט ד. בן גוריון), נ"ר 16 — די אויפגאַבן פון קאָנגרעס. חוץ דעם זיינען מיט דער אונטערשריפט ד. ב. דערשינען אין דער רובריק פון לייט־אַרטיקל „אויף דער וואַך" פאָלגנדיקע אַרטיקלען: די אַנטשיידונג פון ,ארץ־ישראל" אין נ"ר 15, „ביי דער ערשטער ציילונג" אין נ"ר 19. אין נ"ר 17 איז אויך דערשינען בן־גוריונס אַ בריוו אין רעדאַקציע, וועגן דעם בלאָק וואָס איז גע־שאַפן געוואָרן צו די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס, פון אַלע גרופּירונגען פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל מיטן אויסנאַם פון „התאחדות".

אין די ערשטע נומערן פון „וואָרט" זיינען געווען אַ גאַנצע רייע אַרטיק־לען, אָפּשאַצונגען און לידער פון אָנגעזעענע פועלי־ציון־פירער וועגן אומ־געקומענעם אַרלאָזאָראָוו.

הגם די צייטונג, ווי דער אָרגאַן פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, האָט זיך קאָנצענטרירט, דער עיקר, אויף אַקטועלע פּראָגעס פון ארץ־ישראלדיקן און ציוניסטישן לעבן, — האָט זי אָבער לחלוטין נישט איגנאָרירט אויך קיין אַל־געמיינע ענינים. אין די ערשטע נומערן זיינען אַזוי אַרום דערשינען אויך פאָלגנדיקע אַרטיקלען: מ. יאַרבלום — „דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליזם פאַרן באָיקאָט פון דייטשלאַנד", ש. רימאַלט [מ. ניישטאַדט] — „ראַדעק — אַ גאַסט אין וואַרשע", נ. ק. [קאַנטאָראָוויטש] — „דער בונד פון די שוואַכע" (וועגן בונד פון די קליינע מלוכות אין אייראָפּע קעגן היטלער־דייטשלאַנד), „דאָס וואָרט" פון ל. שפּיזמאַן, פון בן דורי — „באַמערקונגען וועגן דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן" (אָפּשטעלנדיק זיך ספּעציעל אויף די „טויזנטער מענטשן, וואָס פאַרפילן יעצט אונדזער באַוועגונג" און זעען נישט קיין סתירה צווישן ארץ־ישראל־אויפבוי און סאָציאַליזם), א. מ. — „די ווירט־שאַפטלעכע קאָנפערענץ אין לאָנדאָן", מ. [האַלטער] האָט אָנגעפאַנגען זיין „סעריע פּראָווינץ", אויך אַן „איבערזיכט איבער יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס" א"אַנד.

אין די נב' 4־5 איז דערשינען מ. יאַרבלומס אַרטיקל „דער יידישער פירער פון די איטאַליענישע סאָציאַליסטן" (וועגן ק. טרעוועס), „צוגעקומען אַ יידישע משפחה" (וועגן דער נאַצי־טעאָריע, אַז די עסטרייכישע האַבס־בורג־דינאַסטיע שטאַמט פון ... יידן) פון ל. [לעווינסקי] יום־טוב (יעצט אין ישראל), „קראַך פון דער ווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן" (וועגן דער קאָנפערענץ, גערופן אין שייכות מיט רוזוועלטס דעוואַלוואַציע פונעם דאָלאַר) פון נ. קאַן [קאַנטאָראָוויטש], פּאָלעמישע נאָטיצן „אויף רעכטס און

אויף לינקס" פון ל. שפיז [שפּיזמאַן], „וועגן חורבן פון דייטשן יידנטום" פון איש דבר א"אַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ בכבודיקער פּלאַץ איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער וואַל־קאַמפּאַניע צום פאַרשטייענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס. „ווער" האָט ווייטער פאַרגעזעצט זיינע קורצע פּאָלעמישע שורות קעגן רעוויזיאָניזם, ש. ר. [רימאלט] א"אַנד האָבן געשריבן אַ קליינעם קאָלום „אויפן וואַל־פראָנט", מ. האַלטער האָט אין אַן איבערזיכט „מיר וועלן זיי באַזיגן!" געשריבן וועגן דער וואַלאַרבעט אויף דער פּראָווינץ. געווען אויך בריוו פון ארץ־ישראל, ווי „יידיש־אַראַבישע אַרבעטער־סאָלידאַריטעט אין חיפה". דער אייגנאַרטי־קער כאַראַקטער פון „וואָרט" האָט זיך אָבער געלאָזט פילן, אַזוי צו זאָגן, אויף שריט און טריט. אַזוי, צ"ב, האָט „דאָס וואָרט" נ"ר 2 גענומען דרוקן אין המשכים אַ לענגערע דערציילונג „בונט" פון ארץ־ישראלדיקן לעבן, אָנ־געשריבן פון י. שמואלי. דערציילונגען פון ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער־לעבן זיינען בכלל געוואָרן אַ שטענדיקע „פיטשור" אין „וואָרט" און האָבן צוגעגעבן דער צייטונג פיל פון דעם ספּעציעלן קאָלאָריט, וואָס האָט זי אויס־געטיילט פון דער גאַנצער טאָגפּרעסע אין פּוילן. דער דאָזיקער קאָלאָריט האָט זיך געלאָזט פילן אפילו אין אַזעלכע, אַזוי צו זאָגן, „פּאַרעווע" אומפּאָליטישע זאַכן, ווי די, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דעם אָפּטייל „וואַרשעווער כראָניק". אַזוי קען מען דאָרטן כסדר לייענען נייס וועגן פאַרזאַמלונגען פון „החלוץ", „העובד" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטנדיקן א"י.

נ"ר 8 „וואָרט" איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער מאַכט, צוליב אַ נאָטיץ אין דער כראָניק וועגן די „געשעענישן (אַנטי־יידישע) אין סופּראסל". ווי מיר זעען, האָט „דאָס וואָרט" נישט אויסגעמיטן די געוויינלעכע רדיפות פון דער מאַכט, ספּעציעל קעגן דער אַרבעטער־פּרעסע. די צייטונג האָט גע־ליטן פון קאָנפיסקאַציעס אויך שפּעטער און דאָס האָט איר געבראַכט פיל שאָדן, באַזונדערס ביי איר שווערער מאַטעריעלער לאַגע.

פון נ"ר 3 אָן איז איינגעפירט אַ שטענדיקער איין־קאָלומדיקער עדי־טאָריעל א"נ „אויף דער וואַך", געשריבן פון די מיטגלידער פון רעדאַקציע־סטעף. געשריבן האָט מען אויף אַלע אַקטועלע טאָג־טעמעס, אָפּגעבנדיק אַ ברייטן פּלאַץ די אַקטועלע פראַגעס פון דער ציוניסטישערווירקלעכקייט און פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, אויך פון „החלוץ". טייל פון די לעצטע טעמעס זיינען אפשר געווען ווייניק אינטערעסאַנט פאַרן אַזוי גערו־פענעם ברייטן לעזער־עולם, דערפאַר זיינען זיי אָבער אַנטקעגנגעקומען דעם פאַרלאַנג און פאָדערונגען פון דער באַוועגונג, וואָס האָט די צייטונג געשאַפן. דאָס האָט אויך געמאַכט פיל ברייטער און פאַרשידנאַרטיקער דעם היקף פון די עדיטאָריעל־טעמעס. אַזוי זיינען אין די ערשטע פאַר וואָכן באַהאַנדלט געוואָרן אין „אויף דער וואַך" פאָלגנדיקע פראַגעס: „דער בשותפותדיקער אַרבעטער־פראָנט אין פּוילן קעגן פאַשיזם", די צענטראַל־קאָמיסיע (פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען), „בונד" און דער „החלוץ", „דער לייטער פון פּאָ־ליטישן דעפּאַרטמענט אין ירושלים", „אינפלאַציע, קאַפּיטאַליזאַציע און די

אַרבעטער־מאַסן", „וואָרענונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע", „דער פּרענטש־באַריכט" (וועגן ארץ־ישראל), „וואָס טוט די רעגירונג אין קאַמף קעגן קריזיס?", „החלוץ" און די וואַלן (צום ציוניסטישן קאָנגרעס), „היינט די אַנטשיידונג" (צו די וואַלן צום קאָנגרעס), „קאָמוניסטישע קאַמפּס־מע־טאָדן", „ירידה אין די שטאַט־פּאַרוואַלטונגען און די יידישע מאַסן" אאַז"וו.

דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון דער צייטונג איז געקומען צום אויס־דרוק אויך אין אַנדערע אירע אָפּטיילונגען. אַזוי הייבט זיך אָן די שטענדיקע אָפּטיילונג פון וואַרשעווער כראָניק אין נ"ר מיט דער ידיעה „די נאָענטסטע גרופּעס עולים קיין ארץ־ישראל פאָרן אָפּ דעם 17טן און 24סטן יולי". אַ צווייטן מאָל ברענגט די כראָניק אַ ידיעה וועגן באַזוך פון אַ דעלעגאַציע פון פּראָפּ' פּאַראיין [ביי פּועלי־ציון] פון בוי־ און האָלץ־אַרבעטער, וואָס האָט אינפאָר־מירט בן־גוריונען וועגן זייער פאַרבינדונג מיט אגודת פּועלי עץ און אגודת האורזים אין ארץ־ישראל און געבעטן עליה־סערטיפיקאַטן פאַר מיטגלידער פונעם פאַראיין, וואָס זיינען גרייט עולה זיין קיין א"י. שפּעטער האָבן נאָכגע־פאָלגט גרעסערע און קלענערע דערציילונגען און אויך רעפּאָרטאַזשן פון א"י־לעבן, ווי ברכה חבס' „שפיה" א"אַנד, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אין דער צייטונג דעם לעבעדיקן אָטעם פון דער א"י־ווירקלעכקייט, — אַ זאַך, וואָס האָט געפעלט אין דער איבעריקער פּרעסע.

אַ כאַראַקטעריסטישער קליינער סכסוך איז אַנטשטאַנען אין דער רע־דאַקציע באַלד ביים אָנהייב פון דער צייטונג. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, צי מען מעג געבן גרויסע, פּוליטיקע קעפּ אויף דער ערשטער זייט פון „וואָרט", — אַ זאַך, וואָס איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט אין דער גאַנצער יידישער און אויך נישט־יידישער פּרעסע אין וואַרשע. די חברים פון „החלוץ" זיינען געווען אַנטשיידן קעגן דעם. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס מאַכט די צייטונג שרייעוודיק און טומלדיק און שטעלט זי אויס אויף יאָגן זיך נאָך סענסאַציעס. זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ מער ריינערע צייטונג, אָן אינערלעכע טריבונע פאַר דער באַוועגונג, וואָס זאָל נישט מיטמאַכן דעם געיעג נאָך סענסאַציעס און די שרייעוודיקייט פון דער איבעריקער פּרעסע. דאָס איז זיי אויך געלונגען. דעריבער איז לכתחילה „דאָס וואָרט" דערשינען אין אַ געוויסער מאָס מיט באַשיידענע קעפּ, וואָס האָבן פאַרנומען נאָר אַ טייל פון דער 1טער זייט. די גענויטערע צייטונגס־מענטשן אין „וואָרט" זיינען אָבער געבליבן אומצופרידן פון דעם און שפּעטער האָט מען אַמאָל „אַריינגעכאַפּט" אַ קאָפּ אין דער גאַנצער ברייט. און אַזוי איז שוין אויך געבליבן.

די עיקר־טעמעס פון „וואָרט" זיינען דאַן געווען: קאַמף קעגן רעוויזיאָ־ניזם און די פאַרשטייענדיקע וואַלן צום 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס. וועגן ביידע זאַכן זיינען געדרוקט געוואָרן אַרטיקלען, בריוו פון ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער, ווי אויך פון דער פּוילישער פּראָווינץ, נאָטיצן, פּאָלעמישע באַמערקונגען, פעליעטאָנען אד"גל. פון נ"ר 3 האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן די קליינע סעריע אַרטיקלען „דער סך־הכל פון רעוויזיאָניזם — פון אַ געווי' רעווי־זיאָניסט". ווייטער זיינען דערשינען די אַרטיקלען „שוויגט כאַטש איר" פון

ב. קאַצענעלסאָן, „ווער איז שולדיק" פון א. יוריס, „צוריק צו די נביאים!" פון ב. לאָקער, אַ בריוו פון לעטלאַנד וועגן רעוויזיאָניסטישן איבערפאַל אויף ח׳ בן־גוריון, ש. ר. [רימאלט] „מיטלשטאַנד־רעטער", מ. מוסין [כמעלניק] „פאַראַדן" און מ. קאַגאַנאָוויטש (יעצט אין ישראל) וועגן רעוויזיאָניסטישן קאַמף אויף דער פּראָווינץ, נישט ריידנדיק וועגן די אַרטיקלען און אַנדערן מאַטעריאַל, וואָס דער רעדאַקציע־פּערסאָנאַל האָט געשריבן.

אין נ"ר 11 זיינען דערשינען די באַגריסונגען צום „וואָרט" פון וועד הפּועל פון דער הסתדרות, פון „דבר" און פון מפּא"י. די באַגריסונג פון „דבר" לייענט זיך אַזוי:

„געשטאַרקט זאָלן ווערן אייערע הענט אויפצושטעלן די ערליכע טריבונע, וועלכע זאָל אַוועקנעמען אַלע מחיצות צווישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל, וועלכע בויט דאָס היימלאַנד, און די יידישע מאַסן, אַלס אַוואַנגאַרד פון וועלכע מיר קעמפן פאַר זייער צוקונפט".

אין נ"ר 12 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער „אַרלאָזאָראָוו־פאָנד", מיט אויפרופן געחתמעט פון דער הסתדרות, דער „קאָלאָ" פון די יידישע סיים־דעפּוטאַטן, ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט און פאָרשטייער פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. שפּעטער זיינען דערשינען אַרטיקלען פון יוסף באַראַץ א"אַנד, בריוו וועגן דער אַרבעט פאַרן אַרלאָזאָראָוו־פאָנד אין ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער, באַריכטן פון דער פּראָווינץ, וואָס האָבן זיך געדרוקט ביזן סוף פון דער אַקציע, ד"ה אין מיטן דעצעמבער 1933.

דער „רעוויזיאָניסטישער" מאַטעריאַל טרעט וואָס ווייטער אַלץ מער אָפּ דעם פּלאַץ פאַרן וואַלקאַמף צום ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס רוקט זיך אַרויס אין פאָדערגרונט אין דער 2טער העלפט פון יולי. דעם 17טן, אין טאָג פון די וואַלן, איז כמעט די גאַנצע צייטונג געווידמעט די וואַלן: דער עדיטאָריעל, אַרטיקל פון ה. בערגער „נישט נאָר ציוניסטישע וואַלן!", פון מ. ניישטאַדט „מיר האָבן מיט וואָס צו זיין שטאָלץ", ל. שפּיזמאַן „יוגנט און דיקטאַטור", ח. שורער „דער וואַל־קאַמף אין גאַליציע", פון בן־גוריונס „אָפענער תשובה" (אַ בריוו אין רעדאַקציע), אויפרוף פון הויפּט־וואַל־קאָמיטעט, איבערזיכט איבערן וואַלקאַמף אין: פּינסק, לובלין, אָסטראָלענקע, לאָמזשע, זשעלעכאָוו, ביאַליסטאָק און פיל אַנדערע. די נומערן „וואָרט" פאַר און נאָך דער דאַטע, זיינען פול מיט וואַל־ידיעות אויך פון אַנדערע לענדער, וואו די קאָנגרעס־וואַלן זיינען פאָרגעקומען פריער. די „ערשטע רעזולטאַטן פון די וואַלן" זיינען נאָך דערשינען מיט 10 טעג פריער, און ד. פרענקעל (לעמבערג) שרייבט אין נ"ר 12 זיין בריוו „רעזולטאַט פון די וואַלן אין מזרח־גאַליציע". דעם 15טן האָט מען אויף דער 1טער זייט געמאַכט באַקאַנט, אַז דאָס אַר־בעטנדיקע ארץ־ישראל זיגט ביי די וואַלן אין עסטלאַנד, איטאַליע און דאַנ־ציק. אויף מאָרגן איז דערשינען ז. רובאַשאָווס אַרטיקל „אין די לעצטע טעג פאַר דער אַנטשיידונג", י. טשעסלערס „ערב די וואַלן". נאָך אַרטיקלען, אויפרופן, ווי אויך די וואַל־פּלאַטפאָרם פון וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון און התאחדות, וואָס האָט זיך געענדיקט דרוקן דעם 17טן, ווען ס׳זיינען

געגעבן געוואָרן די וואַל־רעזולטאַטן אין לעטלאַנד, רומעניע, טשעכאָסלאָ־וואַקיע א״אַנד.

„וואָס גרעסער דער נצחון, אַלץ שטאַרקער די אחריות״ האָט גערופן ז. רובאַשאָוו דעם 20סטן יולי, ווען מ׳האָט שוין געוואוסט אַז די אַרבעטער־ליסטע גייט צום זיג. וואַל־מאַטעריאַלן זיינען געדרוקט געוואָרן אויך ווייטער, אפילו נאָך דעם ווי עס איז שוין באַקאַנט געוואָרן דער ענדגילטיקער וואַל־רעזולטאַט, אַז די אַרבעטער־ליסטע האָט באַקומען אין פוילן די גרעסטע צאָל, 131 מאַנדאַטן (פון דער אַלגעמיינער צאָל 275) און די רעוויזיאָניסטן בלויז 42. אַזוי האָט אויך י. ריטאָוו אינפאָרמירט אין צוויי בריוו פון ארץ־ישראל, אַז די מפא״י האָט דאָרטן אָפּגעהאַלטן נאָך אַ גרעסערן זיג, באַקומענדיק 70% פון אַלע שטימען. קאַרל בוים (פּראַג) האָט דערציילט וועגן דערפאָלג אין טשעכאָסלאָוואַקיע אאַז״וו.

די צייטונג האָט אָבער, פאַרשטייט זיך, געשענקט אויפמערקזאַמקייט אויך אַנדערע, יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען. ס׳זיינען, אַ שטייגער, דערשינען אַרטיקלען פון איש־דבר וועגן חורבן פון דייטשן יידנטום, „דייטשלאַנד אָן פּאַרטייען״ פון מ. ניישטאַט, „ווי אַזוי די דייטשן זיינען אַוועק, פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־קאָנגרעס״ פון מ. יאַרבלום, „עסטרייך פאַר אַנטשיידונגען״ און וועגן „קאָנגרעס פון די פראַנצייזישע סאָציאַליסטן״ פון ג. קאָן, א. טאַרטאַקאָווערס „די יידישע עמיגראַציע פון פוילן״, „נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אין פוילן״ פון א. ח., „ווירטשאַפטלעכער קריזיס אין פוילן״ און וועגן דער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ אין פראַנקרייך פון א. מענטשינסקי א״אַנד.

דער לעצטער שרייבער האָט געהערט צום „השומר הצעיר״. צו אים האָט אויך געהערט יהודה גאָטהעלף (יעצט מיטגליד פון „דבר״־סטעף אין ישראל — וואָס האָט „דעביוטירט״ אין „וואָרט״ אין יידיש מיט דער אָפּהאַנדלונג „פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכע און חלוצישע קאָלאָניזאַציע״ (אין 2 נומערן). פון די אַנדערע „שותפים״ דאַרפן דערמאָנט ווערן פ. בן דורי און משה באסאק פון „החלוץ״. דער ערשטער האָט אָנגעהויבן מיטן אַרטיקל „באַמערקונגען וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן (נ״ר 4) און איז אַריבער שפּעטער צו „החלוץ״־טעמעס, ווי „די יסודות פון דער „החלוץ״־באַוועגונג און „עיקרים פון חלוצישער דערציאונג״. מ. באסאק, ווידער, האָט צוגעשטעלט דעם בעלעטריסטישן מאַטעריאַל פון די ארץ־ישראל־שרייבער און, דער עיקר, די כראָניק און אַרטיקלען פאַר דער ספּעציעלער „החלוץ״־זייט, וואָס האָט אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש צו דערשיינען אין דער צייטונג.

„החלוץ״ און דער וואוקס פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג

די ביילאַגע „אין דער „החלוץ״־באַוועגונג״ איז דערשינען צום ערשטן מאָל אין נ״ר 29 מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „מ. ב. [משה באסאק] 3 חדשים, ליליה; „וועגן קולטור־שטייגער אין קיבוץ״, נאָטיצן פון

מרכז פון „החלוץ"; עליה פון קלאַסאווע (הכשרה־קיבוץ), פון די קיבוצים שחריה, גראָכאָוו, השומר הצעיר, גורדוניה, וויתקין א"אַנד (צוזאַמען 289 חלוצים), איבערן לאַנד, „החלוץ" אין טשעכיע, לעטלאַנד אאַז"וו.

דאָס „וואָרט" האָט זיך, אַלזאָ, אָנגענומען אויך אין די אַנדערע טיילן פון דער באַוועגונג, וואָס זיינען געווען גאָר שטאַרק פאַרבונדן מיט העברע־איש. נ"ר 30 פון דער ציַיטונג האָט דעריבער אין עדיטאָריעל געקענט קאָנ־סטאַטירן דעם דערפאָלג פון דער ציַיטונג און רופן צו אויסברייטערן איר לייענער־קרייז איבער די גרענעצן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ צווייטע ביילאַגע, וואָס איז אָבער נישט דערשינען ווי אַזעלכע אין „וואָרט", איז געווען די ליטעראַטור־זייט. די וואָס האָבן זיך מיט איר מטפל געווען, ז. רובאַשאָוו (ווען ער איז געווען אין פּוילן) און מ. באַסאַק, זיינען צוגעגאַנגען צום ענין בדחילו ורחימו. זייערע פאָדערונגען צו אַזאַ מין זייט זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן נישט געקענט פּועלן ביי זיך צו „קרוינען" דעם באַטרעפנדיקן מאַטעריאַל פון „וואָרט", וואָס איז אָפט געווען גאַנץ רייך, סיי אין כמות, סיי אין איכות, — אַלס ליטעראַטור־זייט. אַזוי, אַ שטייגער, איז אין נ"ר 28 דערשינען פאָלגנדיקער ריין־ליטעראַרישער מאַטעריאַל: ישראל שטערן „די אמונה איז טויט" (עסיי), ש. זאַראַמב „אַראָפּ־געלאָזטע ראָלעטן", מ. באַסאַק „דער מענטש צווישן סודות (וועגן ש. שלום), ליד פון רחל קראַמף, מ. שטיין „דער פּרינץ און דער ציגיינער" (וועגן איציק מאַנגערס בוך „לאַמטערן אין ווינט"), אַן איבערזיכט איבער פּוילישע טעאַ־טערן, ווי אויך יצחק קאַצענעלסאָנס רעפּאָרטאַזש „אַ באַן־סטאַציע אַזאַ — ירושלים". אַלץ צוזאַמען פאַרנעמט באַלד צוויי גאַנצע זייטן. אָבער אומזיסט וועט מען זוכן דעם געהעריקן און פולשטענדיק פאַרדינטן איבערשריפט איבער אָט דעם באמת רייכן און אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל. אַזוי איז געשען אויך שפּעטער, ווען (כמעט) וואָך־איין, וואָך־אויס, זיינען דערשינען פולע זייטן מיט קריטיק, לידער, אַמאָל פראַגמענטן פון ווערק ,טעאַטער־רעצענזיעס אד"גל, אָבער דער געהעריקער אויפשריפט איבער איר פעלט, ווי געזאָגט, צוליב די איבערגעטריבענע פאָדערונגען צו זיך און דער צניעותדיקייט פון אירע צוזאַמענשטעלער.

אויך די פּועלי־ציון־באַוועגונג הייבט אָן דרוקן אירע ספּעציעלע זייטן. ה. ל. קרוי האָט געמאַכט דעם אַריינפיר מיט זיינע צוויי אַרטיקלען א"נ „פון וואַנען נעמט זיך דער וואוקס פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַווע־גונג" (בריוו צו אַ פריינד). שפּעטער זיינען פּעריאָדיש געדרוקט געווען אָפּ־טיילן „וואָס די חברים דערציילן", וואו עס איז אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דעם וואוקס און די דערפאָלגן, דער עיקר פון פּועלי־ציון און פון דער גאַנ־צער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג איבערן לאַנד, — דערמאָנענדיק דערביי הונדערטער שטעט און שטעטלעך אין די פאַרשיידענע עקן, אָפּט אפילו אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון לאַנד. מיט דער צייט האָט אויך געגומען דערשיינען אַ ביילאַגע וועגן „הפועל" (די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע פון דער באַוועגונג) און וועגן אַרבעטער־ספּאָרט בכלל. עס פלעגט זיך אויך

ווייטער כסדר דרוקן די אָפּטיילונג „וואָס די פּראָווינץ דערציילט" (אָנגע־היובן דורך א. שפּיז [שפּיזמאַן], געפירט אויך דורך אַנדערע), וואו עס פלעגן קומען צום אויסדרוק די דאגות און זאָרגן, פריידן און ליידן פון דער „ליבער פּראָווינץ".

פון די אַלגעמיינע אַרטיקלען דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן: משה ביילינ־סאָן (פון „דבר") „וואָלטער ראַטענוי צום 2טן מאָל דערמאָרדעט", א. רייס „פּראָבלעמען פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק", פּראָפ' ש. גאָלדעלמאַן (פּראָג) „יידישער וועלט־קאָנגרעס אָדער אינהאַלטסרייכער ציוניסטישער קאָנגרעס" (ביידע גרעסערע אָפּהאַנדלונגען, געדרוקט אין המשכים), ד"ר א. פּרוכניק (טוער פון פּע־פּע־עס) „דער קאַמף קעגן פאַשיזם" (רעפעראַט געהאַלטן אין „באָראָכאָוו־היים"), יוסף טשערניכאָוו [דניאלי] „פון דער ווייטן", מ. נייי־שטאַט „די פאַרזאָרגער פון דייטשן יידנטום אאַז"וו. צאָלרייכע בריוו זיינען ווייטער דערשינען פון ארץ־ישראל פון י. ריטאוו, י. פּונט, א. שפּיגעלמאַן א"אַנד. די ציַיטונג האָט בכלל געשטעלט זיך אַלס אויפגאַבע צו האָבן וואָס מער מאַטעריאַלן פון און איבער ארץ־ישראל, וואָס זי האָט באַטראַכט אַלס איר עיקר־אויפגאַבע. פון דער אַנדער זייט איז אויך געווען נייטיק צו געבן אַן אַלזייטיקע שילדערונג פון ארץ־ישראל־לעבן און פון דער טעטיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט דאָרטן, היות די אַלגעמיין־ציוניסטישע פּרעסע און, דער עיקר, דער „מאָמענט" האָבן גאָר אָפּט אַטאַקירט די הסתדרות און גע־געבן פאַלשע באַלייכטונג פון לעבן אין ארץ־ישראל און פון די אַקטועלע פּראָבלעמען פון ישוב, כדי צו שלאָגן קאַפּיטאַל פאַרן אַגרעסיוו־מיליטאַנ־טישן רעוויזיאָניזם.

אין שייכות מיטן דערנעענטערן זיך פון קאָנגרעס, האָט די צייטונג גע־נומען דרוקן וועגן אים אַרטיקלען: י. מערעמינסקי — פּראָבלעמען פון 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס, און די „באָדן־פּראָבלעם אויפן קאָנגרעס", די עליה־פּראָבלעם; ד. בן־גוריון — „די אויפגאַבע פון קאָנגרעס"; מ. נײַשטאַט — „די אָרגאַניזאַציע־פּראַגע אויפן קאָנגרעס", — אַלע דערשינען צווישן 7טן און 23סטן יולי.

ד"ר מ. פעקער האָט געדרוקט אַ סעריע: „אַרבעטער־קראַנקייטן און אַרבעטער־היגיענע". ספּעציעלע אַרטיקלען זיינען דערשינען אויך פון אַדוו' ל. קאַץ (אומגעקומען מיט זיין משפחה אין וואַרשעווער געטאָ) וועגן לאָקאַ־טאָרן־שוץ, שטייערן־פּראַגעס אד"גל.

פון די א"י־דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן זיינען דערשינען: עזיז עפענדי „יתומים" (רעפּאָרטאַזש פון אַ יידישן פאַסטוך), ש. שלום „לינע" (אַ לענגערע דערציילונג), רחל „דער בשורה־טאָג" (איבערזעצט פון ז. רובאַ־שאָוו). דער לעצטער האָט אויך געדרוקט „בענטש מיין וואָרט" (די תפילה פון מתתיהו אשכנזי בלאָך, שבתאי צביס שליח), י. קאַצענעלסאָן „דאָס ליד פון אחינועם", מ. ב. שטיין „הייליקע נשמות" (די לעגענדע פון ת"ח). איבערזעצונגען זיינען דערשינען פון: זאַשטשענקאָ, מאַריע קונצעוויטש,

באבעל, סטעפּאַניק, מ. בר־אדון „קנעכט" (דערציילונג פון בעדואינער־לעבן אין א"י) א"אַנד.

פון נומ' 38, וואָס איז אַרויס זונטאָג, דעם 20סטן אויגוסט, האָט די צייטונג גענומען דערשיינען אין 6 זייטן טעגלעך, פרייטאָג — 8־10 זייטן. אין נומ' 40 האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין המשכים דער ערשטער אָריגינעלער ראָמאַן פון דער צייטונג. דאָס איז געווען די „היסטאָרישע דערציילונג" פון מ. ב. [באַרנ]שטיין: „דער ערשטער ייד אין דאָרף", מ. באַרנשטיין, אַ זון פון סאָכאַטשעווער רבין, וואָס וואוינט איצט אין ישראל, איז שוין פון פריער געווען באַקאַנט דעם יידישן לעזער־עולם אין פוילן דורך זיינס אַ דראַמע פון חסידיש־רביאישן לעבן און דורך אַנדערע ווערק. דער ראָמאַן אין „וואָרט", וואָס האָט אויף אַ לעבעדיקן און אָנציענדיקן אופן גע־שילדערט דאָס אַלטע יידישע לעבן אין אַמאָליקן פוילן, האָט זיך געדרוקט אַ לענגערע צייט און האָט געהאַט גרויס דערפאָלג ביים עולם. אויפן 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט זיך געעפנט אין פּראַג דעם 25סטן סעפּטעמבער, האָט די צייטונג געהאַט אַ „ספּעציעלע מיטאַרבעטער־קאָלע־גיע, וואָס פלעגט איבערגעבן טעלעגראַפישע, טעלעפאָנישע, דער עיקר, אָבער, שריפטלעכע באַריכטן פון קאָנגרעס (לויטן מוסטער פון אַנדערע ציונ' צייטונגען).

דער 18טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין פּראַג

די קאָלעגיע אויפן קאָנגרעס, וואָס האָט כסדר צוגע־שיקט אייגענע און זייטיקע קאָרעספּאָנדענציעס פון פּראַג, איז באַשטאַנען פון רעד' ז. רובאַשאָוו, דעם שרייבער פון די שורות, מ. ניישטאַט, ל. שפּיזמאַן און אַנדערע דעלעגאַטן פון פוילן צום קאָנגרעס. חוץ זייערע בריוו און אַרטיקלען וועגן קאָנגרעס און זיין אַרבעט, זיינען דערשינען אויך אַרטיקלען און בריוו פון די א"י־חברים און שרייבער י. רעזניטשענקאָ [איצט: ארז], ברכה חבס, י. ריטאָוו, י. פונט, ה. שורער [איצט רעדאַקטאָר פון „דבר" אין א"י] א"אַנד.

די פּראָבלעמען און די גאַנצע אַרבעט פונעם קאָנגרעס האָט מען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער טעגלעכער פּרעסע אין פוילן באַלויכטן און אָפּגעשאַצט פונעם שטאַנדפּונקט פון דער אַרבעטער־פּראַקציע אויפן קאָנגרעס, וואָס איז באַשטאַנען פון אַלע דעלעגאַטן פון וועלט־איחוד פון פועלי־ציון (צ"ס) און התאחדות, דאָס הייסט, פון מפא"י און פון די פועלי־ציון־פּאַרטייען פון אויסלאַנד, ווי אויך פון די דעלעגאַטן פון השומר הצעיר. דער יידישער לעזער־עולם אין פוילן האָט, אַלזאָ, באַקומען די מעגלעכקייט צו הערן, וואָס עס זאָגן די לידערס פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט, ווי אַזוי זיי שאַצן אָפּ די לאַגע אין ארץ־ישראל, דעם גאַנג פון דער קאָלאָניזאַציע, די אויפגאַבעס פון דער יידישער אַגענטור, די נויט־ווענדיקייט פון אַ שטאַרקער עליה, בראש מיטן חלוצישן אַוואַנגאַרד אד"גל.

בן־גוריונס באַקאַנטער שטאַנדפּונקט וועגן „שווערן ציוניזם", פאַרבונדן מיט הגשמה עצמית, אין קעגנזאַץ צום „לייכטן ציוניזם" פון די פּולע און האַלב־דעוויזיאָניסטישע עלעמענטן, וואָס האָבן געבויט אַלץ אויף פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישער אַרבעט, צי, ריכטיקער געזאָגט, שתדלנות אין די „לאַבּיס" פון אויסערן־מיניסטעריומס, איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין זיינע פאַרשיידענע אויספירן און אַספּעקטן. דער ברייטער לעזער־עולם, וואָס האָט ביז דאַן געווינלעך געוואוסט בלויז פון שעהן־לאַנגע קאָנגרעס־דיסקוסיעס פון באַקאַנטע ציוניסטישע אָראַטאָרן און שיין־רעדנער, וואָס זיי איז דער עיקר געגאַנגען אין דער ציוניסטישער אויסערלעכער פּאָליטיק, — דאָס הייסט, צי מ'האָט ריכטיק און ווי געהעריק אַטאַקירט די מאַנדאַטן־פּאָליטיק פון ענגלאַנד, און צי מ'האָט אַפּעלירט קעגן אָט דער פּאָליטיק צום פעלקער־בונד — האָט דערזען פאַר זיך דעם נייעם, דעם אַרבעטער־ציוניזם, וואָס ווייכט פון פּוסטער שיין־רעדנעריי, און בויט אַלץ אויף עליה און טרייער איבערגעגעבענער אַרבעט אין לאַנד.

די צייטונג האָט געבראַכט די פולע רעדעס פון בן־גוריון, בערל קאַצענעלסאָן, ז. רובאַשאָוו, ד. רמז, י. שפּרינצאַק און אַנדערע וואָרטפירער פון דער אַרבעטער־פראַקציע אויפן קאָנגרעס, וועלכע האָבן אַנטפּלעקט די ווייניק באַקאַנטע (אין דער ברייטער יידישער גאַס) חלוציש־פּיאָנערישע שטעלונג פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט געבויט קודם־כל אויף זיך און אויף דער אייגענער אַרבעט פון ייד׳ פאָלק פאַר און, דער עיקר, אין ארץ־ישראל, — דורך עליה, דורך אייגענער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, דורך דעראָבערן נייע קאָלאָניזאַציע־ און אַרבעט־שטחים אין לאַנד, און אויסנוצן דאָרטן אַלע פאַראַנענע מעגלעכקייטן, נישט וואַרטנדיק אויף די (גאַנץ פּראָבלעמאַטישע) ישועות און נחמות, וואָס קענען קומען פון „פּעטיציעס" און אַנדערע אָנקלאַגעס קעגן דער מאַנדאַטן־מאַכט.

ס'איז נישט אַריבער קיין טאָג, אַז די צייטונג זאָל נישט ברענגען, חוץ די געווינלעכע באַריכטן פון קאָנגרעס, אויך פיל אַרטיקלען, בריוו, איינדרוקן, נאָטיצן אד"גל וועגן די זיצונגען און וויכטיקסטע מאָמענטן פונעם קאָנגרעס, צי אין די אַרבעטן פון דער אַרבעטער־פראַקציע. פון דעסטוועגן האָט די צייטונג אויך איינגעהאַלטן אַ געגנוג אָביעקטיווע שטעלונג און האָט, אַ שטייגער, אין נומ׳ פון 28סטן סעפּט׳, געבראַכט די שטימען פון די אָפּאָזיציע־פירער וועגן קאָנגרעס: די רבנים מאיר בערלין און מ. נוראָק פון „מזרחי", ד"ר שוואַרצבאַרד און שמאָראַק פון דער „ב"־גרופּע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, זשאַבאָטינסקי, מ. גראָסמאַן און וואשיץ פון רעוויזיאָניזם.

פאַרשטייט זיך, אַז צו גלייך איז געגאַנגען דער געווינלעכער מאַטעריאַל, וואָס פון אים לוינט אויך אַרויסצוברענגען עטלעכע אינטערעסאַנטע זאַכן. אַזוי איז דעם 1טן סעפּט׳ דערשינען אַן אַרטיקל פון ד"ר מאַקס אַדלער וועגן „פּראָלעטאַרישן ציוניזם", וואָס איז געווען אַ קאַפּיטל פון דער בראָשור

זיינער איבער דער סאָציאַליסטישער און נאַציאָנאַלער אידעע, וואָס די פּועלי־ציון האָבן אַרויסגעגעבן אין ווין. דעם 3טן סעפּט׳ איז דערשינען אַן אינטערוויו מיט לואי סיגאַל (סעקרעטאַר פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וואָס איז דאַן געווען אין וואַרשע), וועגן „רוזוועלטס עקספּערימענט״ [דער ‚ניו דיל׳] און סאָציאַליזם״. אַ מודעה האָט אָנגעזאָגט, אַז דעם 19טן ד״מ וועט דער זעלבער סיגאַל רעדן אין באַראַכאָוו־היים וועגן „אַמעריקע און ארץ־ישראל״.

דעם 7טן סעפּטעמבער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אַ גרעסערע דערציילונג פון י. [ישראל] שטערן „שניי אויף אַ מתים־עגלה״, און דעם 8טן האָט איציק מאַנגער אָנגעהויבן דרוקן זיין סעריע „די פאַרשטויסענע״ (וועגן די דייטש־יידישע שרייבער), מיט אַן אַרטיקל געווידמעט עלזע לאַסקער־שילער. דעם 10טן און 11טן איז דערשינען אַ המשך פון אַ סעריע שילדערונגען פון רוסלאַנד, געווידמעט די יידישע קאָלכאָזן און דעם יידישן לעבנס־שטייגער (איבערגעדרוקט פון דער ארץ־ישראל־פּרעסע). דעם זעלבן טאָג איז איבערגעדרוקט געוואָרן פון ניו־יאָרקער „טאָג״ א. אַלמיס „טרויעריקער גרוס פון פּוילן״ (וועגן פּאַלאַניזאַציע, ירידה פון גייסטיקן לעבן, רעוויזיאָניזם אד״גל). אין זעלבן נומ׳ איז אויך דערשינען אַ גרעסערער אַרטיקל פון ד״ר י. שטיינבערג „דער שווייצאַרישער פּאַשיזם״, און אויף די וויטערדיקע זייטן — אַ פאָדערונג אַז „מאַזור („אגודה״־פאָרזיצער פון דער וואַרשעווער קהילה) דאַרף דעמיסיאָנירן!״, היות עס דראָט אַ שטרייק פון די קהילה־באַאַמטע.

דער 18טער ציונ׳ קאָנגרעס האָט זיך, כידוע, געשלאָסן מיט דער שאַפונג פון אַ נייער עקזעקוטיווע, צונויפגעשטעלט פון דער „קליינער קאָאַליציע״ פון דער אַרבעטערשאַפט און די פּראָגרעסיווע אַלגעמיינע ציוניסטן (גרופּע א׳). מחוץ איר זיינען איבערגעבליבן נישט בלויז די רעוויזיאָניסטן, וואָס קיינער האָט נישט דערוואַרט, אַז זיי זאָלן אַריין אין אַן עקזעקוטיווע, אָנגעפירט דורך די אַרבעטער, ווייל זיי וואָלטן עס נישט דערלאָזן, — נאָר אויך „מזרחי״ און די גרופּע ב׳ פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. באַלד נאָכן קאָנגרעס איז די נייע עקזעקוטיווע אַטאַקירט געוואָרן אין דער פּרעסע פון די אַלע אָפּאָזיציאָנעלע ריכטונגען. דער קאַמף האָט אָנגענומען באַזונדער שאַרפע און אויך ברייטע פאָרמען, ווייל אין אים איז אויך אַריינגעשלעפּט געוואָרן די א״ג „טראַנספער״־פראַגע, דער ענין פון די עולים פון דייטשלאַנד, וואָס די נאַצי־מדינה האָט זיי נישט דערלויבט אַרויספירן זייערע פאַרמעגנס (מער פון אַ געוויסער, גאָר קליינער סומע געלט), סיידען דורך דייטשע סחורות. היות די „טראַנספער־פראַגע״ איז אויך שאַרף אַטאַקירט געוואָרן דורך דער נישט־ציוניסטישער פּרעסע (פון „בונד״ און פון דער „אגודה״), איז אויסגעקומען, אַז כמעט די גאַנצע טאָג־פּרעסע אין פּוילן איז קעגן דעם קאָנגרעס און זיין ניי־געוויילטער עקזעקוטיווע. די לעצטע איז דאַן פאַרטיידיקט געוואָרן בפה מלא בלויז דורכן „וואָרט״. זייט מיטן סעפּטעמבער האָט די צייטונג געדרוקט אַרטיקלען, וואָס האָבן אָביעקטיוו און אַלזייטיק אויפגעקלערט די גאַנצע „טראַנספער״־פּראָבלעם. מ׳קאָן זאָגן, אַז

דער גאַנצער אָנפירנדיקער סטעף פון „וואָרט" האָט זיך מאָביליזירט, כדי אָפּצושטויסן דעם אָנגריף פון אַלע איבעריקע טאָגצייטונגען (דער „היינט" האָט פאַרנומען אַ וואַקלדיקע שטעלונג, היות ער האָט אין זיין אָנפירונג גע־האָט אויך ב׳־ציוניסטן). אַרטיקלען זיינען דערשינען אויך פון אויסלאַנד, ווי, למשל, מ. יאַרבלום פון פּאַריז און פון אַ ריי חברים פון ארץ־ישראל.

דער קאַמף אַרום דער פראַגע איז אָנגעגאַנגען אַ לענגערע צייט. „דאָס וואָרט" איז אָבער שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך און ענערגיש רעאַ־גירט אויף די אָנפאַלן, וואָס זיינען, ווי געזאָגט, געקומען פון די פאַרשיידנ־אַרטיקסטע ציוניסטישע און נישט־ציוניסטישע צדדים.

אַ צווייטער ענין, וואָס האָט דאַן אַ ביסל פאַרנומען די צייטונג, איז געווען דער באַנקראָט פון א״ג „קאָנגרעס פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן". דער קאָנ־גרעס, אָרגאַניזירט באַלד נאָכן 1טן וועלטקריג דורך יידן און פאָרשטייער פון די צאַלרייכע מינדערהייטן, וואָס זיינען דאַן אויפגעקומען כמעט אין אַלע מלוכות פון אייראָפּע, אין שייכות מיט דער שאַפונג פון נייע מלוכות, לויטן ווערסאַי־לער טראַקטאַט, האָט דער קאָנגרעס געהאַט צווישן זיינע אָנפירער, סיי יידן אַלס די קלאַסישע נאַציאָנאַלע מינדערהייט, סיי דייטשן, וואָס האָבן נאָכן אָפּ־שליסן דעם ווערסאַילער שלום־טראַקטאַט, פאַרנומען אַ חשוב אָרט אַלס מינדערהייטן אין פּוילן, די באַלטישע מלוכות, רומעניע, איטאַליע, יוגאָ־סלאַוויע אאַז״וו. כל־זמן אין דייטשלאַנד האָט אָנגעהאַלטן די דעמאָקראַטישע אָרדענונג, איז די מיטאַרבעט מיט די דייטשן אָנגעגאַנגען רואיק. אָבער דער זיג פון היטלעריזם האָט צונישט געמאַכט די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט, היות אויך די מינדערהייט־דייטשן זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון נאַציזם. אויפן קאָנגרעס, וואָס איז דאַן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בערן, האָבן די דייטשע פאָרשטייער זיך אָפּגעזאָגט צו פּראָטעסטירן קעגן די אַנטי־יידישע שריט פון דער היטלער־רעגירונג, מיט דער געוויינלעכער טענה, אַז דאָס איז דייטש־לאַנדס אינערלעכע פּראָבלעם. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז די גזירות זאָל מען באַטראַכטן אַלס (ווי זיי האָבן עס אָנגערופן) אויסדרוק פונעם „דיסימילאַציע־פּראָצעס", וואָס גייט אָן אין זייער „פאָטערלאַנד". ד״ר מאָצקין, פירער פון דער יידישער פאָרשטייערשאַפט און איינער פון די באַגייסטערטסטע שעפער פונעם עצם קאָנגרעס, האָט עס שאַרף אָפּגעוואָרפן. דער פּרואוו פונעם פאָר־זיצער ד״ר ווילפאַן (אַ דייטש פון יוגאָסלאַוויע) צו פאַרלאָטען דעם ריס, האָט צו גאָר נישט געבראַכט און דער קאָנגרעס איז פונאַנדערגעפאַלן. „דאָס וואָרט" האָט אָט דעם ענין באַהאַנדלט און אויפגעקלערט אין אַ ריי אַרטיקלען פון נ. קאַן, קרוי א״אַנד.

אין נומ׳ פון 20סטן סעפּטעמבער איז אין דער ליטעראַטור־זייט געדרוקט געוואָרן אַ גרעסערע זאַך פון יצחק קאַצענעלסאָן: „איבערן גליל צופוס", ווי אויך דריי לידער פון ישראל שטערן: „דער הונגעריקער זאָגט". איציק מאַנגער האָט פאָרגעזעצט זיין סעריע: „פאַרשטויסענע" (וועגן די יידיש־דייטשע שרייבער מיטן עסיי איבער א. מאמבערס). לידער פון י. קאַצענעלסאָן

זיינען אויך דערשינען אין נומ' פון 29סטן סעפטעמבער, וואו עס איז אויך געווען געדרוקט א. פטאַשקינס פּאָעמע „דער רייכסטאַג ברענט...״ פון זיין בוך לידער „פון האַרבסט צו האַרבסט״ [א. פטאַשקין איז געשטאָרבן אַלס פּליט אין רוסלאַנד.].

דער עיקר אָבער אין דער צייטונג זיינען ווייטער געווען אַקטועלע פּראַגעס און קאַמפּס־ענינים פון פּאָליטישן לעבן און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מענדל זינגער פון ווין האָט דעם 29סטן געהאַט אַ בריוו וועגן דעם „פּלאָנטער פון עסטרייכישן פאַשיזם״. מ. נעמיראָווסקי (איצט נאַמיר) האָט געדרוקט אַן אַרטיקל, אַז 227,000 יידן זיינען דאָ אין א״י צווישן די 1,270,000 איינוואוינער. פונעם ציוניסטישן לעבן האָבן ווייטער דעם אויבן־אָן פאַרנומען די נאָכווייענישן, אַזוי צו זאָגן, פון נאָר־וואָס פאַרענדיקטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון טראַגיש אומגעקומענעם אַרלאָזאָראָוו, האָט די הסתדרות דאַן באַשלאָסן דורכפירן אַ „מפעל אַרלאָזאָראָוו״. דעם 29סטן סעפּטעמבער האָט „דאָס וואָרט״ אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף וועגן דער אַקציע, געחתמעט פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון דער אַגענטור, פון די דירעקטאָריומס פון קרן־היסוד און קרן קימת. דער „מפעל אַרלאָזאָראָוו״ האָט פון דעמאָלט אָן פאַרנומען אַן אָנזעעוודיק אָרט אין דער צייטונג. צו אָנפירן אים איז דאַן אַראָפּגעקומען פון ארץ־ישראל ברוך צוקערמאַן, וואָס האָט אויך אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער צייטונג.

אין שייכות מיטן אַוועקגיין פון יאָר תרצ״ג, האָט די צייטונג געדרוקט אין אָקטאָבער אַ ריי אַרטיקלען: „הסתדרות אין תרצ״ג״; מ. אסף: „די אַראַבישע באַוועגונג״; א. פּ.: „דער קיבוץ ארצי פון השומר הצעיר אין תרצ״ג״, צוויי אַרטיקלען וועגן די דערגרייכונגען פון קיבוץ המאוחד (וואָס האָט געהערט צו מפא״י) א״אַנד.

עס איז ביסלעכוויז שטאַרק געוואַקסן דער אָנטייל פון חברים פון אויסלאַנד אין דער צייטונג. חיים פיינמאַן פון אַמעריקע האָט אין אַן אַרטיקל „ביי אַ גלעזל טיי״ דערציילט וועגן דער דיסקוסיע איבער דער יידן־פראַגע, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך אַ צאָל מיטאַרבעטער פון „אַמעריקען ספּעקטייטאָר״. ל. עסטרייכער (פון ווין) האָט אינפאָרמירט וועגן „אָפּוער־קאַמף פון עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט״ און וועגן דער גאַנצער כסדר אָנגעשטרענגטער לאַגע אין עסטרייך. מ. יאַרבלום האָט צוגעשיקט אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענציעס פון פּאַריז, אינפאָרמירנדיק נישט בלויז וועגן אַקטועלע פראַגעס פון דאָרטיקן אַרבעטער־לעבן, נאָר אויך וועגן אינטערנאַציאָנאַלע ענינים, דעם קאַמף אין און אַרום שפּאַניע, דער לאַגע אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל אאַז״וו.

צוליבן וואוקס פון דער מיטאַרבעטערשאַפט און דער פאַרגרעסערונג פון דער צירקולאַציע, זיינען דאַן איינגעפירט געוואָרן גרעסערע נומערן נישט

בלויז פרייטאָג און זונטאָג, נאָר אויך אין מיטן וואָך. אַזאַ מין נומער פון מיטוואָך, דעם 11טן אָקטאָבער, האָט פאָלגנדיקן אינהאַלט: מ. יאַרבלום: „שפּאַנישע סאָציאַליסטן נעמען אויף דעם קאַמף“ (אינטערוויו מיט ח׳ בעס־טעידא, פּרעזידענט פון פּאַרלאַמענט), מ. ניישטאַט: „גוט איז אַ נצחון, וואו איז אָבער די הילף?“ (וועגן דער לאַגע פון די דייטשע פּליטים), ה. קרוי: „די יידן־טעג אין זשענעווע“ (וועגן דער באַהאַנדלונג פון דער פּליטים־פּראַגע דורכן פעלקער־בונד), ה. בערגער: „נידחה בירא־בידזשאַן“ (וועגן דער אָפּגעלייגטער פּראָקלאַמירונג פון נאַציאָנאַלן יידישן ראַיאָן), ג. קאַן: „׳יאָשע קאַלב׳ פון לייפּציק“ (וועגן וואָן דע לובע און דעם רייכסטאַג־פּראָצעס אין בערלין), ל. שפּיזמאַן: „25 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַכן־קאָנפערענץ“. אין זעלבן נומער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן דער ראָמאַן פון דער אַמעריקאַנער שרייבערין אַגנעס סמעדלי „די פרוי אַליין“, ווי אויך י. ד. בערקאָוויטשס „מנחם מענדל קומט קיין ארץ־ישראל“. די ליטעראַטור־זייט האָט געהאַט איציק מאַנגערס: „דער דראַמאַטישער מאָמענט אין הערשעלע אָסטראָפּאָליערס אַנעקדאָט“ און דעם אָנהייב פון יצחק קאַצענעלסאָנס עסיי איבער דעם מאָלער הענעך באַרצישעווסקי (צו זיין קומען קיין פוילן).

ווי אַ פּאַרשפּעקטיקטער אָפּקלאַנג פון ציוניסטישן קאָנגרעס, איז אין נומ׳ פון 15טן אָקטאָבער דערשינען די אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג פון וויקטאָר טשערנאָוו (פירער פון דער פּאַרטיי פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און געוו׳ פּאָרזיצער פון דער רוסישער גרינדונג־פּאַרזאַמלונג) „איינדרוקן פון אַ רוסישן סאָציאַליסט פון ציוניסטישן קאָנגרעס“.

אין די אָפּטיילונגען פון „החלוץ“ און דער יוגנט האָבן זיך דאַן באַוויזן די נעמען פון י. טאַבענקין (איצט פירער פון „לאחדות העבודה“ אין ישראל), משה בראַסלאַווסקי (פון א״י), א. שיינבוים, י. רוס (ביידע אין ישראל). צווישן די קאָרעספּאָנדענטן פון אויסלאַנד איז אויך דערשינען עברא מיט בריוו פון לאָנדאָן, וואָס אַנטהאַלטן „קליינע נייס פון אַ גרויסער מלוכה“. עס זיינען אויך רייכער געוואָרן די ליטעראַטור־זייטן. הגם זיי האָבן נישט געהאַט איבער זיך (ווי די אַנדערע, ספּעציעלע זייטן) קיין געהעריקן אויפשריפט, האָט מען זיי דאָך געקענט לייכט אַרויסשיילן פון געוויינלעכן מאַטעריאַל, נישט בלויז לויטן כאַראַקטער פון די געדרוקטע זאַכן, נאָר אפשר נאָך מער לויט די נעמען פון די שטענדיקע מיטאַרבעטערס. אַזוי, אַ שטייגער, איז דאָרטן אין נומער פון 29סטן אָקטאָבער ווידער פּאַרטראָטן איציק מאַנגער מיט זיינס אַן עסיי איבער די „כעלמער מעשיות“, יוסף טשעסלער שרייבט וועגן 25סטן יאָרצייט פון גאָלדפאַדען און דער עוואָלוציע פון דער ייד׳ אָפּערעטע.

אַ גרעסערע נאָטיץ אינפאָרמירט ווי אַזוי די „אַמעריקאַנער קריטיק האָט מקבל פנים געווען היטלערס ׳מיין קאַמף׳“. פּטאַשקין דרוקט נאָטיצן פון אַ טאָגבוך. סוף חודש האָט י. וואַרשאַוויאַק, וואָס פלעגט דאַן דרוקן געוויינלעך טעאַטער־רעצענזיעס און קריטיק, ס׳רוב איבער העברעאישע ביכער, אָפּגע־דרוקט אַ רעצענזיע וועגן אַן אומבאַקאַנטן דראַמאַטישן רעפּאָרטאַזש „סאָוויג־

קאָוו״ פון י. י. זינגער, וואָס איז דאַן אויפגעפירט געוואָרן (אויף פּויליש) אין אַרבעטער־טעאַטער „אַטענעאום״.

צו יענער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע הכנות אַרויסצוגעבן אַ פאַרגרעסערטן 100סטן נומער פון דער צייטונג. דער געדאַנק איז געווען, אַז דער יובל־נומער זאָל נישט בלויז דערשיינען אין 16 זייטן, נאָר זאָל אויך פאַרשפּרייט ווערן דורך אַ ספּעציעלער אַקציע פון די אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי און באַוועגונג אין אַ גרויסער צאָל קאָפּיעס איבערן גאַנצן לאַנד, אַלס אַ פּראָפּאַגאַנדע־נומער פון דער צייטונג, וואָס האָט שוין דאַן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין ברייטערע קרייזן.

דער הונדערטסטער נומער „דאָס וואָרט״

דער 100סטער נומער איז דערשינען פרייטאָג, דעם 5טן נאָוועמבער, מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: ד. בן־גוריון — „די נאַציאָנאַלע מיסיע פון אַרבעטער־קלאַס״, עמיל וואַנדערוועלדע — „נאָכן נצחון פון היט־לעריזם״ (דער איצטיקער צושטאַנד אין סאָצ׳ אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל), מ. ניישטאַט — „וואָס איז פאַר אונדז ארץ־ישראל?״, מאַקס אַדלער — „אין הונדערט יאָר אַרום״, י. אייזענבערג — „סיגנאַל״, ברוך צוקערמאַן — „דער איינציקער ענטפער — ווייטער בויען ארץ־ישראל״, א. טאַרטאַקאָווער — „פאָלק און נויט״, נ. קאָן — „1918—1933״ (15 יאָר נאָך די רעוואָלוציעס אין צענטראַל־אייראָפּע), ה. ל. קרוי — „נאָכן קאָנגרעס פון די פּראָפ׳ פאַר־איינען״, ל. שפּיזמאַן — „פּאָליטישע גאָטיצן״, ה. בערגער — „און ווידער ׳אימפּעריאַליזם׳״, י. וואַכמאַן — „קעגן סערטיפיקאַטן־סיסטעם״, מ. אסף — „וואָס האָט געשטויסן צו די אַראַבישע געשעענישן?״, איציק מאַנגער — „אָקטאָבער״ (ליד), מ. באַסאָק — „וואָרצלען״, מ. כמעלניק — „אונדזער געדרוקט וואָרט״ (זכרונות וועגן אָנפאַנג פון דער פּוע״צ־פּרעסע אין ביאַלי־סטאָק), ח. העניג — „אונדזער גייסטיקער וואָפן״, חבר מרדכי — „מיר האָבן געגלייבט...״, א. גאָלדענבערג — „וואָרט־ווערטער״ א״אַנד.

דער נומער איז געדרוקט געוואָרן אין 71.000 קאָפּיעס. ספּעציעלע חברים „בריגאַדעס״ האָבן פאַרשפּרייט די יובל־אויסגאַבע איבערן לאַנד.

דער אָפּרוף אויף דער יובל־אויסגאַבע איז געווען ביז גאָר אַ וואַרעמער. אַדאַנק אים איז געלונגען צו פאַרגרעסערן די צאָל שטענדיקע אַבאָנענטן און קויפער פון דער צייטונג — דער עיקר אויף דער פּראָווינץ, — היות דאָרטן האָט זי געקענט קאָנקורירן, אויך לויט אירע נייס, מיט דער איבעריקער טעגלעכער פּרעסע (וואָס איז, ליידער, נישט געווען דער פאַל אין וואַרשע, וואו עס איז, ווי געזאָגט, געווען נאָר איין אויסגאַבע, די זעלבע וואָס פלעגט אויך גיין פאַר דער פּראָווינץ).

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ זיינען אין דעם יובל־נומער נישט דערשינען אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען, צוגעשיקטע, דער עיקר, פון אויסלאַנד, וואו די ציי־

טונג האָט זיך אָנגענומען ביי די דאָרטיקע פּועל־צ־אָרגאַניזאַציעס און האָט אויך באַוויזן צוציען צו זיך זייערע טוער און פירער, אַלס מיטאַרבעטער און קאָרעספּאָנדענטן. פונעם איבערגעבליבענעם רייכן מאַטעריאַל האָט די ציי־טונג זיך נאָך „דערנערט״, אַזוי צו זאָגן, אין משך פון אַ גאַנצער וואָך. די ספּעציעל־צוגעשיקטע אַרטיקלען פאַרן יובל־נומער, וואָס זיינען די גאַנצע וואָך געווען געדרוקט, האָבן צוגעגעבן דער צייטונג אַ געוויסע יום־טובדיקייט, ווייל די אַרטיקלען זיינען געווען געשריבן ס׳רוב מיט הרחבת הדעת, מיט אַן אויסקוק אויפן יובל פונעם טעגלעכן פּרעסע־אָרגאַן פון דער באַוועגונג. און ער איז דאָך געווען דער איינציקער אין יידיש וואָס האָט באַוויזן צו אויס־ברייטערן זיין צירקולאַציע ווייט איבער די גרענעצן פון פּוילן. די צייטונג איז שוין דאַן געגאַנגען אויך אין פראַנקרייך, בעלגיע (וואו עס איז געווען אַ גרויסער יידיש־לייענענדיקער עולם פון מזרח־אימיגראַנטן), ענגלאַנד, רומע־ניע, עסטרייך און אויך אין ארץ־ישראל און אין דער ווייטער אַמעריקע.

„דער נומער 100 האָט זיין ציל דערגרייכט״ — האָט געשריבן קהל [ל. קרוי] — אויף מאָרגן דעם 6טן נאָוו׳, שילדערנדיק די פיבערהאַפּטע אַרבעט ביים פאַרשפּרייטן די צייטונג, דורך דער גרויסער אַרמיי פרייוויליקע יוגנט־לעכע, דער עיקר פון „פרייהייט״ און פון „החלוץ הצעיר״. פונעם איבערגעבלי־בענעם רייכן מאַטעריאַל זיינען שפּעטער געדרוקט געוואָרן אָפּהאַנדלונגען, עסייען און קלענערע אַרטיקלען פון: וויקטאָר טשערנאָוו, ביאַלאָפּאָלסקי, א. ש. יוריס, א. אויפהויזער, ב. לאָקער, נ. קאָן, ה. ל. קרוי, מ. באַסאַק, ה. בערגער, ה. וויניק, יצחק קאַצענעלסאָן א״אַ. אויפהויזער האָט צוגעשיקט אַן אַרטיקל וועגן „דער אַרבעטערשאַפט אין פאַשיסטישן דייטשלאַנד״. קרוי האָט געשריבן וועגן „15 יאָר (פּוילישער) אומאָפּהענגיקייט״, וויניק — וועגן בוך פון פּוילישן שרייבער קסאַווערי פּרושינסקי — „פּאַלעסטינע צום 3טן מאָל״ און ב. קאַצענעלסאָן האָט צוגעשיקט אַ רעפּאָרטאַזש „די שטאָט וואָס איז הימל און ערד״ (וועגן ירושלים).

די צייטונג פון 10טן נאָוו׳ האָט שוין אויך געהאַט אַ פולע ליטעראַרישע אָפּטיילונג, וואָס איז באַשטאַנען פון: ש. שניידערמאַן — „ליד פון אַנטציקונג און וואַכיקייט״ (וועגן נייעם באַנד פון ש. פּאַפּיערניקאָוס לידער), י. ברינמאַן — ה. לאַנגפעלאָו אין יידיש״ (וועגן אייסענס איבערזעצונג), נאָטיצן פון מ. [באַסאַק], וואָס איז דאַן געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער זייט, און האָט אָבער זיך דאָך נישט געקענט דערלויבן אָנרופן זי מיט איר נאָמען. ער האָט, ווי שטענדיק, געהאַלטן, אַז זי איז נישט „ראוי״ צו דעם און איז צו אָרעם, זי זאָל פאַרדינען אַזאַ נאָמען. ווי מ׳קאָן זען, איז די זייט נישט געווען ערגער פון די ליטעראַטור־זייטן אין דער איבעריקער טעגלעכער פּרעסע און האָט, זיכער, געמעגט טראָגן איבער זיך דעם פולשטענדיק פאַרדינטן אייבערקאָפּ.

עס זיינען אויך געדרוקט געווען אַ סך באַגריסונגען צום יובל פון „וואָרט״, ווי פון: לעאָן בלום, מ. יאַרבלום (פּאַריז), מ. זינגער, יוליוס ברוינטאַל (ווין) א״אַנד, פון וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון און התאחדות, פון די אָנפירנ־

דיקע אינסטאַנצן פון פועלי־ציון, שולקולט, דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, „החלוץ״, „הפועל״, פון דער „טוריסטן־קאָמיסיע״, קאַסע פאַר אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ, ווי אויך פון אָרגאַניזאַציעס אין 60 שטעט און שטעטלעך. צאָלרייכע באַגריסונגען זיינען אויך דערשינען אין פיל ווייטער־דיקע נומערן. דוד גאָטספּאָרכט (פון וולאָצלאַוועק), וואָס האָט געוואוינט אין ארץ־ישראל, האָט צוגעשיקט אַן אַרטיקל א״נ „די ארץ־ישראלדיקע חברים (פון פוילישע פועלי־ציון) באַגריסן דאָס „וואָרט״.

כאַראַקטעריסטיש זיינען אויך די מודעות אין יובל־נומער. זיי זיינען געוועזן ס׳רוב פון פאַרלאַגן, קודם־כל פון גיטלין־פאַרלאַג, וואָס האָט אָנאָנ־סירט „ספרי לימוד ועוזר״, ווי אויך פיל העברעאישע לערנביכער און ווער־טערביכער. ר. שפר האָט ·אַנאָנסירט זיינע לערנביכער „עברית לעולים ותירים״, „למדו עברית״, „עברית לבוגרים״. די העברעאישע פּעדאַגאָגן י. ווייגאַרטען און י. ברקוביץ — זייערע לערנביכער. דער „מרכז החלוץ״ — זיינע „דפים לעברית״. דאָס אַלץ, ווי מ׳קאָן זיך אָנשטויסן, איז געוועזן אויס־געררעכנט פאַרן יונגן עולם, וואָס האָט דאַן איבערפולט די רייען פון „החלוץ״, פועלי־ציון און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, און האָט זיך געגרייט צו פאַרן קיין א״י.

פיל פון די מודעות זיינען אויך שפעטער דערשינען אין דער צייטונג. די פאַרלאַגן און די מחברים האָבן געוואָלט אַזוי אַרום דערגרייכן צום גרויסן מאַרק און די פיל קונים פאַר זייערע אויסגאַבעס, וואָס מ׳האָט געקענט גע־פינען, דער עיקר, דורך „דאָס וואָרט״.

דער קאַמף קעגן רעוויזיאָניזם האָט ווייטער אויסגעפילט די צייטונג. אַזוי זיינען דעם 12טן קעגן אים אָפּגעדרוקט געוואָרן 3 אַרטיקלען פון ש. ר. [רימאלט], ה. ב. [בערגער] און ב. לאָקער. די צייטונג האָט אויך געבראַכט אַ גאַנצע זייט געווידמעט דער „אַנטיפאַשיסטישער וואָך״, וואָס איז דאַן דורכגעפירט געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאַנד, אויך די שטענדיקע „החלוץ״־ביילאַגע.

נייע אויטאָרן האָבן זיך באַוויזן אין די ווייטערדיקע נומערן: וו. פרויס, באַקאַנטער סטאַטיסטיקער, האָט געשריבן „ווי אַזוי א״י האָט אויפגענומען די דייטשע עולים״, לואי סיגאַל פון ניו־יאָרק האָט צוגעשיקט אַן אַרטיקל וועגן דער „קאָנווענשאַן פון אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר״, אליעזר לובראַני פון תל־אביב — אַ הומאָריסטישן רעפּאָרטאַזש — „ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן ארץ־ישראל (צרות ביים וועלן געפינען אַ דירה אין תל־אביב).

דער מין רעפּאָרטאַזשן האָט זיך בכלל אַלץ מער גענומען באַווייזן אין דער צייטונג און האָט איר צוגעגעבן לעבעדיקייט, קלאָרקייט און די ספּע־ציעלע, אינטימע וואַרעמקייט, וואָס זיי פאַרמאָגן. אַזוי האָט יהושע געדרוקט אַ ריי רעפּאָרטאַזשן וועגן אַ רייזע מיט עולים פון וואַרשע קיין ארץ־ישראל, שילדערנדיק די באַזונדערע פּאַזעס פון דער נסיעה. פסח פיעקאַטש פון פינסק (איצט אין ישראל) האָט געשילדערט אַ „טאָג אין דער תל־חי־שולע״ (פון

שולקולט — די שול־אָרגאַניזאַציע פון פּועלי־ציון), *) שילדערנדיק ווי מען נעמט דאָרטן אויף קינדער צום נייעם זמן. א. ש. יוריס האָט אין „אַ גערעכטער וועג״ לעבעדיק דערציילט וועגן זיין באַזוך אין אַרבעטער־ישוב נען, וואו ער איז אַרומגעפירט געוואָרן פון מענדל ראָזענבוים (באַקאַנטער רעוואָלוציאָנער אין רוסלאַנד און איינער פון די בויער פון נען, וואָס איז דאָרטן געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק). רינה מרדכי האָט, אַלס „מתנה צום החלוץ״, אָפּגעדרוקט אייניקע בילדער פונעם לעבן אין הכשרה־קיבוצים.

עס האָט זיך אויך אויסגעברייטערט די פאַרבינדונג מיט דער פּראָווינץ. עס האָבן אָנגעהויבן דערשיינען גרעסערע בריוו פון ווילנע, געשריבן פון ב. בן־דוב [ב. בורשטין, איצט אין ניו־יאָרק], ח. קאַפּילאָוויץ (אין ישראל), פון ע. כאַראַק פון קראָקע, אַרצי און וואַלפיש פון לאָדזש, צוקערשטיין פון לאָמזשע, זשיטאָמירסקי פון לובלין א״אַנד.

מ. כמעלניק (וועטעראַן פון פּועלי־ציון, אומגעקומען אין רוסיש־אָקופּירטן פּוילן, אין 1940) האָט דעם 19טן פאַרענדיקט זיינע זכרונות וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין יובל־נומער וועגן אַן אומבאַקאַנטן עפּיזאָד מיט דער ערשטער אומלעגאַלער אויסגאַבע פון פּועלי־ציון אין ביאַליסטאָק, וואָס איז מיט דער הילף פון ש. קאַפּלאַנסקי דערשינען אין 1904. ש. דרעקסלער האָט אין זעלבן נומער אָנגעהויבן דרוקן זיין אָפּהאַנדלונג „דער 1טער סאָציאַליסטישער אויפרוף אין יידיש״ (מיט אומבאַקאַנטע מאַטעריאַלן וועגן „קול־קורא״ פון אהרן ליבערמאַן).

אַן אינטערעסאַנטע „פּיטשור״ איז געווען די בריוו וואָס אַ סאָציאַליסטישער טוער פלעגט צושיקן דורך פאַרשיידענע אומוועגן פון דייטשלאַנד, געחתמעט ס.. זיינען זיי דערשינען צוערשט דעם 17טן נאָוו׳ און פלעגן זיך דרוקן אויך ווייטער, אָבער גאַנץ נישט רעגלמעסיק (צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים).

גאָר אַ גרויס אָרט האָט דאַן פאַרנומען דער קאַמף קעגן די ענגלישע

---

*) „שול־קולט״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1928, דורך אַ גרופּע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוערס, דערונטער אויך פיל מיטאַרבעטערס פון „היינט״, איז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אין גאַנצן אַריבער צו פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ״ס) און איז געוואָרן זייער שול־ און בילדונגס־אָרגאַניזאַציע. דער פּראָצעס פון דער „פּועלי־ציוניזירונג״, אַזוי צו זאָגן, פון „שול־קולט״ האָט זיך אָנגעהויבן אין 1929, ווען פּועלי־ציון און זייערע שולן האָבן פאַרלאָזן די „ציש״א״, צוליב חלוקי־דעות מיטן „בונד״ (דעם אָנפירנדיקן פאַקטאָר פון ציש״א), אין שייכות מיט זיין שטעלונג צו די אומרועז און בלוטיקע אַראַבישע אָנפאַלן אויפן ישוב, וואָס זיינען דאַן אויסגעבראָכן אין ארץ־ישראל. די פאָרשטייערס פון פּועלי־ציון האָבן באַלד פאַרנומען אַן אָנפירנדיק אָרט אין „שול־קולט״, אַדאַנק דעם וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט אַהין זייערע שולן און זייער גרויסע דערפאַרונג אויפן יידישן שולגעביט בכלל. י. גראָדזענסקי (שפּעטערדיקער אַדמיניסטראַציע־מיטגליד פון „וואָרט״) איז געוואָרן סעקרעטאַר פון „שול־קולט״. עס זיינען אויך געווען טעטיק י. חפץ, מ. פּעטשעניק,ביילע קלאַטניצקאַ, מ. כמעלניק, ב. בורשטיין (ווילנע), קאַגאַן (פון באַראַנאָוויטש), און פיל אַנדערע. היות די ערשטע איניציאַטאָרן און גרינדער פון „שול־קולט״ זיינען שפּעטער אָפּגעקילט געוואָרן צו אים און האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן חשק צו גרינדן שולן אין יידיש, איז די אָרגאַניזאַציע אַריבער אין גאַנצן אין רשות פון פּועלי־ציון (פאַר׳ מיט צ״ס).

רדיפות אין ארץ־ישראל אויף דער אַזוי גערופענער „אומלעגאַלער עליה", וואָס האָבן דאַן אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער גאַנצער יידישער וועלט. דעם 20סטן נאָוו׳ איז „דאָס וואָרט" דערשינען מיט אַ גאַנצער זייט מיט פאַלגנ־דיקע אַרטיקלען, וואָס האָבן גערופן צום פּראָטעסט: מ. ניישטאַט „עליה איז די נשמה פון ציוניזם", נ. קאָן „צום פּראָטעסט!", פּראָפ׳ בראָדעצקיס אינ־טערוויו — „וואָס איז אַזוינס אויפנאַמס־פעאיקייט פון אַ לאַנד?" און אַ נאָ־טיץ פון לאָנדאָנער „דעילי הערעלד" וועגן די אַבלאַוועס אויף די „אומלע־גאַלע" אין ארץ־ישראל.

דעם 21סטן זיינען דערשינען די אַרטיקלען פון מ. מעזשיבאָווסקי — „מיר נעמען אויף דעם קאַמף!" מ.[ערכת] ד.[בר] „די טוריסטן־גזירה", דעם 21סטן — נאָך אַן איבערדרוק פון „דבר" — „וואָס האָט געבראַכט צו דער עליה־גזירה?". דעם 24סטן — אַן עדיטאָריעל „באַנייטער קאַמף קעגן אומ־רעכט", נ. קאָן — „די צווי קעגנער" (קעגן דער קריטיק פון ד"ר י. גאָטליב און פון „בונד" לגבי בן־גוריונס און טשערטאָקס אינטערווענץ ביים הויך־קאָמיסאַר וועגן די „אומלעגאַלע"). דעם 28סטן איז געווען געדרוקט דער אויפרוף פון וועלט־פאַרבאַנד פון פועלי־ציון וועגן אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן די ענגלישע רדיפות און וועגן ווייטער פאַרזעצן די עליה דורך אַלע וועגן.

צו יענער צייט איז דערהאַלטן געוואָרן די טרויעריקע ידיעה וועגן טויט פון לעאָ מאָצקין, וואָס האָט, אַלס שטענדיקער קעמפער פאַר די רעכט פון די יידן אין די גלות־לענדער, זיך דערוואָרבן גרויס רעספּעקט אין פּוילן. וועגן זיין טויט האָבן געשריבן י. לאַצקי—בערטאָלדי און (צו לאַנגע יאָרן) ברוך צוקערמאַן.

די זייטן וועגן דער „החלוץ"־באַוועגונג פלעגן, צום אונטערשייד פון די אַנדערע ספּעציעלע זייטן, ווי וועגן „הפועל", די ליטעראַרישע זייט א"אַנד, דערשיינען רעגולער, כמעט יעדע וואָך און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער רייכן אינהאַלט. די שטענדיקע מיטאַרבעטער דאָרטן זיינען געווען: מ. באַסאָק, מ. מעזשיבאָווסקי, א. שיינבוים, כ. ראַבינאָוויטש, ווי אויך חברים פון „השומר הצעיר". זיי אַלע האָבן באַלויכטן די פּראָגעס פון דער חלוצי־שער און שומרישער באַוועגונגען, וואָס האָבן דאַן געהאַלטן אין איין וואַקסן. געווען דאָרטן אויך ידיעות פון „החלוץ" אין אַנדערע לענדער, פון „החלוץ הצעיר" און „פרייהייט"־יוגנט פון פועלי־ציון, — זייער אַרבעט פאַרן אַרלאָ־זאָראָוו־פאָנד, קולטור־טעטיקייטן, סעמינאַרן, באַזוכן אאַז"וו.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט מען דאַן אין דער „החלוץ"־זייט געגומען שענקען דעם „העובד". דאָס איז געווען אַן עליה־אָרגאַניזאַציע פאַר פערזאָנען העכער פון דער עלטער, וואָס דער „החלוץ" האָט אָנגענומען. געהערט צום „העובד" האָבן מיטליאָריקע האַנטווערקער, אַרבעטער, קליינע געשעפט־לייט, פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס האָבן זיך געקליבן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. כאַצקל ראַבינאָוויטש פון סלאָנים (איצט אין ישראל), וואָס איז גע־וואָרן סעקרעטאַר פון „העובד", פלעגט געווינלעך באַלייכטן זיינע פּראָבלע־

מען אין דער ביילאַגע פון „החלוץ", — הגם שפּעטער־צו, ווען „העובד" האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן איבערן גאַנצן לאַנד, פלעגט ער האָבן זיין אייגענע זייט אין „וואָרט".

דעם 24סטן נאָוו' איז די ליטעראַטור־זייט געווען ספּעציעל געווידמעט דעם 15־יאָריקן יובל פון „הבימה". ס'איז געבראַכט געוואָרן אַ טייל פון ח. נ. ביאַליקס רעדע אויף דער „הבימה"־פייערונג אין תל־אביב, זכרונות פון מ. גנעסין, אינטערוויו מיט חנה ראווינא פון „דבר" און ישראל שטערנס גרויסע אָפּהאַנדלונג וועגן דער „הבימה".

דער „צווייטער פּרעסע־טאָג"

נישט געקוקט אויף דעם גרויסן דערפאָלג פון 100סטן נומער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ גרעסערע הכנסה און אויך פאַר־גרעסערט די צאָל לייענער און אַבאָנענטן פון דער צייטונג, איז אָבער איר מאַטעריעלע לאַגע אויך ווייטער געווען אַ שווערע. אָנהייב דעצעמבער האָט מען, אַלזאָ, געמאָלדן, אַז דעם 17טן דעצעמבער וועט דערשיינען אַ ספּעציע־לער, פאַרגרעסערטער נומער געווידמעט דער הסתדרות, אין שייכות מיטן 16־יאָריקן יובל פון אָט דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען דער וועגווייזער פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן. אינעם אויפרוף וועגן דעם הסתדרות־נומער, וואָס איז דערשינען דעם 3טן דעצעמבער, איז געמאַכט געוואָרן אַ סך־הכל פון די 5 חדשים עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג פון „וואָרט", און מ'האָט אָנגעוויזן אויף זיינע דערפאָלגן אינעם קאַמף פאַרן „אמתן ציוניזם", וואָס וויל זען אַ פּראָדוקטיוון יידישן אַרבעטס־צענטער אין ארץ־ישראל. און דער צענטער זאָל זיין פאַרוואָרצלט אין דער לאַנדווירט־שאַפט און אַלע אַנדערע צווייגן פון פּראָדוקטיווער, שעפערישער אַרבעט און זאָל ווערן אַ „ווירדיקער מיטגליד אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־משפחה". ס'איז אויך אָנגעזאָגט געוואָרן וועגן באַזוכן, וואָס וועלן געמאַכט ווערן איבערן לאַנד אין שייכות מיטן „הסתדרות־טאָג". אין דער ערשטער רשימה געפינען מיר פאָלגנדיקע באַזוכער: א. שוסטער, נ. רישמאַן, א. גראַדזענסקי (איצט אין ישראל), א. ש. בורשטין, נ. קאָן, ל. לערער, א. צוקער (איצט אין ישראל), ז. בראָון ל. ארצי (אומגעקומען פון דייטשע קוילן, אַנטלויפנדיק אין סעפּטעמבער 1939 פון לאָדזש קיין וואַרשע) א״אַנד.

דעם אויבן־אָן אין חודש דעצעמבער האָט פאַרנומען דער קאַמף קעגן די עליה־שטערונגען מצד ענגלאַנד און ספּעציעל קעגן דער „טוריסטן־גזירה" אין ארץ־ישראל, וואָס די ענגלישע מאַכט אין ארץ־ישראל האָט דאַן אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן און פשוט אַרויסטרייבן פון לאַנד די יעניקע יידן, וואָס זיינען געפאָרן אַהין אַלס טוריסטן און זיינען שוין דאָרטן פאַרבליבן. דער געיעג נאָך זיי האָט אָנגענומען ברוטאַלע פאָרמען. מ'האָט געמאַכט אויף זיי „אָבלאַוועס", געדונגען שפּיאָנען צו געפינען זיי, ס'זיינען געווען אפילו

מוסרים, וואָס האָבן געטון די דאָזיקע שמוציקע אַרבעט. דער שטורעם קעגן אָט די „מאַסנאַמען", וואָס האָבן דער־מאָנט אָן דער לאַנג־פאַרגעסענער פּראַק־טיק פון צאַריזם אין רוסלאַנד, האָט באַזונדערס אַרומגענומען די ציוניס־טישע באַוועגונג אין פּוילן, און ספּעציעל איר אַרבעטער־פליגל; פּוילן האָט געגעבן זייער פיל עולים פון אָט דעם „טוריסטן"־מין, וואָס האָט נישט גע־קענט פאָרן קיין ארץ־ישראל אויפן געוויינלעכן וועג פון באַקומען אַ „סער־טיפיקאַט" (וואָס ענגלאַנד האָט אויסגעטיילט אין אַ באַגרענעצטער צאָל), און האָט דעריבער געזוכט אַנדערע עליה־וועגן. דאָס בלייבן אין לאַנד ווי אַ טוריסט איז, פאַרשטייט זיך, געווען פאַרבונדן מיט פאַרלירן די נישט־קליינע צאָל פונטן, וואָס דער טוריסט פלעגט איינלייגן אין וואַרשעווער ענגלישן קאָנסולאַט אַלס גאַראַנטיע, אַז ער וועט קומען צוריק. אָבער ווער, ספּעציעל צווישן די יונגע עולים, האָט זיך גערעכנט מיט דער דאָזיקער קליי־ניקייט!? — דעם 4טן דעצ' איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז אַ ספּעציעלע זייט אין הסתדרות־נומער וועט געווידמעט זיין ב. באָראָכאָוו, אין שייכות מיט זיין יאָרצייט.

אָנפאַנג דעצעמבער האָט זיך גענומען דרוקן די סעריע אַרטיקלען פון בן־גוריון — „אין קאַמף קעגן די עליה־גזירות", וואָס איז דערשינען אויך דעם 3טן, 4טן און 6טן דעצ'. וועגן דער זעלבער גזירה האָט אויך געשריבן מ. ניישטאַט און די צוויי שטענדיקע קאָרעספּאָנדענטן פון א"י יצחק פונט און ישראל ריטאָוו. שפּעטער זיינען אָנגעקומען מאַסנהאַפטע באַריכטן וועגן פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען אין פיל שטעט און שטעטלעך איבערן לאַנד.

דעם 8טן דעצ' איז געמאָלדן געוואָרן וועגן פּראָטעסט־מיטינגען אין וואַרשע אין 8 לאָקאַלן, וואו 24 רעדנער האָבן געזאָלט אַרויסטרעטן מיט רעדעס קעגן די גזירות, דערונטער אויך אַ ניַעם פּראָפ' פּאַראיין פון בוי־אַרבעטער (וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער פּראָפ' באַוועגונג פון פּועלי־ציון), אין השומר הצעיר, ביי די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַקאַדעמיקער א"אַנד, אָבער די מאַכט האָט פאַרבאָטן די מיטינגען. „דאָס וואָרט" האָט דעם 12טן געווידמעט דעם פאַרבאָט אַן עדיטאָריעל, וואָס פון אים קאָן מען זען, ווי לעכערלעך עס זיינען געווען די טענות פון דער מאַכט קעגן די מיטינגען. די כוונה איז זיכער געווען צו שטערן דווקא דעם אַרבעטער־פליגל, וואָס האָט אָט דורך די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען געקענט נאָך מער פאַרשטאַרקן און אויסברייטערן זיינע רייען.

י. שפּיגעלמאַן, באַקאַנטער ארץ־ישראל־זשורנאַליסט, האָט דעם 8טן און אין ווייטערדיקע נומערן אָפּגעדרוקט זיינס אַן אויסשעפּנדיקן געשפּרעך מיט בן־גוריון וועגן אַלע אַקטועלע ענינים פון דער ציוניסטישער אַרבעט אין לאַנד, און במילא אויך מכוח דער ברענענדיקער פראַגע פון דער „טוריסטן־גזירה". עס איז אויך געווען אַ גרויסער באַריכט וועגן דעם אינטערוויו מצד פאַרשטייער פון דער פּרעסע אין לאָנדאָן מיט בן־גוריון און פּראָפ' בראָדעצקי מכוח דעם זעלבן ענין. יוסף בארא̈ץ האָט וועגן דעם געשריבן דעם 15טן אין

זיין אַרטיקל „אין אַ שווערער שעה", י. ריטאָוו — אינעם אַ"י־בריוו „אָבלאָ־וועס". עס זיינען געווען געדרוקט באַריכטן פון פּראָטעסט־מיטינגען אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד.

דעם 10טן איז אָפּגעדרוקט געווען אַ באַגריסונג צום „וואָרט" פון אַ ריי חברים פון אַמעריקע.

אַ צווייטער ענין, אַן אַרטיקער, וואָס האָט באַשעפטיקט די ציַיטונג, איז געווען דער וואַלקאַמף צו די שטאָטראַטן אין גאַליציע. דעם 5טן דעצ' האָט חיים נחומזאָן דערציילט אין אַ בריוו, וואָס עס הערט זיך אויפן „קראָקעווער וואַלפּראָנט". באַלד זיינען אויך דערשינען עדיטאָריעלס וועגן די וואַלן. אַ גרויס אָרט האָט מען אָפּגעגעבן דעם זעלבן ענין דעם 10טן און דעם 15טן. ס'האָבן וועגן אים געשריבן ח. א. [נ. קאָנטאָראָוויטש] („די שטאָטראָט־וואַלן, די סאָנאַציע און אירע קעגנער") און ע. כּאַראַק. פריער נאָך איז דערציילט געוואָרן, אַז פּע־פּע־עס און פּועלי־ציון האָבן, צוליב די רדיפות פון דער מאַכט, צוריקגעצויגן זייערע וואַלליסטעס אין ניי־סאָנץ און אין אַנדערע פּונקטן.

מזרח־גאַליציע האָט דאַן געהאַט אַ צווייטע גרויסע געשעעניש פאַר דער באַוועגונג. עס איז דאָרטן פאָרגעקומען אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון „החלוץ", מיטן אָנטייל פון שלוחים פון אַ"י, — חיים שורער און ג. אָסטראָווסקי. שורער, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער דאָרטיקער אַקציע פון מפעל אַרלאָזאָראָוו, האָט דעם 14טן דעצ' סומירט די אַקציע אין אַרטיקל „דער געוואונענער קאַמף", היות די אַקציע האָט געדאַרפט גובר זיין די קעגנער־שאַפט און סאַבאָטאַזש פון די רעוויזיאָניסטן און זייערע שותפים פון רעכטן ציוניזם.

מ. גראַבאָווסקי (איצט מיטגליד פון כנסת און פאָרזיצער פון איר אויסערן־קאָמיסיע) האָט דעם 24סטן דעצ' געהאַט אַן אַרטיקל וועגן דער 12טער קאָנפערענץ פון „החלוץ" אין גאַליציע. אין זעלבן נומער איז פאַר פּראָבלעמען פון דער קאָנפערענץ געווען געווידמעט די גאַנצע „החלוץ"־ביילאַגע. דעם 27סטן איז דערציילט געוואָרן וועגן דער „אימפּאָזאַנטער דער־עפענונג פון דער קאָנפערענץ אין לעמבערג"; שפּעטער זיינען געקומען באַ־ריכטן פון דער קאָנפערענץ, אָפּשאַצונגען אד"גל.

די ליטעראַטור־זייט איז דעם 15טן געווען געווידמעט שלום־עליכמען אין שייכות מיט זיין 70־יאָריקן יובל. איר אינהאַלט: ישראל שטערן — „דער מייסטער פון פאָלקס־הייטערקייט", א. מאַנגער — „דאָס גראָטעסק־געשפּענסטיקע ביי שלום־עליכמען", מ. טוטשינסקי — „דעם שמיכל איז שווער צו טויטן".

פון די נייע שרייבער, וואָס זיינען צוגעקומען, דאַרפן דערמאָנט ווערן יואל ענטין, וועמענס עסיי — „אין שאָטן פון גר־צדק־בוים" — איז דערשינען דעם 17טן. אריה ציבוליא, אַ יונגער פּאָאיקער פּעליעטאָניסט, האָט געמאַכט זיין שרייבערישע התחלה דעם 13טן מיט אַ מאָנאָלאָג פון אַ מזרחיסט. יצחק

טאַבענקין האָט אין דער „החלוץ"־ביילאַגע, דעם 10טן, געהאַט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן „קולטור אין קיבוץ". וועגן דער קולטור־אַרבעט אין „העובד" האָט געשריבן כ. ראַבינאָוויטש אין דער ביילאַגע פון 17טן, וואו עס זיינען אויך דערשינען: דוב באַראַשס — וואדי כאוואריט — און אַ גרע־סערע נאָטיץ פון „מבפנים" — „נאָך אַ יאָר אין כפר גלעדי".

פון די בריוו פון אויסלאַנד איז כדאי צו דערמאָנען: דעם בריוו פון א. רייס וועגן ליטווינאָווס אָנקומען קיין אַמעריקע, אַלס ערשטער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר, א. תושבס — די וואַלן אין רומעניע, און פריץ נפתליס „אַק־טועלע פראַגן פון דער ארץ־ישראל־ווירטשאַפט".

דער אָנגעזאָגטער הסתדרות־נומער איז דעם 17טן נישט דערשינען. דאַן איז דערשינען בלויז די צוגעזאָגטע באָראָכאָוו־ביילאַגע מיט די זכרונות פון י. בן צבי וועגן זיין באַרימטן יוגנט־חבר און לאַנדסמאַן, „דער היינטי־קער באָראָכאָוו" פון ב. פ. און אויסצוגן פון באָראָכאָווס שריפטן.

דער גרויסער הסתדרות־נומער איז דערשינען דעם 22סטן מיט אַן עדיטאָריעל וועגן דעם „גרינדונגס־טאָג פון דער הסתדרות". די צוויי ערשטע אַרטיקלען זיינען געווען וועגן „זייטיקע" ענינים. ח. א. האָט אין אַן אַרטיקל „טעזן און אַנטיטעזן" געשריבן וועגן דער געפּלאַנטער פאַשיסטישער רע־פאָרם, וואָס די הערשנדיקע סאַנאַציע האָט געוואָלט מאַכן אין דער פּוילי־שער קאָנסטיטוציע. ד"ר י. נ. שטיינבערג האָט אין אַרטיקל „פאַראַן נאָך סאָציאַליסטן אין אייראָפּע" געשריבן וועגן די נאָרוועגישע סאָציאַליסטן. דער ספּעציעלער הסתדרות־מאַטעריאַל איז געווען איינגעשלאָסן אין דער פילזייטיקער ביילאַגע, מיט אַ מאָטאָ פון ברענערן וועגן דער באַדייטונג פון דער הסתדרות. דאַן זיינען געווען איבערגעדרוקט פריערדיקע זאַכן פון ברענער און טרומפּעלדאָר און פאָלגנדיקע, אָריגינעלע אַרטיקלען: ד. באַראַש — „וואָס איז די הסתדרות?", ד. בן־גוריון — „חברת עובדים", י. א. — „די הסתדרות און 'החלוץ'", ג. א. — „הסתדרות", ה. פרומקין — „אין טעג פון אויפשוואונג" מ. נ.[ניישטאַט] — „די שותפות פון טאַט", י. קאַניעווסקי — „20 יאָר קופת חולים", וועגן „ניר" א"אַנד. אינעם נומער איז אויך גע־דרוקט געוואָרן א. מאַנגערס „ברוינע באַלאַדע".

פיל מאַטעריאַל, וואָס איז נישט אַריין אין „הסתדרות"־נומער, איז גע־דרוקט געוואָרן שפּעטער. אַזוי איז דעם 29סטן דערשינען בערל קאַצענעל־סאָנס — „די בלאָקאַדע אויף דער הסתדרות" און א. ש. יוריסעס — „די צעשטערער פון אונדזער פרייד". אין דער געבראַכטער סטאַטיסטיק איבער דער הסתדרות און איר אַנטוויקלונג איז, אגב, אָנגעוויזן געוואָרן אויף איר כסדרדיקן וואוקס פון 4,483 מיטגלידער אין 1920 ביז העכער 40,000 אין 1933, וואָס טרעפן אָן, צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון זייערע משפחות, העכער אַ דריטל פון דער גאַנצער פּערטל־מיליאָניקער באַפעלקערונג פון ישוב אין ארץ־ישראל. צום הסתדרות־מאַטעריאַל וואָלט אפשר געקענט אויך פאַררעכנט ווערן י. בערקאָוויטשס — „וואָס מנחם מענדל האָט געזען אין

דער קבוצה״ (פון זיין באַקאַנטער סעריע „מנחם־מענדל אין ארץ־ישראל״).

דער דערפאָלג פון הסתדרות־נומער האָט נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. אין אים זיינען, זיכער, געווען „שולדיק״ קודם־כל די יונגע חברים פון „החלוץ״, „החלוץ הצעיר״, „פרייהייט״, גורדוניה״ און אויך פון „השומר הצעיר״. ביי דער דאָזיקער גאַנצער ענטוזיאַסטישער יוגנט איז די הסתדרות געווען אַ הייליקייט, אַ לייכט־טורעם אין איר שווערן און אויסזיכטסלאָזן לעבן אין פוילן, און אַלע יוגנטלעכע האָבן נישט געשפּאָרט קיין מי, כדי צו פאַרשפּרייטן און ברענגען דעם נומער פון „דאָס וואָרט״ צו די ברייטסטע קרייזן פון לייענענדיקן עולם. צום זעלבן מאַטעריאַל דאַרף אויך פאַררעכנט ווערן דאָס ליד פון י. פּאַפּיערניקאָוו — „צום פּאַסטעכל״.

אין דער ליטעראַרישער זייט זיינען געווען די אַרטיקלען פון נתן ביס־טריצקי (באַקאַנטער העברעאישער עסייאיסט, וואָס האָט דאַן געוויילט אין פוילן, אין שייכות מיט דער אַקציע פון קרן קימת פאַרן „כפר אוסישקין״) — „צום קריזיס פון היינטיקן טעאַטער״ און די אָפּהאַנדלונג פון ב. ווייניק — „יידישע נקמה״, וועגן ווערק פון פּראָפ׳ פּ. שניאורסאָן אונטערן זעלבן נאָמען.

מ. קאָסטרינסקי (איצט אין ישראל) האָט דעם 27סטן געהאַט אַ בריוו וועגן „פאַשיזם אין אַרגענטינע״, מ. פּאָדרוזשניק האָט נאָך פריער אָנגעהויבן שרייבן בריוו פון לאָנדאָן, א. רייס האָט דעם 24סטן געהאַט אַ בריוו פון ניו יאָרק וועגן דער קאָנווענשאָן פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות. פון די נייע שרייבער דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן חברה רחל שטיין (באַקאַנטע טוערין אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף, אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ, צוזאַמען מיט איר מאַן אריה), וואָס האָט אָנגעפאַנגען מיט אַרטיקלען וועגן דעם צושטאַנד אין דער סאָציאַלער הילף אין וואַרשע. דעם 28סטן איז, אין שייכות מיטן שלוס פון דער אַרלאָזאָראָוו־אַקציע, גע־ווען אַ באַריכט וועגן געזעגענונגס־באַנקעט פאַר איר אָנפירער ב. צוקער־מאַן און באריכטן וועגן די רעזולטאַטן פון דער אַקציע אין ווילנע און קראָקע.

דאָס יאָר 1933 האָט זיך געשלאָסן מיט סך־הכלס איבער אים, וואָס זיי־נען געמאַכט געוואָרן דעם 31סטן דעצעמבער. ה. קרוי האָט געמאַכט דעם ס״ה פון דער אינערלעכער לאַגע אין לאַנד א״נ „דער איינציקער אויסוועג״, ג. קאָן — וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע אינעם אַרטיקל א״נ „צוויי־טענדענצן״ (די פאַשיסטישע און אַנטיפאַשיסטישע). עס איז אויך געבראַכט געוואָרן אַ באַריכט פון ד״ר ווייצמאַנס גרויסער רעדע אין לאָנדאָן — „מיר וועלן דערלעבן צו זען אַ בליענדע ארץ־ישראל״, און ה. ערענרייכס בריוו — „דער יידישער אַרבעטער אין אַמעריקע פאַר זיין אַרבעטער־ברודער אין א״י״, ווי אויך אַ באַריכט פון דער צ״ס קאָנפערענץ אין לעטלאַנד. די „החלוץ״־ביילאַגע האָט אַנטהאַלטן אַרטיקלען פון י. טאַבענקין, מ. בראַסלאַווסקי (פון א״י), און גרשון [אָסטראָווסקיס ?] אָפּשאַצונג פון דער קאָנפערענץ אין גאַליציע.

דאָס יאָר 1934

נישט געקוקט אויף די פריערדיקע אָנשטרענגונגען, איז די פינאַנציעלע לאַגע פון דער צייטונג אַלץ פאַרבליבן אַ שווערע. און אויך זיין צווייטער יאָרגאַנג האָט „דאָס וואָרט" אָנגעהויבן מיט אַן אַקציע צו פאַרזיכערן זיין עקסיסטענץ. עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ קאַמפּיין פאַר שאַפן אַן „אינוועסטיציע־פאָנד" פון 40,000 זלאָטעס. דער חודש יאַנואַר איז דערקלערט געוואָרן אַלס „מאָביליזאַציע"־חודש פאַר „דאָס וואָרט". דער לייט־אַרטיקל דעם 1טן יאַנואַר איז געווען געווידמעט דער נייער אַקציע. עס זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן אַ ריי באַזוכן איבערן לאַנד פאַרן אינוועסטיציע־פאָנד פון די חח׳: ארצי, באַראַנטשוק (אומגעקומען אין ווילנע), א. ש. בורשטין, ד״ר בעלקא (אומגעקומען אין גראָדנע), א. ברעגמאַן (פון פינסק, איצט אין א״י), נ. גאָלדבערג, א. גאָלדין (ביידע אין א״י), ד״ר גראָספעלד, מ. האַלטער, ח. זאַלעשינסקי, דן בדבני, ש. זשיטאָמירסקי, א. זשעלאַנקאַ, פּ. טוימאַן (איצט אין שיקאַגאַ), יאמין (וואוינט אין א״י), ל. כ״ץ, מאַגיסטער א. לאַנדוי, לוצקי, לייזער לעווין (זיך געראַטעוועט פון לאָדזשער געטאָ קיין א״י), פּנחס לעווין, שטרויוויס, מ. מוקאסיי, מ. ניסענבוים, ד. פּערעלמאַן, פּאלניצקי, ד״ר פערסטער, מ. צוקערמאַן, קאָזלאָווסקי א(יצט אין שיקאַגאָ) ד״ר קאַגאַן (פון באַראַנאָוויטש, אומגעקומען אין נאָוואָגרודעק), וו. ראָמאַנאָווסקי, ביילע קלאָטניצקאַ, ג. רוס, נ. רישמאַן (איצט אין ניו־יאָרק), שצופּאַקעוויטש (איצט אין שיקאַגאָ), מ. רעזניק (אומגעקומען אין סלאָנים), א. שיינמאַן (איצט אין א״י) א״אַנד. אויך שפּעטער האָט מען געמאָלדן וועגן אַנדערע באַזוכן. די גרויסע צאָל באַזוכן און די פיל חברים, וואָס זיינען אַרויסגעפאָרן איבערן לאַנד, זאָגן עדות סיי וועגן דעם גרויסן אַרומנעם פון דער פּראָקלאַמירטער אַקציע, סיי וועגן איר דרינגלעכקייט.

אויף דעם 19טן יאַנ׳ איז דאָס לייט־אַרטיקל געווען געווידמעט דער אַקציע, וואָס איר ציל איז געווען נישט בלויז צו שאַפן דעם אויבן דערמאָנטן פאָנד פון 40 טויזנט זלאָטעס, נאָר אויך צו באַקומען נייע 5,000 רעגולערע קויפער פון דער צייטונג.

כדי צו פאַרשטאַרקן די צירקולאַציע, איז אויך אָנגעזאָגט געוואָרן דעם 6טן יאַנ׳, אַז די צייטונג גיט אַן אומזיסטע רייזע קיין ארץ־ישראל פאַר קויפער, וואָס וועלן צושטעלן 8 קופּאָנען פון פרייטאָג־נומערן.

אַ באַגריף וועגן דעם אינהאַלט און די פּראָבלעמען פון „וואָרט" אין יענער צייט קענען געבן די גרעסערע נומערן פון דער צייטונג. אַזוי זיינען דאָרטן דעם 5טן יאַנ׳ דערשינען די אַרטיקלען פון: ב. קאַצענעלסאָן — „די הסתדרות אין איצטיקן מאָמענט", אינטערוויו מיט פּראָפ׳ בראָדעצקי — „עליה — דאָס הויפּט־פּראָבלעם, אָפּאָזיציע (קעגן דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע) דאַרף נישט הייסן סאַבאָטאַזש", ב. קאַן — „זאָל מען נישט שטערן" (וועגן דער שטער־אַרבעט פון די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען קעגן דער פּאָליטיק פון דער עקזעקוטיווע), ל. שפּיזמאַן — „די שפּעקולאַציע מיט רעליגיע"

(קעגן „מזרחי"), קאַרל קויטסקי — „ווי לאַנג קען אָנהאַלטן היטלערס הער־שאַפט אין דייטשלאַנד (מיט ווייטערדיקע המשכים), ש. לעוועגבערג — „די באָיקאָט־באַוועגונג קעגן דייטשלאַנד פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט", י. ד. בערקאָוויטש — „מנחם מענדל געזעגנט זיך מיט דער קבוצה" א"אַנד.

דער זעלבער נומער האָט אין זיין ליטעראַרישער זייט: מ. מארקין — „אַ פאַרגעסענער יונגער געטאָ־טרוימער" (צום 55סטן יאָרצייט פון מאָלער גאָט־ליב), י. בורלא — „אַ קאַפּיטל מאַרקס אין די געצעלטן פון תימן" (רעפּאָר־טאַזש פון באַקאַנטן א"י־שרייבער), א. פטאַשקין — „די אויסשטעלונג פון יונגע פלאַסטיקער" א"אַנד.

קאָרעספּאָנדענצן זיינען ווייטער געווען: פון אַמעריקע — א. רייס, לואי סיגאַל, פון רומעניע — א. תושב, ווי אויך פון לעטלאַנד. דעם 9טן יאַנ' איז אויך געווען אַ בריוו פון רוסלאַנד וועגן „באַנייטן קאַמף קעגן ציוניזם" (מצד כאשין, פעפער, וועוויורקאַ א"אַנד). אַפּטע בריוו האָט אָנגעהויבן צו־צושיקן פון לאָנדאָן י. פּאָדרחשניק, וואָס האָט געשילדערט דאָס יידישע לעבן אין ווייטשעפּל: „ווייטשעפּלער טעאַטער", „מיסיאָנערן", ווייטשעפּלער זשור־נאַליזם", פּרנסות פון רינשטאָק" א"אַנד. ש. קראַקאָווסקי און א. ס. האָבן פאַרגעזעצט זייערע באַשרייבונגען פון דייטשלאַנד.

אויסער קויטסקיס אַרטיקל האָט זיך אויך געדרוקט אין המשכים אַן אַרטיקל פון אַ צווייטן באַקאַנטן סאָציאַליסטישן שרייבער — אָטאָ לייכטער פון ווין — „צי גייט דער קריזיס (פון קאַפּיטאַליזם) צום סוף?" ח. העניג האָט געהאַט אַן אַרטיקל „סאָציאַליזם, דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור" אין זעלבן „וואָרט" פון 12טן יאַנ', וואו ס'איז דערשינען איינער פון לייכטערס לעצטע אַרטיקלען. ד. פרענקעל האָט דאָרטן אויך געשריבן וועגן „342 טויזנט" (אַרבעטסלאָזע אין לאַנד). אין דער ליטעראַרישער זייט פון זעלבן נומער זיינען געווען: א. מאַנגער — „יאַקאָב וואַסערמאַן", שמריהו גאָרעליק — „עמיגראַנטן־ליטעראַטור". א. פטאַשקין וועגן דער אויסשטעלונג פון די בילדער פון א. ראַזאַניעצקי, י. וואַרשאַוויאַק — „איבער די פוילישע טעאַטערן".

פיל בריוו פון אַמעריקע האָבן באַהאַנדלט די דעמאָלטיקע אַקטועלע פראַגע וועגן יידישער קאָלאָניזאַציע. אין שייכות מיט דער קאָנפערענץ, צונויפגערופן פון אַ קאָמיטעט בראש מיט זשיטלאָווסקין וועגן זעלבן ענין, איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן מאַטעריאַל פון „יידישן קעמפער", שטימען פון דער אַמעריקאַנער טאָג־פרעסע א"אַנד. עס האָבן זיך אויך באַוויזן בריוו פון ליטע. אַזוי איז דעם 17טן יאַנ' דערשינען אַ בריוו „וועגן דריי קאָנפע־רענצן פון ליטע" (פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי, איר יוגנט און „הפועל").

ווען מ'רעדט שוין וועגן ליטע, איז כדאי צו דערמאָנען יעקב לעשצינ־סקיס אַרטיקל אין נומ' פון 17טן יאַנואַר — „דער וואונדער פון אַרבעט", וואו ס'ווערט דערציילט וועגן דער גרויסער אַרבעט פון „החלוץ" אין ליטע. די פראַגע „פּראָדוקטיוויזאַציע און איבערשיכטונג" ווערט אויך באַהאַנדלט

אין זעלבן נומער פון מ. כמיעלניק. ב. לאָקער שרייבט דעם ערשטן פון זיינע אַרטיקלען — „עקזעקוטיווע און אַקציאָנס־קאָמיטעט" (פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע), מ. באַסאָק דערציילט וועגן „ווילנער זונטאָג" (וועז ס'איז פאָרגעקומען איינער פון די ברוטאַלסטע אָנפאַלן פון „ביתר" אויפן „החלוץ" און זיינע אַנשטאַלטן). אַנדערע זיינען געווען אין קעלץ, ראַדאָם און לובלין. און אַן איבערגעדרוקטער לייט־אַרטיקל פון „דבר" רעדט אַרום דעם דעמאָלטיקן אַקטועלן ענין פון דער „רעוויזיאָניסטישער פּעטיציע" (אַקציע), וואָס איז דאַן אונטערגענומען געוואָרן, כדי צו באַוועגן מלוכות צו אַ קאַמף קעגן דער מאַנדאַטן־פּאָליטיק פון ענגלאַנד אין ארץ־ישראל.

עס זיינען אויך ווייטער דערשינען די ספּעציעלע בייל‍אַגעס: פון „החלוץ" — גאָר אָפט, פון „הפועל" — זעלטענער, פון אַרבעטער־לעבן איבערן לאַנד, ווי אויך פון פּועלי־ציון, דער „פרייהייט"־יוגנט א"אַנד.

אַ „החלוץ"־ביילאַגע פון 4 זז' איז דערשינען דעם 26סטן יאַנואַר, אין שייכות מיטן „החלוץ"־חודש. עס זיינען דאָרט געווען אַרטיקלען: „אַר־בעט אונטערוועגס", י. טאַבענקין — „די הויפּט־פראַגע", מאיר יערי — „חלוציות", מ. בראַזלאַווסקי — „די גרויסע וואַנדערונג", נ. בנארי — „עס איז בלויז דער אָנהייב", יהודה שוואַרצבארד — „פון הכשרה צום קיבוץ". פון טאַבענקינס אַרטיקל ווערט מען געוואויר, אַז אין פּוילישן „החלוץ" זיי־נען אָרגאַניזירט 50,000 חברים אין 720 סניפים און 8,000 חברים געפינען זיך אין די הכשרה־קיבוצים.

מ. בראַסלאַווסקי, הסתדרות־שליח, וואָס האָט, אַלס דעלעגירטער צום „החלוץ", פאַרבראַכט עטלעכע סעזאָנען אין פּוילן, האָט דעם 26סטן יאַנ' אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דער גרויסער וואַנדערונג פון די חלוצישע קיבוצים, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָנפאַנג פון די 30־ער יאָרן און וואָס האָט געבראַכט צו אַן עקספּאַנסיע פון זייער טעטיקייט אין געביטן וואו זיי זיינען פריער נישט געווען. — מיר ברענגען אַ גרעסערן אויסצוג פונעם אַרטיקל, ווייל ער שילדערט די אויפלעבונג אין דער חלוצישער און אויך אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די דרייסיקער יאָרן און האָט שפּעטער אויך גורם געווען צו דער שאַפונג פון זייער טאָג־צייטונג — „דאָס וואָרט".

דער ווינטער פון 1931 איז געווען אַ גרויזאַמער פאַר די קיבוצים און פלוגות. ס'רוב זיינען זיי געווען פאַרנומען אין טאַרטאַקן און וואַלד־אַרבעט. צוליבן קריזיס אין דער האָלץ־אינדוסטריע, האָבן זיך אָבער אַ סך טאַרטאַקן אָפּגעשטעלט, אַנדערע האָבן געאַרבעט נישט קיין פולע צייט. די נעבעכדיקע דערנערונג אין די קיבוצים איז געוואָרן נאָך ערגער. „מען פלעגט אַרויסגיין אָפּט אַרבעטן אַן ברויט, און ברויט איז דאָך געווען די הויפּט־שפּייז. אויב פריער פלעגט מען אויסגעבן אַ זלאָטע אַ טאָג אויף אַ חבר, איז מען איצט, אין געוויסע ערטער, דערגאַנגען ביז 30 גראָשן". שוואַרץ ברויט און טיי — דאָס איז געווען דאָס גאַנצע עסן טאָג־איין, טאָג־אויס. געווען קיבוצים, וואו מ'פלעגט זיצן אין דער פינצטער, ווייל ס'איז נישט געווען די פאַר גראָשן אויף

נאַפּט. האָלץ איז יאָ געווען, פלעגט מען זיצן ביים אויוון אין דער פינצטער און פלאַמען־צונגען האָבן באַלויכטן די אַרומזיצנדיקע. אַמאָל פלעגט מען שמועסן, זינגען.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן „דער גרויסער כיבוש־צוג פון די קיבוצים". מ'האָט חדשים־לאַנג געוואַנדערט, געוואַלגערט זיך אונ־טערוועגנס, לענג־אויס דער באַן־ליניע ראָוונע—לידע אויפן וועג קיין ווילנע. יעדע סטאַציע האָט מען באַזוכט, געפּרוּווט דאָרטן אַרבעטן. האַנצעוויטש, די הויפּטשטאָט פון „שחריה" מיט 150 חברים, איז פאַרלאָזט געוואָרן. ליקווידירט האָט מען אויך די נאָענטע בלודין. „שחריה" איז אַוועק קיין באַראַנאָוויטש, מאַלקאָוויטש, שטויבץ אאַ"וו. אויך קלאָסאָוו האָט געטראָפן דער זעלבער גורל, בפרט ווען די מאַכט האָט געהייסן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, נאָך דעם ווי די חלוצים האָבן דאָרטן געפייערט דעם 1טן מאַי. מ'האָט דאַן אויך אַרעסטירט פיל חברים, וואָס זיינען געפאָרן צו דער קאָנפערענץ פון „החלוץ הצעיר" אין דאָמאַטשעווע.

קלאָסאָוו האָט דאַן אַרויסגעשיקט כיבוש־פּלוגות איבער גאַנץ פּוילן, וואָלין. אַ צען חברים בלויז זיינען פאַרבליבן אין קיבוץ־בנין, כדי צו היטן דאָס אָרט און וואַרטן אויף בעסערע צייטן.

אויך דער קיבוץ „תל חי" האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין. די חברים זיינען אַרויס זוכן אַרבעט. מיט העק און זעק איז מען געגאַנגען צופוס, געפאָרן אויף פורן און אויפן אייזנבאַן. מען פלעגט זיך אָפּשטעלן אין שטעטלעך און איילִיק דאָרטן געשאַפן פּלוגות.

געוואַנדערט האָבן אויך שומרישע קיבוצים. ווען דער טאַרטאַק אין האַנצעוויטש איז אַוועק מיט רויך, איז דער קיבוץ „במסילה" אַריבער קיין לודוויקאָווע, וואוהין עס זיינען אויך אָנגעקומען חברים פון פּאָלעסיע.

אין דער „אַטאַקע" אויף שטעט און שטעטלעך, איז די ערשטע געווען „שחריה", וואָס איז דערגאַנגען, נאָך לאַנגע וואַנדערונגען, קיין באַראַנאָוויטש און דאָרטן פאַרבליבן. אַריינדרינגענדיק אין פאַרשיידענע שטאָטישע אַרבעטס־געביטן. אין לידע און קעלץ איז געשען דאָס זעלבע.

דער קיבוץ „מעפּילים" האָט גענומען אַרבעטן אין סוויסלאטש. דאַן איז מען אַוועק פּלוגותוויז קיין ווילנע, סלאָנים, ביאַליסטאָק. קלאָסאָוו איז אַוועק זיך פאַרשפּרייטן איבער גאַנץ וואָלין, „שחריה" — איבער פּאָלעסיע, און אפילו איבער אירע גרענעצן, תל חי — אין גראָדנע־ביאַליסטאָקער ראַיאָן, קיבוץ־באָראָכאָוו — אין קאָנגרעס־פּוילן.

מ'האָט לאַנג נישט געוואוסט צו וועמען ס'געהערט פּינסק, וואו ס'האָבן געוואוינט חברים סיי פון קלאָסאָוו און סיי פון „שחריה". געבליבן איז זי ביים קיבוץ פון „שחריה". בריסק איז פאַרבליבן ביי קלאָסאָוו, לעבן איר זיינען געווען אויך שחריער פּלוגות.

אויך די קיבוצים פון דער חלוצישער יוגנט־באַוועגונג האָבן דורכגעמאַכט דעם „גרויסן כיבוש־צוג", — פריער דער „השומר הצעיר", שפּעטער — „גורדוניה". „דער גרויסער דעראָבערונגס־ צוג" איבער די שטעט פון גאַנץ פּוילן — וועט בלייבן אַן אומפאַרגעסלעכער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון „החלוץ". (קאַפּיטל פון בראַסלאַווסקיס בוך וועגן דער הכשרה אין פּוילן.)

די קאָנפערענץ פון דער הסתדרות, וואָס איז אין מיטן יאַנואַר פאָרגע־קומען אין ארץ־ישראל, האָט געפונען גאָר אַ ברייטע באַלייכטונג אויף די שפּאַלטן פון „וואָרט“, סיי אין גרויסע באַריכטן, סיי אין בריוו און אָפּשאַ־צונגען פון ארץ־ישראל, ווי אויך אין דער שלוס־רעדע פון בן־גוריון אין נומ׳ פון 31סטן יאַנ׳.

איינער פון די שטענדיקע א״י־קאָרעספּאָנדענטן, י. פונט, האָט אין איי־נעם פון זיינע בריוו דערציילט וועגן דער „קאָלאָניזאַציע פון דייטשע יידן אין ארץ־ישראל“ און אין אַ מין צוגאָב צו אָט דעם בריוו איז דעם 28סטן יאַנ׳ דערשינען דער אַרטיקל פון עמיל וואַנדערוועלדע — „ארץ־ישראל אַ היים פאַר די קרבנות פון ראַסיזם“. אין זעלבן נומער איז אויך דערשינען די רעזאָלוציע פון סאָציאַליסטישן קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן א״י געחתמעט פון זעלבן וואַנדערוועלדע, לואי פּיערער, לעאָן בלום, וויליאַם גיליס און וואַלטער סכעווענעלס.

די זייט „פון אַרבעטער־לעבן אין לאַנד“ דעם 28סטן יאַנואַר, איז געווען געווידמעט די טראַנספּאָרט־אַרבעטער, וואָס זיינען געווען אָרגאַני־זירט דורך פּועלי־ציון, האָט געהאַט פאָלגנדיקן אינהאַלט: גרויסער מי־טינג פון טראַנספּאָרט־אַרבעטער אין וואַרשע, ביי די טראַנספּאָרט־אַרבעטער אין מלאַווע, פון בענדינער טראַנספּאָרט־פאַראיין, אין קעלץ גייט די אַרבעט פאָרויס.

דער עיקר־קאַמף סוף יאַנואַר איז געגאַנגען קעגן דעם רעוויזיאָניסטישן פּלאַן וועגן דער „פּעטיציע“ (אָדער, ווי נחום סאָקאָלאָוו האָט עס דאַן טרעפלעך אָנגערופן — „פּראָשעניע“). די איניציאַטאָרן פונעם פּעטיציע־פּלאַן האָבן געהאַלטן, אַז אַלץ דאַרף צוגעשפּיצט ווערן צו אים, דאָס הייסט, אַז ביז מען וועט נישט אַרויסבאַקומען פון די אייראָפּעאישע מאַכטן זייער צושטימונג צום „פּעטיציע“־געדאַנק, — און ענגלאַנד וועט דורך זיי נישט באַוואויגן ווערן צו אָפּזאָגן זיך פון איר סאַבאָטירן דעם ארץ־ישראל־מאַנ־דאַט, — איז נישט כדאי צו פירן וואָסערע עס איז פּראַקטישע טעטיקייט אין ארץ־ישראל — די קאָלאָניזאַציע, דאָס בויען נייע דערפער, אויפשטעלן שטעט, אַנטוויקלען די אינדוסטריע, ווייל דאָס איז אַלץ אַ ברכה לבטלה. נאָך מער, זשאַבאָטינסקיס אָנהענגער האָבן אפילו געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף זיך אָפּזאָגן פון נעמען די עליה־סערטיפיקאַטן ביי דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט, מחמת דאָס באַדייט, ר״ל, אַז מ׳גייט קאָלאַבאָרירן מיט איר...

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די ארץ־ישראל־אַרבעטערשאַפט, אָנגעפירט פון דער הסתדרות און מפא״י, איז געווען קאַטעגאָריש קעגן דעם. דאָס־גלייכן אויך די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, וואָס איר הויפּט־באַשטאַנדטייל איז געווען די זעלבע אַרבעטערשאַפט. אירע אָנפירער, ס׳רוב מענטשן פון דער צווייטער עליה, וואָס האָבן אַלץ געשטעלט אויף „הגשמה עצמית“ און האָבן עס פאַרווירקלעכט אונטער די אויסערסט־שווערע באַדינגונגען פון דער טערקישער הערשאַפט אין לאַנד, זיי, וואָס האָבן עולה געווען דאַן קיין

ארץ־ישראל און האָבן געאַרבעט דאָרטן, ווען דאָס לאַנד האָט נישט געוואוסט נישט וועגן אַ מאַנדאַט און נישט וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע, מיט דער אינטערנאַציאָנאַל־באַשטעטיקטער פאַרפליכטונג מצד ענגלאַנד, צו אויפבויען דאָרטן אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים, — פאַר זיי איז די גאַנצע גערעדעריי וועגן דער „פעטיציע" און דער עצם־איינפאַל פון באַיקאָטירן יעטוועדע טעטיקייט אין לאַנד, באשר בכן עפּעס אַ „פעטיציע" („פראָשעניע", בלע"ז) וועט זיי אפשר העלפן, האָט אויסגעקוקט נאַריש.

„דאָס וואָרט" פון 28סטן יאַנ' ברענגט דעריבער אויף זיין ערשטער זייט אַ קאָפּ אין דער גאַנצער ברייט — „די עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ קעגן דער פעטיציע־אַקציע פון רעוויזיאָניסטן", מיט דער פולער דערקלערונג פון דער אַגענץ אין דעם ענין. דעם 30סטן יאַנ' דרוקט די צייטונג דעם אַרטיקל פון מ. ניישטאַט — „דער עיקר — שב ואל תעשה, דאָס מאָל הייסט עס פעטיציע". אויף מאָרגן — דעם אַרטיקל פון נ. בנארי (הסתדרות־שליח צום „החלוץ") — „די 'דרויסן־פּאָליטיק' פון 'מלכות ישראל'". די זעלבע צייטונג אינפאָרמירט אויך וועגן אַ ווערביר־אַקציע פון פועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ"ס) פאַר נייע 10 טויזנט מיטגלידער, וועגן אַ ספּעציעלער ביילאַגע, וואָס וועט דערשיינען אין שייכות מיט דעם, וועגן ראַיאָן־צוזאַמענטרעפן, רעגיסטראַציע אאַז"וו.

פון אינערלעך־פּוילישע ענינים האָט „דאָס וואָרט" זיך דאַן אַמשטאַרקסטן פאַרנומען מיטן פראָיעקט וועגן ענדערן און פאַשיזירן די פּוילישע קאָנסטיטוציע, וואָס די הערשנדיקע סאַנאַציע האָט דאַן דורכגעפירט (ריכטיקער געזאָגט, דורכגעשמוגלט) אין סיים און מיט דעם נישט־אַגרעסיע־פּאַקט, וואָס פילסודסקי האָט דאַן געשלאָסן מיטן היטלעריסטישן דייטשלאַנד. דאָס האָט, אגב, אָנגעהויבן מיט זיך דעם טרויעריקן קאַפּיטל „נישט־אַגרעסיע"־פּאַקטן, וואָס מיט זיי האָט היטלער שפּעטער מאַניפּולירט אויף אַ טייוולאָנישן אופן און האָט צעשטערט די איינהייט פון די אַנטי־היטלעריסטישע מלוכות, און אָנגעצונדן (מיט 5 יאָר שפּעטער) דעם 2טן וועלט־קריג. „דאָס וואָרט" האָט אין אַ לייט־אַרטיקל געשריבן, אַז היטלער מוז „פאַר יעדן פּרייז האָבן אַ רו־פּויזע... כדי צו קענען ווידמען די גאַנצע ענערגיע די באַוואָפענונגען. ווען ער דאָס האָבן דערגרייכט..., דאַן וועט ער ברעכן דעם נישט־אַגרעסיע־פּאַקט, פּונקט ווי ווילהעלם האָט געבראָכן די נייטראַליטעט פון בעלגיע".

אין לעצטן יאַנואַר־נומער איז אויך דאָ אַ גרעסער אַרטיקל פונעם שרייבער פון אָט די שורות, וועגן אַלעקסאַנדער גראַנאַכס אַרויסטריט אין וואַרשע, אין דער דאַן פּאָפּולערער פּיעסע פון פר. וואָלף — „די געלע לאַטע".

דער קאַמף קעגן דער רעוויזיאָניסטישער „פעטיציע" איז פאָרגעזעצט געוואָרן אויך אין פעברואַר. דאַן זיינען דערשינען אַ ריי אַרטיקלען קעגן איר פון משה קליינמאַן, רעדאַקטאָר פון „העולם", ווי „אימפּראָוויזאַציע און הפקרות" א"אַנד. וועגן די רעוויזיאָניסטישע קאַמפּס־מעטאָדן איז געשריבן געוואָרן אין אַ בריוו פון ניו יאָרק, און עס איז אויך דערציילט געוואָרן (אין

אַ צווייטן נומער) וועגן זייערע אויסגעלאָסענע מעשים אין היטלעריסטישן דייטשלאַנד, וואו צוליב די באַקאַנטע, אָרטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען איז דער אַרבעטער־ציוניסטישער לאַגער געווען קרעמפּירט אין זיין אויפקלע־רערישער און אַלגעמיינער קעגן־טעטיקייט. וועגן „מסירות פון רעוויזיאָ־ניסטן אין דייטשלאַנד" ווערט דערציילט דעם 6טן פעב׳ דורך ש. קראַקאָווסקי.

די אָרגאַניזיר־אַקציע פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך באַזונדערס אַנט־וויקלט אין פעברואַר, האָט דאַן געפונען אַ געהעריקן אָפּקלאַנג אין „וואָרט". דעם 8טן האָט מ. ניישטאַט געשריבן אַ ספּעציעלן אַרטיקל „די פּאַרטיי רופט!". אויף מאָרגן איז דערציילט געוואָרן וועגן ספּעציעלע ראַיאָן־באַראַ־טונגען אין ביאַליסטאָק און לוצק, אַ רוף צו באַטייליקן זיך אין בריסקער ראַיאָן־באַראַטונג.

„אין לאַנד פעלן אַרבעטער, אָבער די רעגירונג באַקעמפט נאָך אַלץ די עליה" — האָט געשריבן אין אַ בריוו פון ארץ־ישראל י. פּונט, און פריץ נפתלי, דער באַקאַנטער עקאָנאָמיסט, האָט פריער באַהאַנדלט די פראַגע — „צי איז מעגלעך אַ קאָניונקטור אין ארץ־ישראל?". בערל קאַצענעלסאָן האָט אומגעפער אין דער זעלבער צייט געשריבן אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג — „אונד־זער קולטור־אַרבעט".

אומגעפער אין דער זעלבער צייט האָט „דאָס וואָרט" געקראָגן די מיט־אַרבעטערשאַפט פון באַקאַנטן פּעדאַגאָג ד״ר ישראל רובין (רבקאי, געשטאָרבן פאַראַיאָרן אין א״י). רובין, וואָס איז געווען באַוואוסט אַלס פּעדאַגאָג אין פּוילן, האָט נאָך פריער דעביוטירט אין „וואָרט" מיט אַן אַרטיקל וועגן נאַ־ציזם, וואָס איז דערשינען דעם 16טן יאַנ׳. מיט אַ חודש שפּעטער האָט זיך גענומען דרוקן זיין סעריע „בריוועלעך צו אַן אָרעמער מאַמען" (וועגן קינ־דער־דערציאונג).

דעם 18טן פעב׳ איז דערשינען אַ פירזייטיקע ביילאַגע פון „השומר הצעיר", וואָס איז וואַרשיינלעך געווען די ערשטע אויסגאַבע פון דעם מין און שפּראַך פון אָט דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען איינגעשטעלט דורכויס אויף העברעאיש. דער אינהאַלט: ד. ראָזענבוים — „צום 20־יאָריקן יובל" (פון „השומר הצעיר"), י. גאָטהעלף — „יוגנט־קולטור און פאַרווירק־לעכונג", ברוך ראָזענטאַל — „דער קיבוץ ארצי" און „השומר הצעיר", רבקה גורפיין — „קיבוצישער לעבן", ד. האַנדעלסמאַן — „קעגנוואָרטס־אַרבעט", נ. מירסקי (איצט תמיר, א״י) — „יובל־נאָטיצן", לידער פון ש. סאַנדלער, בן מנחם — „אין קאַמף פאַר דער נייער העברעאישער שול", נתן ביסטריצקי — „אַ פּאָר ווערטער", עממאַ — „פון קינדער־גאָרטן", סטאַטיסטישע טאַבעלן. דער לייט־אַרטיקל אין „וואָרט" איז דאַן געווען געווידמעט דעם 20־יאָריקן יובל פון „השומר הצעיר".

אַ וואָך שפּעטער איז דערשינען די ספּעציעלע תל־חי־ביילאַגע פון „וואָרט" מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: אויסצוגן פון י. ח. ברענער, נחמן סירקין און יוסף טרומפּעלדאָר, — „ווען טרומפּעלדאָר וואָלט געלעבט" פון אחי

יוסף, נ. בנארי „טרומפעלדאָרס פערזענלעכקייט", ד. בן־גוריון „דער 'השומר' אין ארץ־ישראל", וועגן די פּאָגראָמען און זעלבשוץ אין רוסלאַנד אין 1903—1905, זעלבשוץ אין אוקראַינע אין 1919—1921 (אויסצוגן פון „פנקס ההגנה העברית ועובדותיה"), אַרטיקל פון צ. ראָזענשטיין, נאָטיצן פון טאָגבוך פון ש. ליוועק אאַז"וו.

דער אַרבעטער־אויפשטאַנד, וואָס איז אויסגעבראָכן אין מיטן חודש אין ווין, האָט געפונען דעם גרעסטן אָפּקלאַנג אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג, סיי אין גענויע שילדערונגען פון די פּרטים פונעם אויפשטאַנד, אַזוי אויך אין בריוו פון ווין. פון די גרעסערע אָפּהאַנדלונגען דאַרף אויך דערמאָנט ווערן וויקטאָר טשערנאָווס „מאַשין־צעשטערער אַמאָל און היינט", וואָס האָט זיך געדרוקט אין עטלעכע המשכים. אויך א. גרוזענבערג האָט גענומען דרוקן זיינע זכרונות וועגן בייליס־פּראָצעס.

די זאָרג פאַר דער עקסיסטענץ פון דער צייטונג האָט כסדר נישט אָפּגעלאָזט די טוער, וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון איר אָנפירונג, נישט בלויז דער אַדמיניסטראַטיווער, נאָר אויך רעדאַקציאָנעלער און, מ'קאָן אפילו זאָגן, בכלל אַלע פירנדיקע טוער פון פועלי־ציון, וואָס זיינען, ווי געזאָגט, געווען אינסטרומענטאַל אין דעם עצם אַנטשטיין און אַנטוויקלונג פון דער טעגלעכער טריבונע פון „וואָרט", וואָס איז געוואָרן די טריבונע פון גאַנצן לאַגער פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל אין פּוילן. דעם 9טן מערץ איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז עס ווערט אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע טיראַזש־אַקציע פאַרן „וואָרט". דעם 21סטן איז דערשינען אַ גרעסערער באַריכט פון אַ באַראַטונג וועגן דער אַקציע אין אַ ריי „וואָרט"־קאָמיטעטן איבערן לאַנד, וואו עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו געפינען נייע קויפער און לעזער פאַר דער צייטונג. דעם 30סטן איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז די פּסח־וואָך וועט זיין ספּעציעל געווידמעט דער אַקציע. שפּעטער זיינען אָנגעגעבן געוואָרן 300 באַזוכן, דורך עטלעכע צענדלינג חברים, אַ פּראָפּאַגאַנדע־פּלאַקאַט אד"גל.

די אַקציע האָט באַשעפטיקט די צייטונג אין משך פון מערץ און אַפּריל. דעם 13טן איז שוין דערשינען אַ גענויער באַריכט פונעם גאַנג פון דער אַקציע אין פאַרשיידענע שטעט. עס איז דערציילט געוואָרן, אַז מ'האָט שוין געוואונען די ערשטע נייע טויזנט אַבאָנענטן. מערץ האָט אויך געזען דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער אַקציע פון פועלי־ציון פאַר געווינען „נייע 10,000 חברים", וואָס איז געווען „דער רוף פון דער שעה".

פון די אַלגעמיינע ענינים האָט די צייטונג ווייטער געווידמעט פיל צייט דעם קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט אין ווין קעגן דעם דאָלפוס־פאַשיזם. דעם 7טן מערץ איז דערשינען אַן אינטערוויו פון קאַרל בוים, קאָרעספּאָנדענט פון „וואָרט" אין טשעכאָסלאָוואַקיע, מיט יוליוס דויטש (פירער פון דער העלדישער סאָציאַליסטישער „זעלבשוץ"), וואָס איז אַוועק פון ווין קיין פּראַג. עס זיינען אויך געדרוקט געוואָרן אין משך פון מערץ אַרטיקלען פון אָטאָ בויער, וויקטאָר טשערנאָוו א"אַנד וועגן דער באַדייטונג פון אַרבעטער־אויפשטאַנד אין ווין, באַריכטן וועגן פאַרשיידענע עפּיזאָדן פונעם העלדישן קאַמף,

וואָס האָט דאָן צוגעשמידט צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער יוגנט און אַרבעטערשאַפט, און בכלל פון אַלע דעמאָקראַטישע שיכטן אין לאַנד.

פון אינערלעך־יידישע און ציוניסטישע ענינים איז ווייטער אָנגעגאַנגען דער קאַמף וועגן די רעוויזיאָניסטן, וואָס אויב ער איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן און האָט נישט אָפּגעלאָזן אין שאַרפקייט און אינטענסיווקייט, איז עס געשען בלויז צוליב זייער אַגרעסיווקייט און די ברוטאַלע קאַמפּס־מעטאָדן, וואָס זיינען געקומען צום אויסדרוק אין זייערע שטענדיקע אָנפאַלן אויף די פונקטן פון „החלוץ" און לאָקאַלן אויך פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטנדיקן א"י. אַזעלכע אָנפאַלן זיינען דאַן פאַררעגיסטרירט געוואָרן אין לוניניעץ, וולאָדאַווע, פּיאָסקי לובעלסקיע, גראַיעווע ,פּינסק א"אַנד. אויף וואָס עס איז רעאַגירט געוואָרן נישט בלויז אין די קאָרעספּאָנדענציעס פון די ערשטע, נאָר אויך אין אַ ספּעציעלן עדיטאָריעל דעם 14טן מערץ — „די נייע אָנפאַלן און דער אַלטער אויספיר".

דער „אויספיר" איז גענוי אַנטוויקלט געוואָרן אין ווייטערדיקע אַרטיקלען, וואָס זיינען דערשינען אין שייכות מיט דער אַגיטאַציע פון „עת לבנות" און מזרחי, אַז היות עס גייט צו אַ זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, זאָל מען פּרוואוון איבערבעטן זיך מיט די רעוויזיאָניסטן און זען צוריקקערן די פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלעך צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער ענטפער אויף די פּרוואוון איז געווען, אַז כל־זמן די זשאַבאָטינסקי־לייט וועלן זיך נישט אָפּזאָגן פון זייערע ברוטאַלע מעטאָדן און פון זייער עכט־פאַשיסטישער שנאה צו דער הסתדרות און צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט, קאָן וועגן דעם קיין רייד נישט זיין.

די זיצונגען פון אַקציאָנס־קאָמיטעט האָבן געפונען אַ גרויסע באַלייכטונג אויף די שפּאַלטן פון „וואָרט" סיי אין גענויע באַריכטן און בריוו פון ארץ־ישראל, וואו די זיצונגען זיינען פאָרגעקומען.

אַ גרעסער אָרט אין „וואָרט" האָט אין מערץ־אַפּריל פאַרנומען די 6טע קאָנפערענץ פון „החלוץ" אין שייכות מיטן שטאַרקן דעם וואַלקאַמף צווישן די 5 גרופּעס, וואָס האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט צו די וואַלן. „החלוץ" איז דאַן אויסגעוואַקסן צו אַ באַוועגונג מיט העכער 30 טויזנט חברים, אָרגאַניזירט אין 600 סניפים, און איבער 8,000 חברים אין פאַרשיידענע הכשרה־פונקטן. די זייט (אַמאָל אויך צוויי און מער) „אין דער 'החלוץ'־באַוועגונג", וואָס פלעגט דערשיינען רעגולער יעדע וואָך, איז אין די דערמאָנטע צוויי חדשים געווען פול מיט קאָנפערענץ־מאַטעריאַלן, געשריבן פון י. גאָטהעלף, משה באַסאָק, י. אייזענבערג, א. פיאַלקאָוו, מ. מעזשיבאָווסקי, י. שאַפּיראָ, א. שיינבוים, כ. ראַבינאָוויטש, נ. בנארי, ד. באַראַש, י. תרשיש (די לעצטע 3 — שליחים און חברים פון ארץ־ישראל) א"אַנד. פאַר און אין טאָג פון די וואַלן זיינען דערשינען אויך עדיטאָריעלס און אַרטיקלען פון רעדאַקציע־סטעף, למשל, ה. בערגער א"אַנד וועגן דער וויכטיקייט פון דער „ועידה", נישט בלויז פאַר דער באַוועגונג פון „החלוץ" גופא, נאָר אויך פאַרן גאַנצן ציוניזם און פאַרן יידישן לעבן אין פוילן בכלל, היות „החלוץ" נעמט אַרום

אַן אַרמיי פון העכער 30,000 יוגנטלעכע, מיט וואָס עס קען זיך נישט איבער־נעמען קיין איין יידישע אָרגאַניזאַציע אין פוילן. פון דער אַנדער זייט, איז ער דער גרעסטער רעזערוואואַר פון ענטוזיאַסטישער יוגנט, אויף וועלכער עס קוקט אַרויס די הסתדרות און דאָס גאַנצע אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל.

די וואַלן דעם 2טן אַפּריל האָבן געבראַכט דעם זיג צום גוש חלוצי־כללי, וואָס האָט אַרומגענומען די אַנפירנדיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער חלוצי־שער באַוועגונג, ווי דעם „החלוץ" און „החלוץ הצעיר", די חברים פון פּועלי־ציון און „פרייהייט" און סימפּאַטיקער. דער „גוש" האָט באַקומען קרוב צו 20,000 טויזנט שטימען פון די איבער 30,000 וואָס האָבן געשטימט. די רשימה קיבוצית (פון השומר הצעיר) — 7,000 שטימען, חבר הקבוצות („גורדוניה") — 2,445, ריכוז וויתקין — 882 און דת ועבודה — 111. דער זעלבער נומער פון 13 אַפּר' ברענגט אויך די נייס וועגן אַ וועלט־קאָנפערענץ פון „החלוץ", וואָס וועט זיך צונויפקומען אין וואַרשע דעם 15טן מאַי מיט דעלעגאַטן פון 21 לענדער, דערונטער אויך פון מצרים, סיריע, קובאַ און דרום־אַפריקע.

גרויס אויפמערקזאַמקייט איז געווידמעט געוואָרן פון אָנהייב אַפּריל צום קאַמף „פאַר יידישער אַרבעט און עליה", וואָס איז דאַן פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער הסתדרות, אין שייכות מיט דער סכנה, אַז יידישע אַר־בעטער וועלן עלימינירט ווערן אין דער וואַקסנדיקער לאַנדווירטשאַפט אין לאַנד, בפרט אין די פּריוואַטע אָראַנזשן־פּרדסים, צוליב דעם שטייגנדיקן נאָכפרעג אויף אַרבעטער און דוחק אין פרייע יידישע אַרבעטס־כוחות. „ס'גייט וועגן גורל פון ציוניזם" האָט געשריבן אין דער ספּעציעלער ביילאַגע וועגן אָט דעם ברענענדיקן ענין ז. פּרומקין פון ארץ־ישראל; די מאָביליזאַציע־באַוועגונג אין א"י פאַר יידישער אַרבעט, געשפּאַנטע טעג א"אַנד זיינען גע־ווען די וויטערדיקע אַרטיקלען אין דער זעלבער ביילאַגע. ס'איז אויך גע־בראַכט געוואָרן אויסצוגן פון אַ שמועס פון ב. קאַצענעלסאָן מיט דער העברע־אישער שול־יוגנט וועגן חלוציזם און אַ גרעסערע נאָטיץ וועגן 10־יאָריקן יובל פון באַרימטן קיבוץ אין קלאָסאָווע, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין שטיינהאַקערייען, האָט געפירט אַ פּראָלעטאַריש לעבן, געפּיירערט צוזאַמען מיט די אַרומיקע, ניט־יידישע אַרבעטער, דעם 1טן מאַי, און זיך באַ־טייליקט אויך אין אַנדערע אַרבעטער־אַקטיוויטעטן. קלאָסאָווע — אַ קליינער פּונקט אויף דער גרענעץ פון פּאָלעסיע און וואָלין, האָט זוכה געווען צו האָבן ביי זיך אַ חלוצישן קיבוץ אפילו אין די יאָרן פון ציוניסטישן און חלוצישן שטילשטאַנד. נאָך מער: דער „קיבוץ חוצבי אבנים ע"ש יוסף טרומפּלדור" האָט מיט זיין כסדרדיקער עקסיסטענץ אין משך פון 10 יאָר געגעבן מוט אויך אַנדערע חלוצישע גרופּעס צו שאַפן הכשרה־פּונקטן און אָנגיין מיט זייער אַרבעט, טראָץ שטילשטאַנדן, שווערע צייטן, קנאַפּע אויסזיכטן אויף עליה אד"גל.

די טעטיקייט פון אַ צווייטן גרעסערן קיבוץ, — אין לאָדזש, — דעם קיבוץ־באַראָכאָוו, האָט מ. ב. שטיין גענוי געשילדערט דעם 23טן מערץ. פון אַנדערע יידישע ענינים זיינען אין מערץ דערשינען אַ ריי אַרטיקלען

פון א. רייס (בריוו פון אַמעריקע), ב. לאָקער א״אַנד איבערן פאַרשטאַרבע־נעם באַקאַנטן אַרבעטער־טוער און איבערגעגעבענעם פריינד פון דער הסתדרות, אברהם שיפּליאַקאָוו. עס זיינען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן שיפּליאַקאָווס „צעוואָרפענע געדאַנקען״, געשריבן אין שייכות מיט דער אַר־בעט פאַר דער הסתדרות און אירע ווערק אין ארץ־ישראל.

אַ צווייטער ענין, וואָס האָט דאַן גאַנץ שטאַרק באַשעפטיקט „דאָס וואָרט״, איז געווען די אַרבעטער־קאָנפערענץ פאַר יידישע ענינים, וואָס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין אַמעריקע, פאַר שאַפן דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. די זאַך איז באַלויכטן געוואָרן סיי אין גרעסערע באַריכטן איבער דער קאָנ־פערענץ, ווי אויך אין בריוו און אַרטיקלען פון א. רייס, לואי סיגאַל א״אַנד. מ. יאַרבלום, וואָס האָט רעגלמעסיק אָנגעהאַלטן זיינע אינטערעסאַנטע קאָ־רעספּאָנדענציעס פון פּאַריז, האָט אָנפאַנג מערץ אָפּגעדרוקט זיין אינטערוויו מיט וואָלטער סכעוועגעלס, סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, וואו דער לעצטער האָט דערקלערט צוו׳ אַנדערן: „מיר זיינען שטאָלץ מיט דער אַרבעט פון דער ארץ־ישראל־אַרבעטערשאַפט״. אַן ענלעכער אינטערוויו, מיטן באַקאַנטן פּוילישן שריפטשטעלער אַנדזשיי סטרוג, איז דערשינען אָפּנאַנג אַפּריל. סטרוג האָט אין דעם אינטערוויו, פאַר זיין אָפּפאָר אויף אַ באַזוך קיין ארץ־ישראל, דערקלערט, אַז „ציוניזם איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין יידישן לעבן״.

י. פּאָדרוזשניק און עברא האָבן פאַרגעזעצט צו שיקן זייערע בריוו פון לאָנדאָן, דער ערשטער האָט אויך אָפּגעדרוקט צוויי גרעסערע אַרטיקלען איבערן פאַשיזם אויפן קאָנטינענט פון אייראָפּע און אין ענגלאַנד. פּראָפ׳ מ. לאַזאַרסאָן פון ריגע האָט בעת אַ באַזוך אין וואַרשע געגעבן אַן אינטער־וויו, אַז „לעטלאַנד איז נישט באַדראָט דורכן פאַשיזם״. אויך ש. לעווענבערג האָט אָפּגעדרוקט אַ בריוו וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין לעטלאַנד.

פּנים־חדשות אין דער צייטונג זיינען געווען: מלכה לאָקער מיט די לידער „ווידערגעבורט״, דערשינען דעם 16טן מערץ, און שמואל איזבאַן מיט דער דערציילונג „אַן אַמעריקאַנער״. ישראל שטערן, וואָס איז דאַן געלעגן קראַנק אין אַ שפּיטאָל, האָט דעם 30סטן מערץ אָפּגעדרוקט „אין גרויסע הייזער לעבן מענטשן״ פון זיין סעריע „שפּיטעלער״־לידער.

סוף אַפּריל, אין שייכות מיטן דערנעענטערן זיך פון 1טן מאַי, האָט „דאָס וואָרט״ אָנגעהויבן דרוקן פיל אינפאָרמאַציעס וועגן דער פאַרשטייענ־דיקער פייערונג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב. אַזוי איז דעם 29סטן דערשינען אַ נאָטיץ, אַז „געמיינזאַמע מאַי־דעמאָנסטראַציעס״ וועלן פאָרקומען אין זאַגלעמביע (דער רייכער קוילן־געגנט אַרום בענדין), מלאַווע, סולעיעווע, אַלעקסאַנדער (לעבן לאָדזש) און גראָדזיסק (לעבן וואַרשע). שפּע־טער זיינען צוגעקומען ענלעכע ידיעות וועגן שעדלעץ, קראָקע און קלענערע פּונקטן. די געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציעס, וועגן וועלכע עס איז גערעדט געוואָרן, זיינען געווען דעמאָנסטראַציעס פון די פּוילישע און יידישע אַר־

בעטער, אָנגעפירט פון פּע־פּע־עס און די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען — פּועלי־ציון און „בונד”. היות דער לעצטער איז נישט מסכים געווען, אַז פּועלי־ציון זאָלן דעמאָנסטרירן אונטער זייערע אייגענע לאָזונגען פון פרייער עליה קיין ארץ־ישראל, שטיצן די הסתדרות, דעם „החלוץ”, דאָס אַרבעטנ־דיקע ארץ־ישראל אד״גל, איז אין די יעניקע שטעט, וואו די פּוילישע סאָ־ציאַליסטן פלעגן מסכים זיין מיטן „בונד”, צו קיין געמיינזאַמע מאַי־פייערונגען נישט געקומען.

דער דאָזיקער ענין איז, פאַרשטייט זיך, ברייט אַרומגערעדט געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון „וואָרט”. עס האָבן וועגן אים ספּעציעל געשריבן ה. ל. קרוי, נ. קאָן, ה. בערגער, מ. ניישטאַט א״אַנד סיי סוף אַפּריל, אַזוי אויך אָנהייב מאַי. אין די אַרטיקלען איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער געדאַנק, אַז די קעגנערשאַפט פון „בונד” שטראָמט אַרויס אויך פון אָרגאַ־ניזאַציאָנעלער קנאה, ווייל פּועלי־ציון, און בכלל די גאַנצע באַוועגונג פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, איז שטאַרק געוואַקסן. די צייטונג האָט אָנגעוויזן, אַז פּועלי־ציון און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטנדיקן א״י האָבן דאַן געהאַט דעם „גרעסטן מאַי־צוג פון יידישע אַרבעטער”.

דער סאַמער וויכטיקער ענין, וואָס האָט באַשעפטיקט „דאָס וואָרט” במשך פון מאַי, איז געווען די אַלט־נייע פראַגע וועגן ברייטערע עליה־מעג־לעכקייטן קיין ארץ־ישראל. די פראַגע איז אַרויסגעשוואומען, אין שייכות מיטן אויסטיילן דורך דער ענגלישער רעגירונג אַ האַלב יאָר סערטיפיקאַטן־„שעדיול”, אין דער צאָל פון 6,000 סערטיפיקאַטן. אין ארץ־ישראל איז דאַן געווען אַן אויסערגעוויינלעך גוטע עקאָנאָמישע קאָניונקטור. די וואַקסנדיקע לאַנדווירטשאַפט, די אינדוסטריע, וואָס האָט זיך כסדר אויסגעברייטערט, אין שייכות מיטן צופלוס פון קאַפּיטאַל־קרעפטיקע עלעמענטן און גוטע פאַכ־לייט פון דייטשלאַנד, און מיטן שטראָם פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל; דער וואוקס פון אינערלעכן מאַרק, — דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו אַ מאַנגל אין אַרבעטער. די פאַרזיכטיקסטע פאַרשונגען האָבן באַוויזן, אַז דאָס לאַנד קען אַבסאָרבירן נישט ווייניקער פון 20,000 אַרבעטער. דער באַגרענעצטער „שעדיול” האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט באַזונדערס אין פּוילן, וואו דער אַנטיסעמיטיזם האָט געהאַלטן אין איין שטייגן, דערוואַרעמט און סטי־מולירט דורך דעם היטלער־ביישפּיל אין שכנותדיקן דייטשלאַנד. פון דער אַנדער זייט, איז דאָרטן געווען אַן אַרמיי פון העכער 30,000 אָרגאַניזירטע חלוצים, נישט רעכענענדיק פּועלי־ציון און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן ממש אויסגעקוקט אויף וואָס שנעלערע איינוואַנדערונג־מעגלעכקייטן קיין ארץ־ישראל.

אַן עדיטאָריעל אין „וואָרט” דעם 4טן מאַי האָט, אַלזאָ, גערופן „צום קאַמף פאַר מאַסן־עליה”. באַריכטן זיינען דערשינען וועגן פּראָטעסט־רעזאָ־לוציעס, אָנגענומען פון פּאַרטייראַט פון פּועלי־ציון, וואָס איז זיך דאַן צו־נויפגעקומען, פון דער יידישער אַגענטור אין לאָנדאָן, דורכן ארץ־ישראל־אַמט אין וואַרשע א״אַנד. אַ זייט אין דער „החלוץ”־ביילאַגע פון 11טן מאַי

איז געווען פול מיט אַרטיקלען פון מ. ניישטאַט, צבי ראָזנשטיין, ברוך ראָזענטאַל און איבערגעדרוקטן מאַטעריאַל פון „דבר" קעגן דער עליה-באַ-גרענעצונג, דורך דער נישטיקער צאָל סערטיפיקאַטן.

שפּעטער, ווען דער ישוב אין ארץ-ישראל האָט פּראָקלאַמירט אַ גענע-ראַל-שטרייק קעגן דער באַגרענעצונג און גערופן די גאַנצע יידישע וועלט צום קאַמף פאַר אַ מאַסן-עליה און פאַר יידישער אַרבעט, — האָט די צייטונג אָפּגעגעבן פיל פּלאַץ סיי דער שילדערונג פונעם שטרייק אין אַלע זיינע פאַזעס, סיי דעם באַלייכטן אָט די דאָזיקע וויכטיקע געשעענישן אין אַרטיקלען און אין בריוו פון ארץ-ישראל. היות דער קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ-ישראל, אָנגעפירט דורך פועלי-ציון און „החלוץ", האָט דאַן פּראָקלאַמירט 18 פּראָטעסט-פאַרזאַמלונגען אין וואַרשע, און ענלעכע פאַרזאַמלונגען אויף דער פּראָווינץ, האָט „דאָס וואָרט" געווידמעט פיל אויפמערקזאַמקייט דער דאָזיקער פּראָטעסט-אַקציע, רופנדיק צו אַ מאַסנהאַפטן אָנטייל אין איר, און געבנדיק געניוע באַריכטן פון די פיל פונקטן, וואו דער רוף צום פּראָטעסט איז אויפגענומען און פאַרווירקלעכט געוואָרן. ס'דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז אין דער אויפקלערונג-אַרבעט וועגן פּראָטעסט איז אויך נישט אויסגעמיטן געוואָרן דער באַדויערנסווערטער אומשטאַנד, וואָס די קאָלאָניסטן אין ארץ-ישראל פון דער סמיליאַנסקי-גרופּירונג האָבן גערן באַיקאָטירט יידישע אַרבעטער און פאַרביטן זיי מיט דער ביליקערער אַראַבישער אַרבעט, פאַרקלענערנדיק אַזוי אַרום דעם נאָכפרעג אויף יידישע אַרבעטער און אַריינשפּילנדיק דורך דעם אין די הענט פון דער מאַנדאַטן-מאַכט, און איר תשוקה צו פאַרקלענערן די יידישע עליה.

די קאָנפערענץ פון „העובד", וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין וואַרשע מיטן אָנטייל פון קאַרגע 100 דעלעגאַטן פון עטלעכע און אַכציק שטעט, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט 6,000 האַנטווערקער און פאַכלייט, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו עליה, איז ברייט באַלויכטן געוואָרן, ספּעציעל אין די ביילאַגעס פון „החלוץ".

אויך אין מאַי איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף קעגן די רעוויזיאָניסטן, בפרט אַז זייערע לייט האָבן ווידער געמאַכט ברוטאַלע אָנפאַלן אויפן ארץ-ישראל-אַמט אין וואַרשע, אין דער פּראָווינץ און אויפן ח' ניישטאַט, בעת זיינען אַ פאַרלעזונג אין לודמיר. נ. בנארי פון ארץ-ישראל האָט אין אַ סעריע אַרטיקלען געניוי אַרומגערעדט די פאַרשיידענע אַספּעקטן פון אָט דער אומאויפהערלעכער פויסט- און שטעקן-אַרבעט פון די רעוויזיאָניסטישע בריונים.

מכוח אינערלעך-יידישע ענינים איז געשריבן געוואָרן אויך וועגן בירא-בידזשאַן און די פּלענער צו קאָלאָניזירן אַנגאָלע. י. פּאָדרוזשניק פון לאָנדאָן, וואָס האָט געהאַט דאָרטן אַ מעגלעכקייט נאָכצופאָלגן דעם געבורט און אַנטוויקלונג פון אַנגאָלע-פּלאַן, האָט דעם 9טן מאַי אים באַלויכטן אין זיין בריוו „לשנה הבאה באַנגאָלאַ". בירא-בידזשאַן האָט אויפגעטויכט אין שייכות מיט דער צוגעאיילטער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט

דאָרטן, וואָס עס איז פון ענגלישע קוועלן צוגעפּאַרבט געוואָרן מיט ידיעות וועגן אַ יידישער רעגירונג, פּאָסט־מאַרקעס, אַדמיניסטראַציע, און אפילו אַן אייגענער „יידישער אַרמיי", בראש מיטן יידישן גענעראַל „ראַפּאָפּאָרט", וואָס איז שוין געשאַפן געוואָרן אָדער האַלט אין געשאַפן ווערן. צוגעפּעפּערט מיט אַט די לעצטע צוגאָבן, האָט די נייס וועגן בירא־בידזשאַן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אין דער דערשלאָגענער יידישער גאַס אין פּוילן, וואָס האָט כסדר געקרעכצט אונטער די קלעפּ פון אַלץ שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם. אמת, די „צוגאָבן" זיינען שפּעטער אָפּגעלייקנט געוואָרן. די זאַך גופא האָט אָבער איר ווירקונג נישט פאַרלוירן.

אַ גרעסערע נאָטיץ, דערשינען, אגב, בלויז אין „וואָרט" און איבער־געדרוקט פון אַמעריקאַנער „פאָרווערטס", וועגן אַ בריוו אין „דהי ניו־יאָרק טאַימז" פון נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם באַקאַנטן ענגלישן זשורנאַליסט אויגור (פאָליאַקאָוו), אַז די ענגלישע רעגירונג וועט אין פאַל פון קריג שאַפן אין א"י אַ ייד' אַרמיי פון 50,000 יידן, האָט געדאַרפט ווירקן ווי קעגנגיפט צו דער רושם־מאַכנדיקער ידיעה וועגן דער „אַרמיי" אין בירא־בידזשאַן. מער און גרינטלעכער איז דער גאַנצער ענין באַהאַנדלט געוואָרן אין קלענערע און גרעסערע אַרטיקלען פון נ. קאָן, ה. ב. [בערגער] און אין פיל נאָטיצן.

ווי אַ נייער מיטאַרבעטער זיינען צוגעקומען ארצי, וואָס האָט מיט זיינע רעפּאָרטאַזשן מיטגעהאָלפן דעם אומדערמידלעכן חבר מרדכי [האַלטער], וואָס האָט זייער אָפט געדרוקט אין „וואָרט" אָט דעם מין זאַכן, ווי אויך הומאָריסטישע קליינע פעליעטאָנען.

סוף מאַי האָט „דאָס וואָרט" גענומען שענקען גרויס אויפמערקזאַמקייט דער קאָמפּאַניע צו די שטאָטראַט־וואַלן, וואָס האָבן געדאַרפט זומערצייט פאָרקומען אין פיל שטעט און שטעטלעך איבערן לאַנד. אין שייכות מיט דעם זיינען דערשינען אַרטיקלען, ווי אויך פיל בריוו פון די באַטרעפנדיקע פלעצער וועגן די צוגרייטונגען צום וואַלקאַמף, פּרואוון צו שאַפן סאָציאַליסטישע בלאָקן, אויסזיכטן אאַז"וו.

די מאַטעריעלע לאַגע פון דער צייטונג איז אויך ווייטער געווען גאָר נישט קיין צופרידנשטעלנדיקע. אפילו אין סאַמע ברען פון די כלערליי אַקציעס איבער די פיל ציוניסטיש־פּאָליטישע און אינערלעך־פּוילישע פּראָ־גּעס, ווען מען איז געווען בראשו ורובו פאַרטון אין דער קאָכעדיקער אַרבעט און מען האָט געדאַרפט סטימולירן די כלערליי קאָמפּאַניעס, רופן צו אַקטי־וויטעט, צו זאַמלען די כוחות, נישט אָפּצושרעקן זיך פון שטערונגען, שווערי־קייטן, שונאים אד"גל, — האָט די אָנפירונג פון „וואָרט" נישט פאַרגעסן און נישט געקענט פאַרגעסן, אַז די נישט פולקאָמענקייט פון דער טעכנישער איינאָרדענונג פון דער צייטונג, דאָס אויספעלן פון אַ וואַרשעווער אויסגאַבע, וואָס זאָל דערשיינען יעדן פרימאָרגן, גלייך מיט אַלע אַנדערע צייטונגען, מיט אַלע פרישע ידיעות וואָס זיי פאַרמאָגן, שטערט אומגעהייער די אַנט־וויקלונג און פאַרשפּרייטונג פון „וואָרט" און פאַראורטיילט אים צו אַ באַ־

גרענעצטער צירקולאַציע, און אַז בלויז אויף דער פּראָווינץ קען זיך די צייטונג אויסגלייכן מיט דער איבעריקער פּרעסע אין אַלע הינזיכטן.

אָנפאַנג פּרילינג איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע ח׳ א. רייס, וואָס האָט דאָרטן געפירט אַן אַקציע פאַרן „וואָרט״. מיט דער הילף פון דעם ספּעציעלן קאָמיטעט פון דער שריפטזעצער־יוניאָן, בראש מיט מאיר קאַסטאָף, איז אים געלונגען צו דערגרייכן אַ גוטן רעזולטאַט אין דער אַרבעט. עס איז געקויפט געוואָרן פאַרן „וואָרט״ אַ גענוצטער לינאָטיפּ, וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין וואַרשע. די צייטונג האָט, אַלזאָ, געקענט געזעצט ווערן אויף אַן אייגענער מאַשין. דאָס האָט געוויסערמאָסן פאַרלייכטערט די שווערע מאַטעריעלע לאַגע פון „וואָרט״, אָבער ווייט נישט אַזוי פיל, אַז די צייטונג זאָל קענען אַרויסקריכן פון יענער שווערער לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן אויספעלן פון אַ ספּעציעלער וואַרשעווער אויסגאַבע, ווי עס האָט געהאַט די גאַנצע יידישע טאָג־פּרעסע.

דעם 11טן מאַי איז אין אַן עדיטאָריעל גערופן געוואָרן: „שאַפט דעם פּאַי־קאַפּיטאַל פון „וואָרט״. פון אים דערגייען מיר, אַז עס איז אין ארץ־ישראל געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן די פאָרשטייערס פון פּועלי־ציון, דער התאחדות־פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין מזרח־גאַליציע, דעם „החלוץ״ און ועד הפּועל פון דער הסתדרות וועגן „אויסבויען די צייטונג אַלס צענטראַל־אָרגאַן פון אַלע טיילן פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל״. די פּאַרטיי אין מזרח־גאַליציע וועט אין מאַי דורכפירן אַן אַקציע צו ווערבירן 2,500 אַבאָנענטן און זאַמלען 10,000 זלאָטעס. אין פּוילן ווידער דאַרף געשאַפן ווערן אַ „פּאַי־קאַפּיטאַל״, דורך דעם וואָס אין די חדשים מאַי־יוני „דאַרפן אַלע אָרגאַני־זאַציעס אויסקויפן זייערע פּאַיען. די קוואָטע, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף יעדער שטאָט, מוז און וועט זיכער דערגרייכט ווערן״.

די לעצטע צוויי וואָכן אין מאַי איז „דאָס וואָרט״ ווייטער געווען פול מיט מאַטעריאַלן וועגן דעם קאַמף פאַר אַ פרייער עליה און פאַר יידישער אַרבעט אין ארץ־ישראל. צוגלייך איז אָנגעגאַנגען און שטאַרק זיך אויסגע־ברייטערט דער מאַטעריאַל, אַרטיקלען, בריוו, אויפרופן, נאָטיצן, באַריכטן אד״גל וועגן דער וואַל־קאַמפּאַניע צו די שטאָטראָטן פון לאַנד.

„דאָס נייע וואָרט"

נאָך איידער „דאָס וואָרט" האָט זיך געשלאָסן, זײַנען שוין אָנגענומען געוואָרן שריט צו באַנייען די צייטונג און שאַפן די נייטיקע פינאַנציעלע מיטלען, כדי די נייע צייטונג זאָל קענען דערשיינען אין דער געהעריקער פאָרעם פון אַ וואַרשעווער טאָגצייטונג. דאָס הייסט, קודם־כל מיט אַ ספּעציעלער, צווייטער אויסגאַבע פאַר וואַרשע און דער אומגעגנט. צו דעם צוועק איז נאָך אין אַפּריל 1934, בעת דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין ירושלים, אָפּגעהאַלטן געוואָרן דאָרטן אַ באַראַטונג, וואָס האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ שותפותדיקע געזעלשאַפט פאַר דער נייער און פאַרגרעסערטער אויסגאַבע, וואָס אין איר האָט די פּועלי־ציון זיך געדאַרפט באַטייליקן מיט 49% פון נייטיקן קאַפּיטאַל, די התאחדות־פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין מזרח־גאַליציע מיט 24%, החלוץ פון פּוילן מיט 14%, החלוץ פון גאַליציע מיט 7% און די חברים פון ארץ־ישראל מיט 6%. דער פּאַרטייראַט פון פּועלי־ציון האָט אין מאַי אָקצעפּטירט דעם אָפּמאַך.

ווען „דאָס וואָרט" האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז מען אין אַ קורצער צייט אַרום צוגעטראָטן רעאַליזירן דעם אָפּמאַך. קודם־כל האָט עס געטון פּועלי־ציון, וואָס איז, ווי פריער, געווען דער רוח החיים אויך פון דער נייער אונטערנעמונג. דער זומער פון 1934 איז אויסגענוצט געוואָרן פון די אָנפירנדיקע חברים פון דער פּאַרטיי פאַר צאָלרייכע באַזוכן אויף דער פּראָווינץ, כדי צו שאַפן דאָרטן קאָמיטעטן פאַר באַנייען „דאָס וואָרט" און פאַראיינס צו זאַמלען די נייטיקע מיטלען. די אַרבעט האָט זיך כסדר אויסגעברייטערט, היות דער געדאַנק וועגן באַנייען די טאָג־טריבונע פון דער באַוועגונג האָט געפונען דעם גרעסטן און וואַרעמסטן אָפּקלאַנג אין דער ברייטסטער פּאַרטיי־פּעריפעריע. נאָך מער, מען האָט ח' שפּיזמאַן אפילו געשיקט מיט אַ מיסיע צו זאַמלען געלט און אַבאָנענטן פאַר דער צייטונג אין ארץ־ישראל, וואו די צייטונג איז געווען באַזונדערס פּאָפּולער צווישן די פיל חברים, וואָס האָבן עולה געווען אַהין פון פּוילן און האָבן אײַנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט און אויך אַן אינערלעכע, אינטימע פאַרבינדונג מיט דער פּאַרטיי אין פּוילן. די אַקציע אין א"י איז טאַקע דורכגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פון די פּוילישע חברים, דער עיקר פון די חח' הערשל פּינסקי ע"ה, אַרקע ווײַנער ע"ה, א"אַנד, און האָט געבראַכט 5,000 אַבאָנענטן פאַרן געפּלאַנטן נייעם „וואָרט".

„דאָס נייע וואָרט" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דעם 15טן מאַי 1935. די געזאַמלטע געלט־מיטלען האָבן דערמעגלעכט צו קויפן אַ נייעם לינאָטיפּ און בכלל אײַנאָרדענען אַן אייגענע זעצערײַ, וואָס האָט זיך געפונען אויף דלוגע, אונטער דעם געזרוימען נייעם לאָקאַל פון דער באַנייטער צייטונג. היות דער פונדאַסניי אײַנגעלאַדענער רעדאַקטאָר, ז. רובאַשאָוו, האָט נישט געקענט קומען פון ארץ־ישראל, האָט, לויט אַן אָנווייזונג פון ארץ־ישראל, זײַן

אָרט פאַרנומען ד״ר יעקב העלמאַן, וואָס האָט דאַן אָפּגעריכט גלות אין פוילן, אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט פון לעטלאַנד, וואו ער איז ביז דאַן געווען טעטיק אין דער באַוועגונג און אויך אויפן זשורנאַליסטישן געביט.

צוגעקומען זיינען אויך פון לעטלאַנד ש. לעווענבערג, וואָס איז שפּעטער געוואָרן סעקרעטאַר פון דער צייטונג, ווי אויך י. קיטאַי (אַלטער יידישער זשורנאַליסט, געשטאָרבן, אַלס פּליט אין רוסלאַנד, בעתן 2טן וועלט־קריג). פון דער רעדאַקציע זיינען אָבער אָפּגעקומען ה. בערגער און מ. נייַשטאַט, וואָס זיינען נאָכן שליסן זיך פון „וואָרט״ אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. דעם דאָזיקן בלויז האָט מען געזען צו פאַרפילן דורך איינלאַדן נייע מיטאַרבעטער, ווי ד״ר יחיאל האַלפּערן, מ. קאָכאַנסקי, מ. באבאד און פּ. אָפּאַטאָשינסקי פון לאָדזש, ח. זאַלעשינסקי פון דעם ייגערן דור א״אַנד. אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער צייטונג איז אַריין אויך מ. ב. שטיין, וואָס האָט איבערגענומען די אָנפירונג מיט דער זייט פאַר ליטעראַטור, און דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער מחבר פון „מיין שטעטל״ יחיאל לערער, וואָס האָט איבערגענומען די אַרבעט פון קאָרעקטאָר (לערער און אָפּאַטשינסקי, ווי אויך פיל אַנדערע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, זיינען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ). ח. גפני איז געשיקט געוואָרן פון א״י אַלס אַדמיניסטראַטאָר וואָס ער איז געווען, אגב, בלויז איין יאָר. נאָך אים זיינען די אַדמיניסטראַטאָרן געווען קאַרדאַש און קאָזלאָווסקי.

די ניי־צוגעקומענע מיטאַרבעטער מחוץ פוילן, האָבן, ווי מ׳קאָן פאַרשטיין, זיך ווייניק וואָס אָפּגעגעבן מיט אינערלעך־פּוילישע, סיי אַלגעמיינע, סיי יידישע אָנגעלעגנהייטן. זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט, דער עיקר, אויף ריין־ציוניסטישן־ און ארץ־ישראל־געביט ,דערלויבנדיק זיך, אַזוי צו זאָגן, אויך פּאָלעמיק מיט קעגנערישע ריכטונגען אין פוילן צום ציוניזם, פּועלי־ציוניזם און צום אַרבעטנדיקן ארץ־שראל. י. קיטאַי איז געווען פאַרנומען מיט איבערזעצונגען און מיט העלפן רעדאַקטירן די ליטעראַרישע זייט, דרוקנדיק דאָרטן קריטיק, רעצענזיעס אד״גל.

די עיקר־אַרבעט איז געפאַלן אויף היימישע, אַזוי צו זאָגן, פּוילישע חברים, וואָס חוץ די לויפנדיקע ענינים פון ציוניסטישן און ארץ־ישראל־לעבן, האָבן זיי געדאַרפט באַזאָרגן די פראַגעס פון דעם קאָכיקן פּאָליטישן, אַלגעמיינעם און יידישן לעבן אין לאַנד. דאָס זיינען, חוץ דעם שרייבער פון די שורות, געווען: ד״ר י. האַלפּערן, ה. קרוי, פּ. אָפּאַטשינסקי, ח. זאַלעשינסקי א״אַנד. היות די צייטונג האָט שוין געהאַט אויך אַ וואַרשעווער אויסגאַבע, איז געקומען די נויטווענדיקייט פון האָבן אַ באַרכט־אָפּגעבער פון די זיצונגען אין סיים. אַ געוויסע צייט האָט די זיצונגען „געדעקט״ דער סיים־קאָרעספּאָנדענט פון סאָציאַליסטישן „ראָבאָטניק״, באָסקי [גאָטעסמאַן], וואָס האָט זיך אויסגעקליבן אַלס פּסיידאָנים דווקא אַזאַ נאָמען ווי איבן גבירול. געשריבן האָט ער אָבער פּויליש און זיינע באַריכטן האָט מען שטענדיק געדאַרפט איבערזעצן.

דער ווייטערדיקער איבערזיכט נעמט אַרום בלויז דעם פּעריאָד פון יאָר

1937, ווייל די יאָרגענג „דאָס נייע וואָרט״ 1935—1936 איז, צום באַדויערן, געווען אוממעגלעך צו קריגן ערגעץ וואו אין ניו־יאָרק.

דאָס יאָר 1937

דאָס יאָר 1937 האָט זיך אָנגעהויבן מיט די געוויינ־לעכע איבערזיכטן איבערן פאַרגאַנגענעם יאָר, געשריבן פון ה. ל. קרוי („פוילן אין יאָר 1936״) און ש. לעווענבערג („די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג אויפן שוועל פון יאָר 1937״). דער לעצטער איבערזיכט איז געווען געדרוקט אין המשכים, וואָס האָבן איינגעשלאָסן אין זיך אויך אַ טייל וועגן דער „יידישער אַרבעטער־באַוועגונג״. אין ניי־יאָר־נומער זיינען אויך געווען אַרטיקלען פון י. מאנסוועט, אַ בריוו פון מ. יאַרבלום, רייזע־איינדרוקן פון סאָוועטן־רוסלאַנד פון דוד פינסקי, חיים גרינבערגס אַרטיקל וועגן פלאַן פון פּאָליטישער „פּאַריטעט״ אין ארץ־ישראל, אַרטיקלען פון ד״ר נ. מ. געלבער, דב זילבערמאַן, דער־ציילונג פון מ. ב. שטיין — „חיים טרעגער״, רעפּאָרטאַזש פון א. צינציגאַטוס — „ווען מען פאָרט איבער פוילן...״ און אַ ליטעראַטור־זייט מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: י. ד. ברינגמאַנס אָפּהאַנדלונג פון ש. איזבאַנס ארץ־ישראל־בוך „אויף רושטאָוואַניעס״, רעצענזיע וועגן דער פוילישער איבערזעצונג פון ה. אַרלאָזאָראָווס זאַמלונג „די גלעזערנע מויער״, פעליקס פרידמאַנס אַר־טיקל וועגן דער אויסשטעלונג אין דער „יידישער געזעלשאַפט צו פאַר־שפרייטן קונסט״ א״אַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז די צייטונג האָט אויך ווייטער פאַרגעזעצט איר „פּאַלעסטינע־צענטרישע״ (ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגן) ליניע, נישט בלויז אין אַרטיקלען און בריוו־מאַטעריאַל, נאָר אויך אין די ידיעות, וואָס פלעגן דערשיינען אויף די ערשטע צוויי און אַמאָל אויך אויף דער לעצטער זייט. אַזוי איז דעם 2טן יאַנ׳ געווען אַ קאָפּ אין דער גאַנצער ברייט פון דער 1טער זייט: „30,000 יידן אַריינגעקומען קיין א״י אין יאָר 1936״, הגם די ידיעה גופא איז באַשטאַנען בלויז פון 4 שורות פון אַ „פּאַלקאָר״־טעלעגראַמע.

דוד פינסקיס רייזע־איינדרוקן פון ראַטן־רוסלאַנד האָבן זיך געדרוקט אין „וואָרט״ אין משך פון גאַנץ יאַנואַר. דאָס גלייכן — די סעריע אַרטיקלען פון חיים גרינבערג, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיטן דערמאָנטן אַרטיקל וועגן „פּאַריטעט״־פּלאַן, זיינען אַריבער צום פּלאַן וועגן קאַנטאָנען אין ארץ־ישראל, באַהאַנדלט אויספירלעך די באָדן־פּראָבלעם, די פראַגע וועגן אַראַ־בישע אַרבעטער א״אַנד.

אין משך פון יאַנואַר איז אויך דערשינען רעגולער די וועכנטלעכע זייט „אין דער פּראָפ[עסיאָנעלער] באַוועגונג״, ברענגענדיק פיל אינפאָרמאַציעס וועגן דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון פועלי־ציון (אַמאָל אויך צוזאַמען מיט אַנדערע גרופּעס פון אַרבעטנדיקן א״י), ביים אָרגאַניזירן אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן איבערן לאַנד, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער

פלאַטפאָרמע פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און האָבן געוואָלט שטיצן סיי די הסתדרות, סיי דעם אַרבעטער־פליגל אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. די זייטן זיינען אָפט מאָל געווען געווידמעט ספּעציעלע פּאַכן. אַזוי איז דעם 4טן יאַנ׳ דערציילט געוואָרן וועגן האַנדלס־אָנגעשטעלטן־פאַראיין אין בענדין, וועגן צוזאַמענפאָר פון יידישע בוכהאַלטאָרן אין וואַרשע. ס׳איז אויך דערציילט געוואָרן וועגן דעם הילף־קאָמיטעט פאַר יידישע פליישער אין לאָדזש. אַנדערע אַרטיקלען אין (און אויך אויסער) דער פּראָפ׳ ביילאַגע זיינען דערשינען פון פנחס שטיינוואַקס, א. ביאַלאָפּאָלסקי, וו. ראָמאַנאָווסקי (וואָס האָט, אגב, רעדאַקטירט די זייט) און אַנדערע „יוניאָן״־טוער פון פועלי־ציון.

צו די אויסלענדישע שרייבער איז דאַן צוגעקומען ש. לעווענבערג, וואָס איז אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן און האָט פון דאָרטן פאָרגעזעצט זיין מיט־אַרבעט אין „וואָרט״, שיקנדיק בריוו, צוזאַמען מיטן שטענדיקן פריערדיקן קאָרעספּאָנדענט א. אנקוריון. אויך לואי סיגאַל האָט ווייטער צוגעשיקט זיי־נע אַרטיקלען וועגן אַקטועלע יידישע און אַרבעטער־פּראָבלעמען אין אַמע־ריקע. מ. קאַסטרינסקי האָט פאָרגעזעצט זיינע בריוו פון אַרגענטינע, ב. הערמאַן האָט ווייטער צוגעשיקט בריוו פון פּאַריז און ח. זעער [שורער] האָט פלייסיק אינפאָרמירט דעם לעזער וועגן די אַקטועלע ענינים פון א״י־לעבן, קאָנצענטרירנדיק זיך, דער עיקר, אויף דער אַרבעט פון דער פּיל־קאָמיסיע אין ירושלים און די דערקלערונגען פון די אַרבעטער־פאָרשטייער.

די עיקר־אויפמערקזאַמקייט פון „וואָרט״ איז דאַן געווען געווידמעט דער כוואַליע פון אָנפאַלן אויף יידן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. אַזוי איז געגעבן געוואָרן אַ געטויער באַריכט וועגן די בלוטיקע געשעענישן אין טשיזשעוו, טשעכאַנאָוויעץ, ראַדאָמסק אאַז״וו. ס׳איז געשריבן און פּראָ־טעסטירט געוואָרן קעגן דעם אין אַ ריי אַרטיקלען, נאָטיצן, פּרעסע־איבער־זיכטן. האַלפּערין האָט אין אַן עדיטאָריעל דערציילט ווי אַזוי פּוילישע אַר־בעטער האָבן נישט דערלאָזן צו אַ פּאָגראָם אין די קליינע שטעטלעך וואָרקע און סטערדין. י. מאַנסוועט האָט אין אַ גרויסן אַרטיקל זיך אָפּגעשטעלט אויף די עטלעכע הונדערט פּאָגראָמען אין אַנדערע שטעטלעך אאַז״וו.

צו א. צינציננאַטוסן, וואָס האָט כסדר געדרוקט זיינע רייזע־רעפּאָרטאַזשן איבער פּוילן, איז צוגעקומען מ. מוסין מיט ענלעכן מאַטעריאַל, ווי אויך מ. טשעמנאָוו מיט רעפּאָרטאַזשן פון יידישן לעבן אין וואַרשע, מרדכי האַל־טער — מיט זיינע רעפּאָרטאַזשן און אויך דערציילונגען פון קיבוציש־חלוצישן לעבן, י. ביאַלעגורע האָט דעם 8טן יאַנ׳ געהאַט אַ גרעסערע סקיצע — „וואַרשע״, דוד קאָזשעבראָדסקי (איצט אין ישראל) — אַ הומאָרעסקע פון קיבוצישן לעבן, ח. זאַל [זאַלעשינסקי] פלעגט ווייטער געבן קליינע פּרעסע־איבערזיכטן און ר. איכניט [ראָמאַנאָווסקי] — איבערזיכטן איבער וויכטיקע געשעענישן פון יידישן און ספּעציעל ציוניסטישן לעבן.

אין יאַנואַר האָט איינס פון די צענטראַלע ערטער אין „וואָרט״ פאַר־נומען דער קאַמף קעגן טעריטאָריאַליזם, וואָס האָט „באַקומען ווינט אין די פליגלען״, סיי צוליב דער שווערער לאַגע פון די יידן און שרעקלעכן אויפ־

שטייג פון אַנטיסעמיטיזם, אַזוי אויך צוליב די פאַרשיידענע קלאַנגען און פּלענער וועגן יידישער קאָלאָניזאַציע אין בריטיש־גוויאַנע, מאַדאַגאַסקאַר, ניי־גווינעע אאַז״וו. די אַרטיקלען, דערונטער אויך פון שרייבער פון די שורות, זיינען געווען קעגן די כלערליי נייע טעריטאָריאַליסטישע איינפאַלן, הגם א. פּשעפּיורקע (אומגעקומען אין וואַרשע) האָט, אַלס דיסקוסיע־מאַטעריאַל, געדרוקט אַן אייגענע מיינונג. פּשעפּיורקע, אַליין אַ וואַרשעווער, פלעגט דרוקן אין „וואָרט״ לעבעדיקע בילדלעך, א״נ „יידן מאַכן אַ לעבן״, ווי אויך אַרטיקלען, צ״ב, אַ גרעסערן אַרטיקל — „שפּראַך־אַסימילאַציע [פּאָלאָניזאַציע] פונעם יונגן דור״ (דעם 28סטן יאַנואַר). אין ענגער שייכות מיט דער טעריטאָריאַליזם־דיסקוסיע, זיינען דערשינען אַרטיקלען פון יעקב לעשצינסקי וועגן „דער ראָל פון עמיגראַציע אין יידישן לעבן״ און אויך אויף אַנדערע טעמעס.

די צייטונג האָט דאַן געקענט פאַרצייכענען אַ זיג, וואָס פּועלי־ציון האָט געהאַט אין די רייען פון די פּוילישע סאָציאַליסטן. זייער באַקאַנטער פירער, דער רעדאַקטאָר פון „ראָבאָטניק״ מ. ניעדזשאַלקאָווסקי, האָט אין אַרטיקלען און פּאָלעמיק קעגן קעגנער דערקלערט, אַז דער „פּועלי־ציוניזם איז מיר אידעאיש נאָענט״. אַן ענלעכע דערקלערונג האָט פאַרן קראַקעווער פאַרשטייער פון „וואָרט״ געמאַכט דער פּע־פּע־עסישער פירער אין מערב־גאַליציע און רעדאַקטאָר פון „נאַפּשוד״, ד״ר שומסקי. די דאָזיקע געשעעניש האָט דאַן געפונען אַ גרעסערן אָפּקלאַנג אין דער צייטונג, היות פּע־פּע־עס האָט, מיט קליינע אויסנאַמען, פריער געהאַלטן מיטן „בונד״.

דאָס „וואָרט״ האָט סיי אין בריוו פון אַמעריקע, סיי אין קאָרעספּאָנדענציעס פון א״י און אין אייגענע אַרטיקלען געהעריק קאָמענטירט דעם פאַקט פון דעם באַזוך פון אַן אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־דעלעגאַציע אין א״י, וואָס האָט דעמאָנסטרירט איר סאָלידאַריטעט מיטן אַרבעטנדיקן א״י.

די פנים־חדשות צווישן די קאָרעספּאָנדענטן זיינען געווען י. קאָרן פון קישינעוו און א. מאַדאנעס פון פּראַג, וואָס האָבן אָנגעפאַנגען שיקן בריוו פון זייערע לענדער.

אין משך פון יאַנואַר זיינען אויך דערשינען פיל אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען פון די „מאָסקווער פּראָצעסן״, אין שייכות מיטן פּראָצעס פון „טראָצקיסטישן צענטער״, ראַדעק, פּיאַטאַקאָוו א״אַנד, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען, כידוע, לויט דער זעלבער אַראַנזשירונג און מיט די זעלבע „ווידויים״, וואָס דער 1טער פּראָצעס פון זינאָוויעוו, קאַמעניעוו און זייערע חברים.

צווישן די דערציילונגען, וואָס זיינען דערשינען אין יאַנואַר, איז, ווי געוויינלעך, געווען שטאַרק פאַרטראָטן ארץ־ישראל מיט אַ גרעסערער סעריע דערציילונגען פון אַראַבישן לעבן, געשריבן פון עזיז עפענדי. די ליטעראַטור־זייט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון באבאד, האָט געהאַט אַרטיקלען פון אים, פון ח. וויניג, מ. ב. שטיין, י. קיטאי, ברינמאַן א״אַנד. אין ביילאַגע איז, אגב, געווען געווידמעט דעם 50־יאָריקן יובל פון אַפּאַטאָשו. אין אַ צווייטער האָט א. יאַנאַסאָוויטש געגעבן אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג פון י. י.

זינגערס — „די ברידער אשכנזי", מ. ב. שטיין האָט געשריבן אַן אָפּהאַנד־לונג וועגן דעם דעמאָלט פּרעמירטן ווערק — „די יידן פון גאַדליבאָזשיץ", פון ש. ראַסקין. די ליטעראַטור־זייט איז בכלל געוואָרן רייכער און פילפּאַר־ביקער. זי האָט אויך געהאַט שטענדיקע רעצענזיעס נישט בלויז פון יידישן און פּוילישן טעאַטער, נאָר אויך פון די גאַנץ אָפּטע, קאָלעקטיווע און אינ־דיווידועלע, אויסשטעלונגען פון יידישע קינסטלער אין וואַרשע.

אין פעברואַר זיינען, אין שייכות מיטן קאָנגרעס פון פּע־פּע־עס, דער־שינען באַריכטן פון ח. זאַלעשינסקי, וואָס איז געווען קאָרעספּאָנדענט פון „וואָרט" אויפן קאָנגרעס, ווי אויך אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען וועגן קאָנגרעס פון זאַלעשינסקי, האַלפּערן א"אַנד. עס איז ווייטער געווען געדרוקט מאַ־טעריאַל, וואָס איז געווען אַ מין נאָכקלאַנג פונעם פּראָצעס פון „טראָצקיס־טישן צענטער" אין מאָסקווע, דערונטער אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג און אַרטיק־לען פון וויקטאָר טשערנאָוו, ז. סאָטין א"אַנד וועגן סטאַלינען, ווי אויך אַרטיקלען וועגן טראָצקין, באַזונדערס אין שייכות מיט זיין באַקאַנטער, כמעט „ציוניסטישער" דערקלערונג אין מעקסיקע, אַז די יידן־פראַגע דאַרף גע־לייזט ווערן טעריטאָריעל, אָבער ערשט נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אין מיטן חודש איז אין פאָדערגרונט אַרויסגערוקט מאַטעריאַל וועגן באַזוך פון דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־דעלעגאַציע אין ארץ־ישראל, — באַזונדערס נאָך איר צוריקקער פונעם באַזוך. אינטערוויוען מיט מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע, גענומען אין וואַרשע און אין פּאַריז, באַ־ריכט וועגן גראַנדיעזן קבלת־פּנים, וואָס זי האָט געהאַט אין פּאַריז, די דערקלערונגען פון לעאָן בלום און קאָלאָניעס־מיניסטער מוטע וועגן דער הסתדרות און ארץ־ישראל, — דאָס אַלץ איז גענוי איבערגעגעבן געוואָרן אין קאָרעספּאָנדענציעס פון פּאַריז פון מ. יאַרבלום, א. קרעמער און נ. הערמאַן.

פון אינערלעך־פּוילישע פּראַגעס איז ווייטער געווען געדרוקט וועגן דער אומאויפהערלעכער קייט פון יידישע צרות; ספּעציעלער אויפמערק איז געגעבן געוואָרן וועגן דעם הונגער־שטרייק פון די יידישע סטודענטן אין ווילנע.

די ליטעראַטור־זייט האָט געהאַט ספּעציעלע אויסגאַבעס צום 5טן יאָר־צייט פון א. ד. גאָרדאָן, מיט גרעסערע אָפּהאַנדלונגען פון קאַפּל שוואַרץ (געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין א"י) און ל. קאַפּלאַן, און אויסצוגן פון גאָרדאָנס שריפטן. אין שייכות מיטן 30סטן יאָרצייט פון יוסף וויתקין זיינען דערשינען אַ גרעסערער אַרטיקל פון חיים שורער און זכרונות פון יוסף שפּרינצאַק. יוסף באַראץ האָט געדרוקט אַן אַרטיקל צום 15־יאָריקן יובל פון גבע.

דער באַקאַנטער שריפטשטעלער, ש. האָראָנטשיק, וואָס האָט אין יאַנואַר געדרוקט אין המשכים זיין דערציילונג „דער לערער שטשופּאַק", האָט אין פעברואַר זי פאַרגעזעצט מיט אַ נייעם קאַפּיטל. יצחק באַשעוויס האָט געהאַט אַ דערציילונג — „אַן אַלטער סטודענט", לוי פּאַפּערניקאָוו פון א"י — „די לעצטע דעמבעס" און מ. ב. שטיין — „הינטער דער מאָסקע".

צו די קאָרעספּאָנדענטן פון אויסלאַנד איז צוגעקומען ד״ר י. קאַטיק פון בוקאַרעשט, צו די שרייבער פון קליינע פעליעטאָנען און פּאָלעמישע נאָטיצן — משה גורין און דזשאַן.

דער מאַטעריאַל איבער דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־דעלעגאַציע האָט זיך פאַרענדיקט דרוקן אין אָנהייב חודש מערץ, ווען ס׳זייען דערשינען גרעסערע באַריכטן פון קבלת־פּנים און דער פּרעסע־קאָנפערענץ מיט יוסף שלאָסבערג, אָנפירנדיקער מיטגליד פון דער דעלעגאַציע, וואָס האָט דאַן געווײלט אין וואַרשע.

אין מערץ זיינען אויך דערשינען גרעסערע אַרטיקלען פון שמעון דובנאָוו („שוץ פון דער יידישער מינדערהייט״), פון יעקב לעשצינסקי (באַזונדערס וועגן דער עקספּראָפּריאַציע פון די דייטשע יידן דורכן היטלעריזם), קאַרל פאָן אָשיעצקי (וועגן יידן־שנאה), און פון יוליוס ברוינטאַל, באַקאַנטער עסטרייכישער סאָציאַליסט, וואָס האָט צוגעשיקט אַרטיקלען פון לאָנדאָן, וואו ער האָט זיך באַזעצט. אויך וויקטאָר טשערנאָוו האָט פאַרגעזעצט זיינע גרעסערע אָפּהאַנדלונגען איבער אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן, אגב, שטאַרק אויסגענומען בייַ לייענערדיקן עולם. דאָס גלייכן אויך בערנאַרד צעקאַש, וואָס האָט געשיקט זיינע אַרטיקלען פון פּאַריז, — דער עיקר וועגן דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע.

פּאַרטיי־פּראָבלעמען פון פּועלי־ציון זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אין גרעסערע אַרטיקלען פון י. האַלפּערין און א. ביאַלאָפּאָלסקי. צום 25־יאָריקן יובל פון פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פּאַנד איז דערשינען אַ ספּעציעלע ביילאַגע מיט אַרטיקלען פון א. רייס, ל. שצופּאַקעוויטש, א. ביאַלאָפּאָלסקי און י. לעוו. ח. העניג (איצט אין ישראל) האָט נאָך פריער דער ערשטער געשריבן וועגן דעם דאָזיקן יובל, וואָס איז געפייערט געוואָרן איבערן לאַנד מיטן אָנטייל פון שלוחים פון צענטער ,וועלכע האָבן, אגב, פאַר דעם צוועק געמאַכט 170 באַזוכן. אין דער פּראָפּעסיאָנעלער ביילאַגע, וואָס איז, ווי שטענדיק, געווען יעדע וואָך, איז צוגעקומען אַ נייער נאָמען פון אינזש׳ י. שטיינמעץ, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט אַן אַרטיקל וועגן קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט. פיל פּלאַץ האָרטן פאַרנעמען באַריכטן פון די יידישע פליישער־פאַראיינען אין לאָדזש און אַנדערשוואו, פון טראַנספּאָרט־אַרבעטער אין אַ ריי שטעט, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און בוכהאַלטאָרן, אד״גל.

אין דער פיל קלענערער ספּאָרט־ביילאַגע, וואָס האָט, ווי געוויינלעך, פאַרנומען אַ האַלבע זייט, זיינען דערשינען אַרטיקלען און נאָטיצן פון די פירנדיקע טוער פון „הפועל״ — ד״ר מ. פּעקער, פּסח סערייסקי, סעקרעטאַר פון „הפועל״ (אומגעקומען אין וואַרשע) און זילבערמאַן.

אין אַפּריל זיינען געווען פאַרהעלטניסמעסיק פיל רייזע־איינדרוקן פון חברים, וואָס האָבן באַזוכט גרעסערע און קלענערע שטעט. אַזוי האָט א. צינציינאַטוס געשריבן וועגן גראָדנע און לאָדזש, י. שחר — וועגן „אונדזער שול־קולט־שולע אין ווילנע״, י. צוקערשטיין וועגן לאָמזשע, וואו די „אגודה״־טוער האָבן געפּסלט די פּועלי־ציון־ליסטע צו די קהילה־וואַלן, ווי אויך

ווענן געריכטס־פּראָצעסן מכוח אַנטי־ייִדישע געשעענישן אין שניאַדאָווע און אַנדערע קליינע שטעטלעך.

צום ציקל רעפּאָרטאַזשן דאַרף מען אויך צורעכענען די בריוו פון יוסף האָלענדער וועגן די ייִדישע ישובים אין דער פּראָווינץ־ייזישער פּראָווינץ און אין עלזאַס־לאָטרינגען. מ. י. נירענבערגער האָט געהאַט אַ ריי בריוו פון בעלגיע, וועגן דעם פאַשיסטן־פירער דעגרעל, דער רעגירונג פון וואַן זע־לאַנד א״אַנד.

יצחק קאַצענעלסאָן האָט געדרוקט דריי קאַפּיטלען פון זיין ספר „ירושלים", וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיטן ליד „אהליבמה". פאַלק האַלפּערן, באַקאַנ־טער שרייבער פון עלטערן דור, איז געווען רעפּרעזענטירט מיט אַ לענגערער זאַך, געדרוקט אין המשכים א״נ „דער ציידע פאַלק". יוסף שפּרינצאַקס בריוו צום וועד הפּועל פון דער הסתדרות איז איבערגעדרוקט געוואָרן א״נ „גלות־טעג פון נסיון". מיכאל יא., ייִדישער שרייבער פון ריגע, האָט אָנגעהויבן זיין סעריע „קוקנדיק פון פענצטער".

ש. האָראָנטשיק האָט פאַרגעזעצט זיין נאָוועלע — „דער לערער שטשו־פּאַק", און יאַנקל ביאַלעגורע האָט געהאַט אַ בילד־„קריזיס" (פון לעבן אין לאָדזש). צום סוף דאַרף מען אויך פאַרצייכענען די הומאָריסטישע בריוו פון שמערקע קאַגאַן צו זיינע חברים אין פּוילן, צוגעשיקט פון ארץ־ישראל דורך א .שולמית (פּסידאָנים פון באַקאַנטן שוישפּילער פון „אוהל"־טעאַטער, מרגלית, וואָס האָט געשטאַמט פון פּוילן). רעפּאָרטאַזשן פון וואַרשעווער לעבן זיינען געשריבן פון משה מחויב און א. וואַנדלער (מ. באָרנשטיין). אין מערץ האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין המשכים אַרטור שניצלערס ראָמאַן — „דאָס לעבן פון אַ פרוי".

אויך דאָס נייע, סיי טעכניש, סיי אינהאַלטלעך פאַרבעסערטע „וואָרט" האָט געהאַט מאַטעריעלע שוועריקייטן. הגם עס האָט אַדאַנק דער וואַרשע־ווער אויסגאַבע, אויסגעברייטערט זיין צירקולאַציע און דערוואָרבן זיך אַבאָ־נענטן, קונים און לעזער אין וואַרשע און אין די שטעט און שטעטלעך אַרום דער פּוילישער הויפּטשטאָט, זיינען פיל שוועריקייטן נישט באַזייטיקט גע־וואָרן פון זיין וועג. אָנפאַנג מערץ איז, אַלזאָ, דערשינען אַ גרויסע מודעה, אַז דעם 31סטן מערץ, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם 3טן טאָג חול־המועד פּסח, וועט זיין אַ „צענטראַלער פּרעסטעטאָג" פאַרן „וואָרט". באַלד זיינען געקומען רופן פון דער הויפּט־ליטונג פון „וואָרט", פון פּועלי־ציון, פון די איבעריקע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, וועגן העלפן פאַרשפּרייטן די צייטונג און ווידמען דעם גאַנצן „פּרעסטעטאָג" דער אַרבעט פאַר געווינען נייע טויזנטער אַבאָנענטן און קונים.

דער לייט־אַרטיקל דעם 31סטן מערץ פון י. העלמאַן איז געווען גע־ווידמעט אָט דער דרינגנדיקער אויפגאַבע צו פאַרשטאַרקן די צייטונג. אַר־טיקלען זיינען אויך געווען פון א. רייס און א. ביאַלאָפּאָלסקי (וועגן דער באַדייטונג פון דער שקל־אַקציע צום פאַרשטייענדיקן ציונ' קאָנגרעס), מ.

ווישניאַקס (פּאַריז) עפּיזאָדן פון לעאָן בלומס יוגנט־לעבן", אַרטיקלען פון קרוי, ד. זילבערמאַן, אַ סקיצע פון י. ביאַלעגורע, בריוו פון בעלגיע פון נירענבערגער, אַ קאַפּיטל פון קאַצענעלסאָנס דערמאָנטן בוך, און דער 1טער קאַפּיטל פון נייעם ראָמאַן — „זעקס טעג אויף 'קאָלומביאַ'" פון גינא קאָוס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער צייטונג.

אין אַפּריל איז, אין שייכות מיטן טויט פון יוסף אַראָנאָוויטש, באַקאַנ־טער אַרבעטער־טוער און איינער פון די גרינדער פון „הפועל הצעיר" אין ארץ־ישראל, איבערגעדרוקט געוואָרן איינער פון פאַרשטאָרבענעמס לעצטע אַרטיקלען — „דאָס יידישע פאָלק און יידיש־לאַנד", ווי אויך אַנדערע אַר־טיקלען וועגן אים.

פון אינערלעך־יידישע ענינים האָט אין אַפּריל דעם אויבן־אָן פאַרנומען די גרויסע דיסקוסיע מיטן „בונד" אַרום דער בראָשור פון פּע־פּע־עסישן פּובליציסט י. באַרסקי איבער „דער יידן־פּראָגע און סאָציאַליזם", וואו דער מחבר האָט אָנגענומען אַ שטעלונג, וואָס איז נאָענט צו דער שטעלונג פון פּועלי־ציון. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע קריטיק מצד בונדישע שרייבער. אין דעם ענטפער צו זיי האָבן זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען ד"ר י. העלמאַן, י. האַלפּערן, וו. ראַמאַנאָווסקי, כ. ראַבינאָוויטש, י. שחר א"אַנד, און באַרסקי אַליין מיט זיין ענטפער „צו מיינע קריטיקער".

דעם 4טן אַפּר' איז „דאָס וואָרט" דערשינען מיט אַ ספּעציעלער זייט, געווידמעט דעם יידישן אַקאַדעמיקער, וואו ד"ר מ. סאָבעל, ש. לאַופער (אומ־געקומען אין וואַרשעווער געטאָ), מ. קאַכאַנסקי א"אַנד האָבן אַרומגערעדט אַקטועלע ענינים פון יידישן סטודענטן־לעבן. עס זיינען אויך געווען נאָטיצן וועגן דער טעטיקייט פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַקאַדעמיקער־גרופּעס אין וואַרשע, קראָקע, לאָדזש א"אַנד.

וועגן ציוניסטישע ענינים האָבן געשריבן ב. לאָקער (אַ לענגערע אָפּ־האַנדלונג וועגן דעם באַריכט פון דער מאַנדאַטן־רעגירונג אין א"י), ח. שורער א"אַנד. ד"ר י. העלמאַן האָט צוגעשיקט בריוו פון דער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין ירושלים.

אין שייכות מיט דער 2טער קאָנפערענץ פון „העובד" זיינען דערשינען אַרטיקלען פון פּ. ראשיש (שליח פון דער הסתדרות), כ. ראַבינאָוויטש א"אַנד, ווי אויך באַריכטן פון דער קאָנפערענץ. געווען אויך אַ גרעסערער באַריכט פון פּאַרטייראַט פון פּועלי־ציון, וואָס איז דאַן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין וואַרשע.

דוד פּינסקיס ווייטערדיקע בריוו פון ארץ־ישראל — וועגן ירושלים, חיפה, די יידישע קאָלאָניעס, — זיינען געווען געדרוקט אין משך פון גאַנצן חודש, ווי אויך אַ נייער קאַפּיטל וועגן ירושלים פון יצחק קאַצענעלסאָנס פריער דערמאָנטן בוך.

פון די נייע שרייבער דאַרפן דערמאָנט ווערן: אברהם מאַרעווסקי, וואָס האָט אָנגעהויבן דרוקן אַרטיקלען וועגן קונסט, בפרט טעאַטער, נתן גרינבלאַט, נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער יידיש־העברעאישער שרייבער און קריטיקער, האָט געדרוקט זכרונות פון יאָר 1905 און א. פוקס פון לאָדזש. ל.

סטאַצקי פון ווילנע האָט געהאַט אַ בריוו וועגן דער פייערונג פון 50־יאָריקן יובל פון באַקאַנטן פעדאַגאָג ישראל גורעוויטש, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער „שול־קולט־שולע" אין ווילנע. אין אַפּריל זיינען בכלל דערשינען גרעסערע קאָרעספּאָנדענציעס פון ווילנע, לובלין, קראָקע, ראָוונע, בענדין, פלאָצק, לעמבערג און לאָדזש (די לעצטע — פון וואלפיש). קאָרעספּאָנדענציעס, ספּעציעל וועגן דער טעטיקייט פון פּועלי־ציון אויפן געביט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, זיינען דערשינען אין די זייטן געווידמעט דער פּראָפ' באַוועגונג, וואו ס'זיינען אויך געווען אַרטיקלען, ווי געוויינלעך, איבער אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג.

אין דער ליטעראַרישער זייט זיינען צוו' אַנדערן געווען געדרוקט איי־ניקע אַרטיקלען פון מ. ב. שטיין וועגן דעם „נייעם וויסענבערג", פון א. רובינצאל — וועגן חיים גראַדע, מ. קאַכאַנסקי — וועגן „אַ יאָר אַרבעט פון דער אַספּיראַנטור פון ייוואָ", חוץ די אַפּטע אַרטיקלען פון מ. באבאד, ווי אויך פרידמאַן און י. גרינבוים (איבער קונסט־אויסשטעלונגען). נייע דער־ציילונגען זיינען געווען פון ש. האָראָנטשיק, משה מילער, י. ביאַלעגורע א"אַנד. נאָטיצן און בילדלעך, ווי שטענדיק, פון חבר מרדכי, משה גורין, א. פּשעפּיורקע. שולמית פון ארץ־ישראל האָט ווידער געהאַט אַ גרעסערע הו־מאָרעסקע פון דאָרטיקן לעבן.

אַפּריל האָט זיך געשלאָסן מיט אַן ערשטן מאַי־נומער, דער שער־בלאַט געדרוקט טיילווייז מיט רויטער שריפט, לכבוד דעם אַרבעטער־יום־טוב. דער אינהאַלט פון דעם פאַרגרעסערטן 12־זייטיקן נומער איז געווען פאָלגנדיקער: אַרטיקלען צום יום־טוב פון י. האַלפּערן, ל. שצופּאַקעוויטש, וו. ראַמאַנאָווסקי, כ. ראַב[ינאָוויטש], י. שחר, א. פּשעפּיורקע, מ. האַלטער (1טער מאַי אין אַ קיבוץ־הכשרה), אַרטיקלען מעניני דיומא פון: ב. לאָקער, ח. זאַלעשינסקי, בריוו פון ח. זער פון ארץ־ישראל און מ. אויפהויזער פון אַמעריקע, ל. סיגאַלס אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג איבער אַ פערטל יאָרהונדערט פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע, דוד פינסקיס רייזע־איינדרוקן און שטימונגען פון ארץ־ישראל, ב. דוכאָווניס אַרטיקל (איצט מיכלי, אין א"י) וועגן י. ח. ברענער, שטערנבערגס רעצענזיע איבער בראָדערזאָנס „פאַרשטע־לונגען 1937", א. שולמית (ארץ־ישראל) מאָנאָלאָג פון אַ ייד אַ מעקלער א"אַנד. אַ ווייסער פלעק איז געווען אויף דער פאַרלעצטער זייט גלייך ביים אָנהייב פון דער אָפּטיילונג „וואַרשעווער כראָניק", וואו ס'איז געווען גע־דרוקט אינפאָרמאַציע וועגן דעם פאַרשטייענדיקן מאַי־צוג און מאַי־פייערונג פון פּועלי־ציון. ווי מ'קאָן זיך אָנשטויסן, האָט עס די צענזור קאָנפיסקירט אַ טייל פון דער אינפאָרמאַציע, צוליב עפּעס טעמים, וואָס זיינען געווען בלויז איר אַליין באַקאַנט.

דער חודש מאַי האָט זיך, ווי געוויינלעך, אָנגעהויבן מיט באַריכטן וועגן דער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע און איז פאַרגעזעצט געוואָרן מיט ענלעכע באַריכטן פון פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך איבערן לאַנד. אויפן פאָדערגרונט האָבן זיך באַלד אָבער אַרויסגערוקט אַנדערע און טרויעריקע

זאַכן: אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען אין טשיזשעוו, דער קאַסאַציע־פּראָצעס איבער דעם פּאָגראָם אין פּשיטיק, און נייע פּאָגראָם־אָנפאַלן אויף יידן. דער ווילטיקסטער און גרעסטער פּאָגראָם איז דאַן פּאָרגעקומען אין בריסק און די צייטונג איז כמעט דעם גאַנצן חודש געווען פול מיט אַרטיקלען, באַריכטן, פּאָלעמיק קעגן די אַנטיסעמיטישע פּוילישע שרייבער אד״גל. שפּעטער זיינען געקומען אַרטיקלען, אויפרופן אין שייכות מיטן פּראָטעסט־שטרייק קעגן די געשעענישן אין בריסק, וואָס איז פּאָרגעקומען דעם 24סטן מאַי.

מ. דוואָרזשעץ (איצט אין א״י) האָט געשריבן פון ווילנע וועגן יידישן דאָקטוירים־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט פּראָטעסטירט קעגן די אַנטיסעמיטישע נגישות אויף יידן אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס, און ל. כץ האָט אַרומגערעדט דעם זעלבן ענין אין שייכות צו יידישע אַדוואָקאַטן, אין זיין אַרטיקל וועגן „פאַרבאַנד פון די פּוילישע אַדוואָקאַטן״.

פון ציוניסטישע ענינים איז די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט געווידמעט געווען דער אָפּגעהאַלטענער, אין ירושלים, זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און די פּראַגעס פון דער קינפטיקער פּאָליטישער געשטאַלטונג פון ארץ־ישראל, וואָס האָבן אויפגעטויכט אין שייכות מיט דער אַרבעט פון דער „פּיל״־קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון לאָנדאָן קיין ארץ־ישראל. די דאָזיקע ענינים זיינען אויספירלעכער באַהאַנדלט געוואָרן אין דער סעריע אַרטיקלען פון ברוך צוקערמאַן, ווי אויך אין אַרטיקלען פון מאנסוועט [י. העלמאַן] און חיים גרינבערג.

אַ צווייטע אַקטועלע פראַגע איז געווען די שקל־קאַמפּאַניע צום 20סטן ציוניסטישן קאָנגרעס. סוף מאַי איז דעם ענין אָפּגעגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלע זייט (דעם 30סטן מאַי), מיט אַרטיקלען פון א. רייס, ב. צוקערמאַן, א. ביאַלאָפּאָלסקי, אַ בריוו פון בערל קאַצענעלסאָן. אויף אַ צווייטער זייט איז דערשינען דער רוף פון פּראָפעסיאָנעלן ראַט צו „אַלע יידישע אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און כאַלופּניקעס״ צו באַטייליקן זיך אין „שקל־טאָג״ און אויסקויפן און פאַרשפּרייטן שקלים, כדי צו שטיצן ביי די קאָנגרעס־וואַלן דעם אַרבעטער־פליגל. נעמענדיק אין אַכט, אַז די אַנדערע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען זיינען געווען אָדער אַנטיציוניסטיש, אָדער (ווי די לינקע פּועלי־ציון) האָבן זיך נישט באַטייליקט אין ציוניסטישן קאָנגרעס, איז דער דאָזיקער רוף צו אַרבעטער געווען אַ „יחיד במינו״ און האָט אַרויסגערופן פיל אָנזען אויף דער יידישער גאַס.

אין אַ ליטעראַרישער זייט האָט אַפילו דאַן באַהאַנדלט די ערשטע זאַמלונג יידישע לידער פון טאַלאַנטירטן יינגן דיכטער משה שימעל, וואָס האָט ביז דאַן געשריבן בלויז אין פּויליש. דער גרויסער קיבוץ באָראָכאָוו אין לאָדזש איז דאַן באַשריבן געוואָרן פון י. לעשצינסקי און דעם שטענדיקן לאָדזשער קאָרעספּאָנדענט י. וואַלפיש.

פון ארץ־ישראל ווידער זיינען געקומען אַרטיקלען פון ח. זעער און א. דאבקין וועגן דעם סערטיפיקאַטן־שעדיול, וואָס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע צוליב זיין נישטיקייט, אין אָנגעזיכט

פון דעם גרויסן עליה־דראַנג פון די ייִדישע מאַסן און מיט דער גוטער עקאָ־נאָמישער קאָניונקטור אין לאַנד גופא. ד. בן־גוריון האָט אין זיין אַרטיקל — „דאָס נייסטע ווערק אין ארץ־ישראל", געשריבן אין שייכות מיטן עפענען דעם פּאָרט אין תל־אביב, באַהאַנדלט די וויכטיקייט פון ים פאַרן יידישן ישוב אין לאַנד. הלל גלעדי האָט געשריבן וועגן 2 נייע ישובים „מסדה" און „עין הקורא", וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין איין טאָג. דוד פּינסקי האָט פאַר־געזעצט זיינע בריוו פון לאַנד, שילדערנדיק וויכטיקע און קלענערע פּונקטן. געווען אויך אַ בריוו פון זלמן שפירא פון נהלל א"אַנד, און א. שולמית האָט ווייטער צוגעשיקט זיינע פעליעטאָנען פון ארץ־ישראל־לעבן.

אין שייכות מיטן פאַרשטייענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט ד. בן־גוריון פאַרעפנטלעכט צוויי אַרטיקלען און א. קאַפּלאַן אַן אַרטיקל איבער דער עקאָנאָמישער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. ב. לאָקער, וואָס איז אָנגעקומען קיין פוילן צו די קאָנגרעס־וואַלן, האָט אין אַ גרויסער רעדע, וואָס איז דערשינען אונטערן קאָפּ — „אונדזער ענטפער אויף בריסק", געשילדערט די לאַגע אין ארץ־ישראל און די וויכטיקע אויפגאַבעס, וואָס די אַרבעטערשאַפט און די חלוצישע מאַסן האָבן דאָרטן צו דערפילן.

דער חודש יוני איז ווידער געווען פאַרנומען מיט אַנטי־יידישע געשעע־נישן. די וויכטיקסטע שטאָט, וואָס האָט פון זיי געליטן, איז געווען טשענסטאָ־כאָוו, וואו מ'האָט דערוואַרט אַ „צווייטן בריסק", דאָס הייסט דעם זעלבן פּאָגראָם וואָס בריסק האָט געהאַט מיט אַ חודש צוריק. פּרץ אָפּאַטשינסקי איז אַראָפּגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו און האָט פון דאָרטן גענוי געשילדערט די לאַגע דאָרטן. אין יוני זיינען אויך פאָרגעקומען פּראָצעסן אין שייכות מיט פריערדיקע אַנטיסעמיטישע געשעענישן, דערונטער אויך דער פּראָצעס פון חסר־דעה כאַסקעלעוויטש, וואָס האָט דערמאָרדעט אַ פּוילישן אונטער־אָפיצער, וואָס האָט זיך איבער אים סאַדיסטיש איזדיעקעוועט אין דער אַר־מיי. דער מאָרד האָט באַלד געבראַכט צו אַ פּאָגראָם אויף יידן אין מינסק־מאַזאָוויעצק.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער געריכט־פּראָצעס איבער כאַסקעלע־וויטשן האָט דער פּראָקוראָר געוואָלט אַריינשלעפּן אין דער זאַך „דאָס נייע וואָרט", ווי אויך אַנדערע יידישע צייטונגען, טענהנדיק, אַז זיי האָבן „אינספּי־רירט" כאַסקעלעוויטשן צו זיין אומזיניקער טאַט. געטון איז עס געוואָרן אויפן פאָלגנדיקן אופן.

פאַרן ערשטן מאַי 1936 איז אין מינסק־מאַזאָוויעצק דערמאָרדעט געוואָרן אַ חבר פון פּועלי־ציון און פון דאָרטיקן „החלוץ", ציליך. אינעם נעקראָלאָג וועגן ציליכן, וואָס האָט פון די מערדערישע אָנפאַלער באַקומען מיט אַ מע־סער אין רוקן, האָט „דאָס נייע וואָרט" געשריבן: „די מינסק־מאַזאָוויעצקער אָרגאַניזאַציע וועט דעם טויט פון איר שענסטן חבר איבערשמערצן און אים באַהאַלטן אין זכרון אויף אייביק". און ווייטער: „הייליק בלוט רוט נישט, עס וועקט און מאָנט". דער פּראָקוראָר האָט ציטירט די לעצטע ווערטער

און געשילדערט כּאַסקעלעוויטשן אַלס נקמה־נעמער, וואָס איז, הייסט עס, באַגאַנגען זיין טאַט מיט אויסגערעכנטקייט.

די צייטונג האָט דאַן אין אַן עדיטאָריעל (דורכן שרייבער פון די שורות) שאַרף רעאַגירט אויפן דורכזיכטיק־אַנטיסעמיטישן איינפאַל פון פּראָקוראָר, צו אַרומוועבן דעם אומגליקלעך־קראַנקן כּאַסקעלעוויטש מיט אַ טונקעלער שפּינוועבס פון עפּעס אַן „אינספּיראַציע" פון „דאָס נייע וואָרט", וועמענס באַרעכטיקטע ווערטער פון ווייטיק נאָכן מאָרד פון ציליכן, זיינען כלומרשט געווען „פונקען אויף פּולווער". די ווערטער „וועקט און מאָנט", — האָט די צייטונג דאַן געשריבן, — באַדייטן נאָר איין זאַך, נעמלעך, עס רופט און מאָנט צום פּראָטעסט... און נישט דערלאָזן... „אַז אַזעלכע פאַרברעכערישע טאַטן זאָלן זיך איבערחזרן און אַז אומשולדיק בלוט זאָל זיך גיסן אומבאַשטראָפט". דאָס זעלבע האָט אויך באַטאָנט כּאַסקעלעוויטשעס פּאַרטיידיקער אויפן פּראָצעס.

ב. לאָקער האָט אין יוני פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן „עליה־סטאַטיסטיק און עליה־פּאָליטיק" און וועגן דער „אומלעגאַלער עליה". אַ גרויסער אינטערוויו איז דערשינען מיט אים וועגן דעם — „וואָס דערוואַרט די אַרבעטערשאַפט פון פאַרשטייענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס".

די צייטונג האָט ווייטער פאַרגעזעצט דרוקן פיל רעפּאָרטאַזשן פון דראַהאָביטש, וואו די בירגערלעכע גרופּעס האָבן געפעלט אַלע אַרבעטער־ליסטעס צו די קהילה־וואַלן.

א. קרעמער האָט פון פּאַריז אינפאָרמירט וועגן די אומשטענדן, ביי וועלכע עס איז געפאַלן בלומס רעגירונג און ס'איז אַנטשטאַנען די נייע רעגירונג. ש. לעווענבערג האָט פון לאָנדאָן געשריבן וואָס מ'קען דערוואַרטן פון דער פּיל־קאָמיסיע. ח. ל. פוקס האָט אָפּגעדרוקט אַ קאַפּיטל פון היסטאָרישן ראָמאַן — „דער לעצטער וועג פון בר־גיורא", ש. האָראָנטשיק — נאָך דערציילונגען, פּראָפ' מ. קראָל — זכרונות וועגן גערשונין. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דערשאָסענעם גענ' טוכאַטשעווסקי (לויטן בוך פון ראָמאַן גול). מ. קיטאי האָט אין דער ליטעראַרישער זייט געשריבן וועגן 30־יאָריקן אַרטיסטישן יובל פון אברהם מארעווסקי, נ. הערמאַן (פּאַריז) — וועגן 50־יאָריקן יובל פון זלמן שניאור, ז. בזשאָסטאָוויעצקי (איצט אין ניו־יאָרק) — עטלעכע אַרטיקלען וועגן דער העברעאישער פּרעסע אין ארץ־ישראל, הענעך קאָן — וועגן מוזיקאַלישע געשעענישן אאַז"וו.

פיל אַרטיקלען זיינען דערשינען, ווי געוויינלעך, אין שייכות מיט די געשעענישן אין שפּאַניע, באַזונדערס נאָך דער אָפענער אינטערווענץ פון דער אַקס בערלין־רוים לטובת גענ' פראַנקאָ. געשריבן האָבן יאַרבלום ,ברייל־ס־פאָרד און ס'זיינען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אַרטיקלען פון וויכטיקע טוער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

די גרעסערע פינאַנציעלע אויסגאַבעס, וואָס זיינען געקומען מיטן אויסברייטערן די צייטונג, האָבן ווייטער פאַרשאַפט זאָרגן איר אָנפירונג. מ'האָט געזוכט מיטלען, ווי צו פאַרגרעסערן די הכנסות, דורך פאַרשטאַרקן די

צירקולאַציע, אַריינבאַקומען נייע און שטענדיקע אַבאָנענטן, נייע מודעות אאַז״וו. דעם 12טן מאַי איז דערשינען אַ רוף צו די „וואָרט״־קאָמיטעטן און פּרעסע־קאָמיסאַרן, אַז זונטאָג דעם 16טן דערשיינט אַ ספּעציעלער נומער „דאָס נייע וואָרט״, וואָס דאַרף „אויסגענוצט ווערן אַלס פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער צייטונג און זיין אַן אָנהייב צו אַ לאָקאַלער טיראַזש־אַקציע פאַר דער פאַרברייטערונג פון אונדזער לייענער־קרייז״. דער ספּעציעלער נומער איז דערשינען (מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ וואָך) דעם 23סטן מאַי. שפּעטער זיינען געדרוקט געוואָרן באַריכטן וועגן דער טיראַזש־אַקציע אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

דער פּלאַן פון דער פּיל־קאָמיסיע וועגן צעטיילן ארץ־ישראל

אָנפאַנג יולי, כ׳ תמוז, איז אויסגעפאַלן דער טאָפּל־טער יאָרצייט פון ד״ר הערצל און ח. נ. ביאַליק. אין שייכות מיט דעם איז דערשינען אַ פאַרגרעסערטער נומער. אויף אַ ספּעציעלער זייט איז געדרוקט געוועזן הערצלס רעדע בעת דער דערעפענונג פון 1טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין 1897, און אַן אַרטיקל פון מ. שפּירא — „כ׳ תמוז און תשעה־באב״. אויף אַ צווייטער זייט — אַ פראַגמענט פון ביאַליקס אויטאָביאָגראַפיע („מיין ערשטע יוגנט״) און מרדכי גאָלדענבערגס איבערזעצונגען פון ביאַליקס אַ קליין בריוועלע („פון גלות צו מיין ברודער אין ציון״) און פון „די לעצטע מתים״.

אין וואַרשע איז דאַן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ סעסיע פון אָנפירנדיקן ראַט פון פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז זייער געגוי באַלויכטן געוואָרן אין באַריכטן און אַרטיקלען אין דער צייטונג. ס. באבאד האָט אויך געהאַט אַן אינטערוויו מיט זשוא, לידער פון דער פראַנצייזישער פּראָפ׳ באַוועגונג און פירנדיקע פיגור אין פּראָפינטערן. עס זיינען אויך געגוי איבערגעגעבן געוואָרן די רעדעס פון מ. זינגער און י. גראַבאָווסקי, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער סעסיע, אַלס פאַרשטייער פון דער הסתדרות.

די צוויי הויפּט־ענינים אין יולי זיינען געוועזן דער באַריכט פון דער פּיל־קאָמיסיע וועגן צעטיילן ארץ־ישראל און שאַפן דאָרטן אַ יידנשטאַט און די וואַלן צום 20סטן ציוניסטישן קאָנגרעס. פון זיי האָט דער ערשטער פאַר־נומען דעם פיל גרעסערן פּלאַץ, היות דער באַריכט איז פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין אָנפאַנג חודש און האָט, ווי באַקאַנט, בכלל אָנגעהויבן מיט זיך אַ סדרה פון הייסע דיסקוסיעס צווישן די „יאָ״־ און „ניין״־זאָגער בנוגע זיין יידנשטאַט־פּלאַן. די וואַלן ווידער זיינען פאָרגעקומען סוף חודש און האָבן, ריין צייטלעך און בכלל לויט זייער שנעל פאַריבערגייענדיקער וויכ־טיקייט נישט געקענט לאַנג באַשעפטיקן די צייטונג.

די שפּאַנונג אַרום דעם באַריכט פון דער פּיל־קאָמיסיע איז געוועזן אַזוי

גרויס, אַז נאָך פּאָר זיין דערשיינען האָט „דאָס נייע וואָרט" געדרוקט אַר־טיקלען פון ח. זעער און אַנדערע שרייבער פון ארץ־ישראל, ווי אויך פון ש. לעווענבערג פון לאָנדאָן און נאָך מיטאַרבעטער איבער דעם, „וואָס מ'קאָן דערוואַרטן פון דעם פּיל־באַריכט". ווער רעדט נאָך ווען דער באַריכט איז דערשינען, — דאַן זיינען נישט בלויז אַ סך טיילן זיינע פאַרעפנטלעכט געוואָרן, נאָר ער האָט אויך אַרויסגערופן אַ פאַרפלייצונג פון אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען, פּאָלעמיק אד"גל, וואָס איז אָנגעגאַנגען דעם גאַנצן יולי און אויך שפּעטער.

פון ארץ־ישראל איז געקומען אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם, וואָס די דאָרטיקע געזעלשאַפטלעכקייט זאָגט וועגן פּיל־פּלאַן; פון לאָנדאָן איז דערציילט געוואָרן וועגן דער דעבאַטע איבערן פּלאַן אין פּאַרלאַמענט און די רעדעס פון וויכטיקע לייבאָר־פאַרשטייערס און פון ציוניסטישע פּער־זענלעכקייטן; פון פּוילן גופא זיינען געבראַכט געוואָרן די מיינונגען פון דער וואַרשעווער יידישער און נישט־יידישער פּרעסע. חוץ דעם האָט זיך שוין געגומען אויספּיקען די דיסקוסיע צווישן די „יאָ"־זאָגער און „ניין"־זאָגער, וואָס האָט שפּעטער אָנגענומען גאָר אַ גרויסן מאַסשטאַב און האָט אָנגעע־האַלטן ווייט נאָכן 20סטן קאָנגרעס.

ס'איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן פון ניו־יאָרקער „טאָג" איינער פון די לעצטע אַרטיקלען פון דעמאָלט נאָר וואָס פאַרשטאָרבענעם ד"ר קאַראַלניק — „איידער מ'זאָגט „ניין", היות ער האָט געוויסערמאָסן אָפּגעשפּיגלט די מיי־נונג, וואָס האָט געהערשט אין דער רעדאַקציע. עס האָט זיך בכלל אַרויס־געוויזן, אַז די רעדאַקציע פון „וואָרט" איז אין דער הינזיכט געשטאַנען גאָר נאָענט צו דער איבערוועגנדיקער שטימונג אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי און די נאָענט שטייענדיקע גרופּירונגען פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, וואָס זיינען אין דער מערהייט געווען פאַרן אָננעמען דעם פּיל־פּלאַן, טראָץ זיינע גרויסע חסרונות.

דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעצייגט אין די שאַרפע אַרטיקלען פון ל. שפּיזמאַן און דעם שרייבער פון די שורות. דער ערשטער האָט געשטעמפּלט דעם איינפאַל פון די רעוויזיאָניסטן צו פּראָטעסטירן קעגן דעם פּיל־פּלאַן אין אַ דעמאָנסטראַציע אונטער „שוואַרצע פענער", דעם אַרויסטריט פון געוו' הויכקאָמיסאַר הערבערט סעמיועל, וואָס האָט סיי אָפּגעוואָרפן דעם פּלאַן, סיי פאָרגעשלאָגן בכלל צו באַגרענעצן די יידישע עליה (ביידע זאַכן, אַפּנים, כדי צו מאַכן די בריטישע פּאָליטיק אין א"י נאָך מער פּראָ־אַראַביש). געווען אויך אַרטיקלען, וואָס האָבן אָנגעהויבן פּאָלעמיזירן מיט די קעגנער פון פּיל־פּלאַן אין דער באַוועגונג גופא און האָבן געוואָלט אָננעמען דעם פּלאַן, אָן קיין שום באַוואָרענישן און אויסבעסערונגען.

אין איינעם פון די נומערן זיינען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן פון לאָנ־דאָנער „דעילי העראַלד" די צוויי פּאָזיטיווע מיינונגען וועגן פּיל־פּלאַן פון בן־גוריון און דזשאָן פילבי (ראַטגעבער פון אַראַבישן קעניג איבן־סאַוד, וואָס האָט אָנגענומען אין 1930 דעם מוסולמענישן גלויבן). די לאָנדאָנער אַרבעטער־צייטונג האָט ביידע אַרטיקלען אָנגעהויבן מיט אַ קליינער כאַראַק־

טעריסטיק פון די שרייבער, און וועגן בן־גוריון זיינען געווען פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע שורות: „בן־גוריון איז די גרעסטע פערזענלעכקייט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַלעסטינע און ער ווערט איצט דער גרעסטער נאָמען — לעבן ד״ר ווייצמאַן. ער איז אַ גלענצנדיקער רעד־נער און אַ מוטיקער קעמפער״.

צו דער פאָלעמיק קעגן די קעגנער דאַרף אויך פאַררעכנט ווערן מ. ב. שטיינס „אָפענער בריוו צו דוד איינהאָרן״, וואָס איז דערשינען אין לעצטן יולי־נומער, אין שייכות מיט איינהאָרנס אַרטיקל אין דער בונדישער פרעסע קעגן דעם געפּלאַנטן יידנשטאַט.

די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס זיינען, ווי געוויינלעך, באַהאַנדלט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער ביילאַגע מיט אַ ריי אַרטיקלען. שפּעטער זיינען געווען אָפּשאַצונגען פונעם זיג פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל ביי די וואַלן סיי אין פּוילן און אין פיל אַנדערע לענדער, דער עיקר אין ארץ־ישראל. געשריבן האָבן: א. רייס, א. ביאַלאָפּאָלסקי, ל. שצופּאַקעוויטש, ה. ראָמאַ־נאָווסקי ,בערל קאַצענעלסאָן, מ. ניישטאַט, י. האַלפּערן א״אַנד.

אין יולי האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אַ נייער ראָמאַן — „אין געיעג נאָך שיינקייט״. סוף חודש האָט מען גענומען דרוקן אַפּטאָן סינקלערס „נאָ פּאַסאַראַן״ (זיי וועלן נישט דורכגיין), ווי אויך אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג פון י. פּאַדרוזשניק פון לאָנדאָן — „דער הר סיני פון נאַציזם״ (צו דער גע־שיכטע פון נירענבערג און פון יידן אין נירענבערג). ש. האַראָנטשיק, מלך ספּעקטאָר, שמואל זיידעל, מיכאל קאַפּלאַן האָבן געדרוקט, ווער איינע, ווער עטלעכע דערציילונגען. צו די רעפּאָרטאַזשן־שרייבער איז צוגעקומען יצחק פריילעך מיט זיין „שפּאַציר איבער דער אָטוואָצקער ליניע״, דערונטער אויך אַ קאַפּיטל וועגן דעם שומרישן קיבוץ „בני מדבר״ ערגעץ וואו אויף דער דאַזיקער פּאָפּולערער באַן־ליניע, לעבן וואַרשע.

אין יולי האָט זיך געענדיקט די אויבן־דערמאָנטע ביאָגראַפיע פון גענ׳ טוכאַטשעווסקי און ס׳איז איבערגעדרוקט געוואָרן אָטאָ באַוערס גרעסערער אַרטיקל — „דער משפּט איבער די רויטע גענעראַלן״.

די צייטונג איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט איר קאַמף קעגן צעיושעטן אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד. ה. קרוי איז געשיקט געוואָרן קיין טשענסטאָכאָוו און געשריבן פון דאָרטן בריוו מכוח דעם פּראָצעס וועגן די אַנטיסעמיטישע אומרוען. די צייטונג פון 22סטן יולי איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער מאַכט. היות זי איז דאָ אין דעם „ייוואָ״, וואָס האָט, אַפּנים, באַקומען די ערשטע אויפלאַגע מיטן קאָנפיסקירטן עדיטאָריעל, געשריבן, אגב, דורכן שרייבער פון די שורות, קאָן מען זיך שאַפן אַ באַגריף פאַרוואָס זי איז קאָנ־פיסקירט געוואָרן. דער פסולער אַרטיקל האָט באַהאַנדלט די „רעטעניש״ מיטן אָנפאַל אויפן פירער פון דער רעגירנדיקער סאַנאַציע, פּולק׳ קאָץ, היות אירע קעגנער פון רעכטס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פונעם אָנפאַל.

דער עדיטאָריעל ווייזט אָן, אַז די מילדע אורטיילן אין די לעצטע פּראָצעסן קעגן אָט די קעגנער, האָבן געקענט ווירקן דערמוטיקנדיק אויף די טעראָריסטן, וואָס האָבן זיך שוין ספּעציאַליזירט איבער געגנוג אין פּאָגראָם־אַרבעט קעגן יידן, און פון זיי האָט מען זיך שוין געקענט וואַרפן אויך אויף נישט־יידן.

אין די ליטעראַרישע ביילאַגעס זיינען צוו׳ אַנדערן דערשינען אין יולי: י. ב. שטיינבערגס רעדע אויפן קאָנגרעס פון די פּען־קלובן, אַרטיקלען פון: מ. ב. שטיין איבער ש. זאַראָמבס איבערזעצונג פון דוד שמעוניס (שימעונאָוויטש) „מצבה״, בערעזאָווסקיס — וועגן „יום־טוב אין דער וואָכן״ פון י. מ. ניימאַן (געשטאָרבן אין א״י), צוויי אַרטיקלען וועגן ד״ר א. קאַראַלניק, ב. פּאָמעראַנץ — איבער ח. ליבערמאַנס „שדים אין מאָסקווע״, ב. איידעלזאָן א״אַנד וועגן נ. באָמזעס דערשינענע לידער, נ. ווייניק וועגן דעם „צווייטן (פּוילישן) אורקע נאַכאַלניק (פּיאַסעצקי), מ. קאַכאַנסקיס וועגן „דער נייער געזעלשאַפט״, חודש־זשורנאַל פון פּועלי־ציון א״אַנד. ס. באַבאַד האָט געשריבן פיל וועגן פּוילישע ביכער און שרייבער.

אַ גרעסערער פראַגמענט פון יצחק למדנס פּאָעמע „מסדה״ איז דערשינען אין דער איבערזעצונג פון מרדכי יפה.

י. פּאָדרוזשניק פון לאָנדאָן האָט צוגעשיקט אַ קאָרעספּאָנדענץ „אין קאַמף קעגן די ציליגדער־יידן״ און ב. דוכאָווני האָט געשריבן שווערע איינדרוקן פון יידישן לעבן אין רומעניע א״ב „אַ יוגנט אין תכריכים״. די געשעענישן אין שפּאַניע זיינען, ווי פריער, באַלויכטן געוואָרן אין פיל אַרטיקלען, אויך איבערגעדרוקט פון סאָציאַליסטישע צייטשריפטן, ווי אויך דורך בערנאַרד לעקאַש. מ. יאַרבלום האָט געמאַכט אַ „סך־הכל פון אַ יאָר בירגער־קריג אין שפּאַניע״ און י. ב. שטיינבערג האָט (אין אָנפאַנג אויגוסט) געשריבן צוויי אַרטיקלען — „וואוהין גייט שפּאַניע״.

אין שייכות מיט דער יאָרצייט פון זשאַרעסן זיינען אויך געדרוקט געוואָרן ח. זשיטלאָווסקיס — „זשאַרעס און זיין באַגריף וועגן מאָראַל״, ווי אויך אַן אַקטועלע אָפּשאַצונג פון מ. יאַרבלום.

דער 20סטער ציוניסטישער קאָנגרעס

דעם 4טן אויגוסט האָט זיך אָנגעהויבן אין לוצערן דער 20סטער ציוניסטישער קאָנגרעס. די צייטונג איז אויף אים געווען פאַרטראָטן דורך ד״ר י. העלמאַן, נ. קאָן, י. האַלפּערן, ל. שפּיזמאַן, ה. קרוי, כ. ראַבינאָוויטש און ח. זאַלעשינסקי. צו זיי זיינען אין לוצערן גופא צוגעקומען נאָך שרייבער, וואָס האָבן גענומען שטעלונג צום פּיל־פּלאַן, וואָס האָט, אגב, צווישן זיינע 500 דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, געהאַט 40 פּראָצ׳ קעגנער (אויך אינעם אַרבעטער־פליגל. די צעטיילונג צווישן „יאָ״־ און „ניין״־זאָגער האָט נישט אויסגעמיטן קיין איין גרופּירונג פונעם קאָנגרעס).

די הייסע דעבאַטע צווישן די „ווייצמאַניאַנער" און „אוסישקיניאַנער" (ניין־זאָגער) האָט, ווי באַקאַנט, זייער שטאַרק באַשעפטיקט (און אויך פאַרצויגן) דעם קאָנגרעס.

„דאָס נייע וואָרט" האָט געהאַט זייער אַ רייכן מאַטעריאַל פונעם קאָנ־גרעס, וואָס איז אַלזייטיק באַלויכטן געוואָרן דורך אַלע דערמאָנטע שרייבער.

דער רייכער מאַטעריאַל איבערן קאַמף אַרום דעם פיל־פּלאַן האָט בכלל פאַרפילט כמעט דעם גאַנצן חודש אויגוסט, היות נאָכן קאָנגרעס זיינען נאָך געקומען אַ זיצונג פון נייעם אַקציאָנס־קאָמיטעט, אַ סעסיע פון דער יידי־שער אַגענטור, וואו דער פּלאַן איז ווידער אַרומגערעדט געוואָרן. די באַ־ריכטן פון אָט די סעסיעס און די אָפּשאַצונגען פונעם קאָנגרעס און בכלל פון דעם מצב, ווי מ'האָלט מיט דער צעטיילונגס־פראַגע, האָבן, ווי געזאָגט, זיך געצויגן לאַנג נאָכן קאָנגרעס, און אַריינגעצויגן אויך מיטאַרבעטער פון „וואָרט", וואָס זיינען אויפן קאָנגרעס נישט געווען. דער פיל־פּלאַן האָט בכלל אַרויסגערופן אַ גרויסן אָנזען און הייסע דיסקוסיעס אין יידישן פוילן, און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, באַוואויגן די רעדאַקציע פון „וואָרט" צו שענקען דער זאַך פיל פּלאַץ און אויפמערקזאַמקייט, כדי עס זאָלן קומען צום אויסדרוק אַלע מיני שאַטירונגען, וואָס זיינען דאַן געווען אויך אין די רייען פון די „יאָ"־ און „ניין"־זאָגער, וואָרעם אין זייערע אייגענע רייען זיינען געווען חלוקי־דעות וועגן דער מאָס און פאַרנעם פונעם זאָגן „יאָ", צי „ניין" צום צעטיילונגס־פּלאַן.

די ספקות, סיי פון די „ניין"־זאָגער, סיי פון די „יאָ"־זאָגער, זיינען געקומען צום בולטן אויסדרוק אין די עצם־קעפּלעך פון קאָרעספּאָנדענציעס פון קאָנגרעס. אַזוי האָט איין קעפּל פון אַ בריוו, געשריבן באַלד נאָך דער אָפּשטימונג איבערן פיל־פּלאַן, געלויטעט: „מן המצר קראתי — יאָ!" אַ צווייט קעפּל איבער אַ נאָטיץ וועגן דעם, וואָס פיל ניין־זאָגער פון דער אַרבעטער־פראַקציע האָבן דאָך געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע, האָט אָפּגע־רירט מיט דער צווייטער העלפט פון אויבן־דערמאָנטן פסוק „ענני במרחב — יאָ". די אומוואַנדלונג פון פריערדיקע ניין־זאָגער אין יאָ־זאָגער איז בכלל געווען גאָר נישט קיין זעלטענע דערשיינונג, — טאַקע צוליב דעם, ווייל איצט איז עס נישט געווען קיין מבדיל בין קודש לחול (ווי בימי אוגאַנדע), — נאָר אַ מבדיל בין קודש לקודש...

אויך אין דעם שפּעטערדיקן נאָך־קאָנגרעס־מאַטעריאַל איז געקומען צום אויסדרוק די צעטיילונג צווישן יאָ־ און ניין־זאָגעריי, וואָס האָט, ווי באַקאַנט, בכלל נישט אָפּגעלאָזן ביז דער גאַנצער פיל־פּלאַן איז בטל גע־וואָרן, שוין לויטן איינזען און באַשלוס פון דער מאַנדאַטן־מאַכט אין 1938.

בעת דער גרעסטער טייל פון דער רעדאַקציע האָט זיך געפונען אויפן קאָנגרעס, איז דער עול פון אָנפירן מיט דער צייטונג אין וואַרשע צוגעפאַלן פּרץ אפאטשינסקין, וואָס האָט געשריבן כמעט יעדן טאָג אַרטיקלען, דער עיקר, אויף פּוילישע ענינים, זייער אָפט, אונטער זיינע איניציאַלן פּ. א. אין יענע טעג האָט די צייטונג אויך געהאַט אַ שפּאָר ביסל בריוו פון דער

פּראָווינץ. ב. לייב פון לאָדזש האָט אינפאָרמירט ווי אַזוי „די נאַציס הוליען דאָרטן", און אַז עס איז דאָרטן אַנטשטאַנען אַן „אָרטעל פון יידישע קאַנאַ־ליזאַציע־אַרבעטער". י. באַאר האָט פון לעמבערג איבערגעגעבן, אַז „דער אוקראַינישער אַנטיסעמיטיזם טראָגט אַ רעליגיעזן כאַראַקטער", לויט זייער פירער, ד"ר לעוויצקי, וואָס האָט, אַפּנים, געוואָלט מיט דעם „אָפּטיילן" זיך און אויך כשרן זיך פון היטלערס ראַסן־אַנטיסעמיטיזם. א. ציִנציִנאַטוס האָט דערציילט וועגן אַ באַזוך אין פּלאָצק. ידיעות וועגן אַנטיסעמיטישע עקסצעסן זיינען, ווי געוויינלעך, אָנגעקומען כסדר, — פון ברייִנסק, סטאָק, טשעכאַנאָ־וויעץ, שצוצין, קאַליש. אין די לעצטע דריי שטעט האָט מען געוואָלט איינ־פירן אַ „געטאָ" פאַר יידישע הענדלער אויפן מאַרק, אָבער אין קאַליש האָט מען באַוויזן אָפּצושרייען די גזירה. דאַקעגן האָט קלמן צוקערמאַן אין אַ בריוו פון גאַליציע דערציילט, אַז דער „גוטמוטיקער הוצול" (איינוואוינער פון אַ ווינקל אין די קאַרפּאַטן־בערג) שטעקט זיך נישט אָן מיט אַנטיסעמיטיזם.

פון פּאַריז האָט מ. ווישניאַק געשריבן וועגן אַן אַנטיסעמיטישער ביאָגראַפיע פון לעאָן בלום און א. וועוויורקע — וועגן דער עפענונג פון יידישן פּאַוויליאָן אויף דער וועלט־אויסשטעלונג. וועגן וועלכער עס האָט אויך גע־שריבן א. קרעמער. א. ברייִלספאָרד האָט געשריבן וועגן 2 יאָר בירגער־קריג אין שפּאַניע, און אַ גאַסט־שרייבער, חיים וויינער (פון ניו־יאָרק, גע־שטאָרבן מיט אייניקע יאָר צוריק אין א"י), האָט איבערגעגעבן לענגערע רייזע־איינדרוקן פון ווין.

אין דער רעגולער־דערשינענער ליטעראַרישער זייט האָבן רובינצאַל געשריבן וועגן טענענבוימס — „ביי דער וועלט צוגאַסט" און מ. ב. שטיין וועגן די לידער פון ישראל עמיאָט, וואָס זיינען דערשינען אין נייעם פאַר־לאַג „מנורה", מ. קאַכאַנסקי האָט דערציילט וועגן אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין געוויסע פּוילישע אויסגאַבעס, אין שייכות מיטן מוטיקן אַרויסטריט פון ד"ר י. ב. שטיינבערג אויפן פּען־קאָנגרעס. דער דאָזיקער ענין איז בכלל פיל אַרומגערעדט געוואָרן אין דער צייטונג. אויך שטיינבערג אַליין האָט וועגן זיין רעדע געשריבן אין סאָציאַליסטישן „ראַבאָטניק". ב. וויניק האָט דערציילט וועגן נייע דערשיינונגען אין דער פּוילישער ליטעראַטור.

פון גרעסערע זאַכן איז געדרוקט געוואָרן אַ קאַפּיטל פון מאַניא שוחטס זכרונות אין „ספר השומר". רעפּאָרטאַזשן זיינען ווייטער געווען פון טשעמ־נאָוו, פּשעפּיורקע, ביאַלעגורע. טאָמער האָט מ. בלומענקראַנץ געדרוקט אַ רעפּאָרטאַזש — „הויף־זינגער" (כידוע, אַ פּאָפּולערע זאַך אין יידישן לעבן אין וואַרשע), איז אַ פּאָר טעג שפּעטער דערשינען אַן אַרטיקל פון פּוילישן שרייבער וולאַד. לענצקי וועגן ניי־געבאַקענע פּוילישע הויף־זינגער, אָבער גאָר נישט קיין אידילישע קבצנים, נאָר דווקא ראַסאָווע אַנטיסעמיטן, דערונ־טער אין רויטע סטודענטן־היטעלעך, וואָס זיינען גוט באַשאָנקען געוואָרן פון די איינוואוינער פון פּוילישע הויפן, וואָס האָבן גראָד פאַר אַן אמת־אָרעמער פרוי האָבן אָבער די זעלבע „רחמנים" שפּעטער קיין גראָשן נישט אַראָפּ־געוואָרפן.

נאָכן יריד

אין סעפּטעמבער האָט מען זיך גענומען פּילן ווי נאָך אַ יריד. אַוועק דער גרויסער טומל און די שפּאַנונג, וואָס האָבן גע־הערשט מיט דער אָפּשטימונג וועגן דעם צעטיילונגס־פּלאַן דורכן ציוניס־טישן קאָנגרעס. מ׳קען שוין, אַלזאָ, אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם און ווענדן זיך צו מער פּראָזאַאישע און ווייניקער אינטערעסאַנטע ענינים. אַזאַ ענין האָט זיך טאַקע באַלד אונטערגערוקט און גאָר אַ דרינגנדיקער. דאָס איז געווען די אַלט־נייע פּראַגע וועגן פאַרזיכערן דעם קיום און נישט־אונטער־געבראָכענעם המשך פון דער צייטונג.

דעם 2טן סעפּט׳ איז דערשינען אויף דער 1טער זייט אַן אויפרוף, גע־חתמעט דורך אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געשטיצט די צייטונג, אַז עס ווערן פּראָקלאַמירט 5 „צענטראַלע פּרעסע־טעג״, דעם 19טן און 22—26סטן סעפּטעמבער. אין די אויפרופן איז געוואָרן אונטערגעשטראָכן, אַז „דאָס נייע וואָרט״ איז אונדזער איינציקע יידישע טאָג־צייטונג פאַר אַלע יידישע ישובים און פאַר דער גאַנצער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט.

דערוויל זיינען אויך ווייטער געגאַנגען אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען פון דער קאָנגרעס־רעזאָלוציע איבערן צעטיילונגס־פאָרשלאַג. געשריבן האָבן אויך „זייטיקע״ און דווקא פּאָזיטיוו. אַזוי האָט יעקב לעשצינסקי פאַרעפנט־לעכט אַן אַרטיקל — „דאָס גליבן אין דער יידישער מלוכה־צוקונפט אין ארץ־ישראל״. עס איז געווני איבער׳געגעבן געוואָרן דער אַרויסטריט פון י. עפּרויקין אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אין פּאַריז, לטובת דעם פאָרשלאַג. אָנהייב חודש איז אויך דערשינען די דערקלערונג פון די 62 „ניין״־זאָגערס פון דער אַרבעטער־פראַקציע אויפן קאָנגרעס, און סוף חודש איז פון „פאָר־ווערטס״ איבערגעדרוקט געוואָרן אַן אינטערוויו מיט בן־גוריון, א״נ — „וואָס וועלן יידן קענען אויפטון מיט אַן אייגענער מלוכה אין א״י״. אַ צווייטער אינטערוויו מיט אים, אין „טאָג״, וועגן די „גרונט־אויפגאַבעס פון היינטיקן ציוניזם״ איז איבערגעדרוקט געוואָרן אָנפאַנג אָקטאָבער.

נאָך ראש־השנה זיינען דערשינען איבערזיכטן פון א״י־לעבן אין תרצ״ז, פון ח. זער, וואַלטער פּרויס (איבער דער הסתדרות), מ. אסף (די אַראַבער א״אַנד. אַ גרעסערן אַרטיקל איבער אַקטועלע ענינים פון א״י האָט געדרוקט בערל לאָקער. א. שולמית האָט, ווי געווינלעך, געדרוקט פעליעטאָנען פון א״י־לעבן און ב. דוכאָווני האָט אויף דער ליטעראַרישער זייט געשריבן וועגן ביכער, וואָס זיינען דאָרטן דערשינען.

נאָכן קאָנגרעס האָבן אין פּוילן געווילט פיל געסט פון אַמעריקע און ארץ־ישראל, און אינטערוויוען זיינען דאַן דערשינען: מיט אַלעקסאַנדער קאַהן פון „פאָרווערטס״, צוזאַמען מיט אַ גרעסערן באַריכט וועגן קבלת־פּנים וואָס פּועלי־ציון האָט אים איינגעאָרדנט; מיט דוד כהן, רעדאַקטאָר פון „במעלה״, וועגן „הנוער העובד״, באַריכט וועגן פּנחס גינגאָלדס באַזוך אין ווילנע. אַ גרעסערער אינטערוויו מיט א. דאבקין וועגן קאַמף קעגן עליה־

באַגרענעצונגען. י. מערעמינסקי האָט געדרוקט אייניקע אַרטיקלען, אויך אַן אַרטיקל פון חסיה קופערמינץ, וועגן דער תנועת הפועלות אין א״י.

דער פערסאָנאַל האָט אָבער געווידמעט זיין אויפמערקזאַמקייט אַנדערע און טרויעריקע ענינים. דער צעיושעטער אַנטיסעמיטיזם האָט נישט אָפּגעלאָזן. ידיעות וועגן אָנפאַלן אויף יידן זיינען געווען פון בידגאָשטש, קעלץ,לעמ־בערג, וואָלאָמין א״אַנד שטעט. אפילו די הויפּשטאָט וואַרשע האָט נישט אויסגעמיטן די פּלאָג, מיט דעם קליינעם שטיקל „טרייסט״, וואָס די פּאָ־גראָם־לייט און כוליגאַנעס האָבן גענומען באַפאַלן אויך דעמאָקראַטישע פּאָ־ליאַקן, רעדאַקציעס פון קעגנערישע צייטונגען אד״גל. עס האָט זיך אויך געצויגן די סדרה פון אַפּעלאַציע־פּראָצעסן איבער פשיטיק, בריסק אאַז״וו. די אַרטיקלען פונעם פערסאָנאַל האָבן, אַלזאָ, באַהאַנדלט די דאָזיקע היימישע ענינים און זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף די כלערליי פאַרהאַנדלונגען און שינויים צווישן די פּוילישע פּאַרטייען און אין פּאָליטישן לעבן אין לאַנד בכלל.

די קאָרעספּאָנדענטן פון אויסלאַנד (יאַרבלום, לעווענבערג א״אַנד) האָבן ברייט אַרומגערעדט, אין אַ נעגאַטיווער שטעלונג, די קאָמוניסטישע מאַנעוורן וועגן „איינהייט־פראָנט״. מלכה לאָקער האָט געדרוקט אַ גרעסערן אַרטיקל איבער דער וועלט־אויסשטעלונג אין פּאַריז. א. רעוואוצקי (פון ניו־יאָרק) האָט געהאַט אַרטיקלען איבער די פּאָליטישע געשעענישן אויפן ווייטן מזרח. עס זיינען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן צוויי גרעסערע אָפּהאַנדלונגען פון אָטאָ באַוער איבער מאַקס אַדלער און „די וויסנשאַפט אין ליכט פון מאַרקסיזם״.

די שטענדיקע זייט פון דער פּראָפ׳ באַוועגונג האָט איין מאָל געווידמעט פיל פּלאַץ „בריסק נאָך די געשעענישן״, אינפאָרמירנדיק וועגן דער לאַגע ביי די פליישער־אַרבעטער, בוי־אַרבעטער, לעדער־פאַראיין, האַנדלס־אָנגע־שטעלטע אאַז״וו. ש. דזשעק האָט פון בריסק געשריבן אַ קאָרעספּאָנדענץ, אַז די לאַגע דאָרטן „איז געוואָרן אומדערטרעגלעך״. געווען אויך אַרטיקלען אין שייכות מיטן „מאָביליזאַציע־חודש״ פון דער פּראָפ׳ באַוועגונג.

רעפּאָרטאַזשן זיינען, ווי פריער, געדרוקט געוואָרן זייער פיל, צוויי — וועגן דער שניט־פייערונג אין קיבוץ־גראָכאָוו און דער אויסשטעלונג פון פּרוכטן און בלומען, וואָס די חלוצים האָבן דאָרטן קולטיווירט. ש. האָראָנ־טשיק, מיכאל יאָ, מ. ב. שטיין, י. ביאַלעגורע א״אַנד האָבן געדרוקט פראַג־מענטן פון זייערע גרעסערע דערציילונגען. פון אָריגינעלע זאַכן דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן די איבערזעצונגען פונעם תימנער שרייבער י. בורלא — „צווישן אַראַבישע שבטים״ (מיין אַמאַליקער נע־ונד), יהודה שערטאָקס (ברודער פון מ. שרת) — „וואָרצלען״, פראַגמענט פון י. למדנס „מסדה״, איבערגעזעצט פון מרדכי יאָפע.

אויף דער ליטעראַרישער זייט זיינען, צווו״אַנד, דערשינען: נ. וויניקס אַרטיקלען וועגן שלמה ביקלס — „אין זיך און אַרום זיך״ און וועגן דעם יובל־בוך איבער פּרצן, י. ל. טעלערס וועגן גלאַטשטיינס „יידיש־טייטשן״. הענעך קאָן האָט געשריבן אויספירלעך וועגן קאָנצערט פון דער אַמעריקאַ־נער זינגערין עמאַ לאַזאַראָוו־שייוער. שפּעטער זיינען דערשינען נאָטיצן

וועגן טאַנץ־אָוונט פון דבורה לאַפּסאַן. צווישן די נייע שרייבער דאַרפן דער־מאָנט ווערן יאַנאַסאָוויטש (פון לאָדזש), ג. ד. זאַקליקאָווסקי. די קאָנפיסקאַ־ציעס האָבן, ווייזט אויס, אַזוי „דאַקוטשעט" די צייטונג, אַז משה מחויב האָט זיי געווידמעט אַ ספּעציעלן פעליעטאָן „די ווייסע פלעקן".

א. פּשעפּיורקע, וואָס איז, ווי שטענדיק, געווען זייער פּראָדוקטיוו, האָט, צוו״אַנד, באַהאַנדלט אַ פּאָר אַקטועלע ענינים אין אַרטיקלען, וואָס פון זיי איז כדאי צו ברענגען עטלעכע שורות. אינעם אַרטיקל וועגן „סאַבינאַ", אַ שונד־דערציילונג געדרוקט אין קליינע העפטן אין המשכים, וואָס האָט גע־האַט אַזאַ גרויסע צירקולאַציע, אַז זי האָט געגעבן אַ שטויס צו אַנדערע אַזעלכע ביליקע (אויך לויטן פּרייז) „ווערק", שרייבט ער:

„באַלד אין ערשטן קאַפּיטל איז דאָ אַ זעלבסטמאָרד, אַ פּרוואו אָפּצו־סמען, אַ פּרוואו צו פאַרגוואַלדיקן אַ יתומה — אַ צנועה, און אַזוי ווייטער... און די גאַס? די גאַס האָט עס אויפגענומען ווי אַן אבן טוב. אין הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן דרוקט זיך די „סאַבינע"... איר פאַרשטייט דעם מהלך? — 200 עקזעמפּלאַרן אַ קונסט־ווערק און 100 טויזנט „סאַבינע". דאָ הערט שוין אויף יעדע פּראַפּאָרץ. דאָ קען שוין אפילו קיין פאַרגלייך נישט גע־מאַכט ווערן". פּשעפּיורקע שליסט מיט די ווערטער: „...אין אינהאַלט, אין פּראָפּאַגאַנדע, ניבול־פּה און גראָביונגערישער עראָטיק, מעגן די אַמערי־קאַנער די שטיוול פּוצן ביי אונדזערע היימישע „ראָמאַניסטן"...

פון אַ צווייטן אַרטיקל וועגן דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע און „שמענדריקיזם":

„וויפיל צענער טויזנטער יידן און יידענעס, וועלכע רעדן אין דער היים אַ זאַפטיק מאַמע־לשון, ווי נאָר זיי קומען אין אַן עפנטלעך אָרט, ווערן זיי איך פאַר כל הון דעלמא נישט רעדן קיין יידיש, הגם די גויאישע צונג איז ביי זיי אין גלות און דאָס פּויליש רעדן קומט אַן אָפּט מיט גרינע ווערעם. צו דער אָרעמקייט פון געדאַנק קומט צו די אָרעמקייט פון שפּראַך און מאַכט זיי פּשוט קאָמיש... און וואָס איז שוין צו רעדן וועגן זייערע זין און טעכ־טער, די מאַניעקס און מאַניעס, סאַליעקס און סאַלטשעס".

כדי צו פאַרשטאַרקן דעם טיראַזש פון דער צייטונג, האָט מען אין סעפּ־טעמבער געגומען דרוקן ספּעציעלע „ווילנער" זייטן, מיט פיל ידיעות פון יידישן לעבן אין ווילנע און אַמאָל אויך פון ווילייקע, טראָק, לידע און אַנ־דערע אַרומיקע שטעטלעך. די צייטונג מיט דער ווילנער זייט פלעגט גע־שיקט ווערן אין אַ גרעסערער צאָל עקזעמפּלאַרן קיין ווילנע, און די דאָר־טיקע חברים האָבן געטון אַלץ, כדי צו פאַרשפּרייטן זי וואָס מערער און געווינען אַבאָנענטן און קויפער פאַרן „נייעם וואָרט".

אָקטאָבער איז כמעט אינגאַנצן אויסגעפּילט געוואָרן מיטן קאַמף קעגן די „געטאָ־בענק" פאַר יידישע סטודענטן אין די הויכשולן. די צייטונג האָט אָפּגעגעבן דעם ענין די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט און אַ ריי אירע נומערן זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן און גלאַנצן מיט בלויזן, וואָס זיינען באַזונדערס אָנזעעוודיק דעם 6טן, ווען עס איז קאָנפיסקירט געוואָרן סיי דער עדיטאָ־

ריעל, אַזוי אויך פיל טיילן אינעם באַריכט וועגן די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען פון סטודענטן. צווישן די באַריכטן וועגן דער פּראָטעסט־אַקציע איז שפּע־טער געווען אויך די גרויסע רעדע פון פּועלי־ציון־ראַטמאַן ב. בורשטיין אין ווילנער שטאָטראַט. דעם 19טן אָקט׳, ווען עס איז פאָרגעקומען דער אַלגע־מיין־יידישער פּראָטעסט־שטרייק אין לאַנד קעגן דער גזירה פון געטאָ־בענק פאַר די יידישע סטודענטן, איז „דאָס נייע וואָרט" דערשינען מיטן רוף פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, די ספּעציעלע רופן פון צענטראַלן פּראָפ׳ ראַט און פון צ״ק פון פּועלי־ציון, פון צענטראַל־סעקרעטאַריאַט פון ציונ׳ סאָצ׳ אַקאַדעמיקער־פאַרבאַנד און אַרטיקלען פון: א. רייס, ד״ר מ. דוואָזשעצקי, י. האַלפּערן, דעם פּוילישן שרייבער לעאָן קרוטשקאָווסקי. באַריכטן זיינען שפּעטער דערשינען פון וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק, לעמבערג, בענדין און אַנדערע שטעט.

ה. זעער האָט אין אייניקע בריוו געגעבן אינפאָרמירט וועגן באַזוך פון ה. לייוויק אין א״י און זיינע אַרויסטריטן אויף דער אויפנאַמע אין דער הסתדרות און אין אַנדערע פּלעצער. לייוויקס באַזוך און רעדעס וועגן א״י איז אויך באַרירט געוואָרן דורך נ. וויניק אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן „יידיש־לאַנד און יידן־לאַנד". שפּעטער איז אויף אַ ליטעראַרישער זייט איבערגע־געבן געוואָרן לייוויקס גרעסערע רעדע אין פּאַריז וועגן די אויפגאַבעס פון דער יידישער ליטעראַטור. ה. לייוויקס גרויסע רעדע אין פּאַריז — „וואָס איך האָב געזען אין א״י", איז געדרוקט געוואָרן אין עטלעכע נומערן און האָט אַרויסגערופן אַזאַ אינטערעס, אַז די צייטונג האָט זי אַרויסגעגעבן אין אַ ספּעציעלער בראָשור.

ל. סיגאַל האָט געדרוקט צוויי גרעסערע בריוו וועגן דער לאַגע אין אַמעריקע און אין דער דאָרטיקער אַרבעטער־באַוועגונג. ב. הינדעס האָט צו־געשיקט בריוו פון בוקאַרעשט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין רומעניע און משה קראָפּף — וועגן פּאָליטישן לעבן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. א. ש. יוריס האָט צוגעשיקט אַ גרעסערן בריוו וועגן יידישן לעבן אין אַרגענטינע.

אין דער ליטעראַרישער זייט זיינען צווי׳ אַנדערן געדרוקט געווען: י. ל. טעלערס אַרטיקל וועגן „יינגערן דור יידישע שרייבער אין אַמעריקע", נ. וויניקס אָפּהאַנדלונג פון פּוילישן בוך פון קס. פּרושינסקי וועגן דער „רויטער שפּאַניע". ס׳איז אויך געווען אַ באַריכט פון י. אָפּאַטאָשוס רעדע אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, וואו דער שרייבער האָט אָנגעוויזן, אַז ער „האָט ליב ארץ־ישראל" און אַז זי האָט די „בעסטע יוגנט".

דעם 15טן אָקט׳ האָט די צייטונג אָנגעהויבן דרוקן דעם ראָמאַן פון פּוירל באַק — „דער וועג צוריק". ח. ל. פוקס האָט געדרוקט אַ נייעם קאַפּיטל פון „דער לעצטער וועג פון שמעון בר גיורא" און י. בורלאַס איבערזעצונג „צווישן אַראַבישע שבטים" איז געדרוקט געוואָרן ווייטער אין קאַפּיטלעך.

אין שייכות מיטן קאָנגרעס פון די פּראָפ׳ פאַראיינען, וואָס איז סוף חודש אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין וואַרשע, זיינען דערשינען אַרטיקלען פון א. רייס און א. ביאַלאָפּאָלסקי וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין דער פּראָפע־

סיאָנעל־אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט און וועגן דער פּאָזיציע פון פּועלי־ציון און זייער פּראָפ׳ ראַט אין דער אַלגעמיינער פּראָפ׳ באַוועגונג.

ד״ר י. שטיינבערג האָט געהאַט גרעסערע אַרטיקלען וועגן די שוואַרצע שבטים, וואָס קרעכצן אונטער דעם יאָך פון די ווייסע אין דרום־אַפריקע און וועגן דעם וועג פון דער ענגלישער אַרבעטערשאַפט צו מאַכט. אַ פּאָלע־מישן אַרטיקל וועגן דעם שווערן מצב פון יידישן טעאַטער האָט געשריבן א. מארעוווסקי. ד״ר מ. דוואָזשעצקי האָט א״נ „מענטש, דו ביזט מיין ברו־דער!״ אָפּגעדרוקט די רעדע זיינע וועגן יידישער עטיק אויפן צוזאַמענפאָר פון יידישע דאָקטוירים אין ווילנע און דער יונגער מג״ר ש. קראַסנאָבראָדער האָט געדרוקט אַן אַרטיקל וועגן באַרימטן ייִדיש־דייטשן מאַטעמאַטיקער געאָרג קאַנטאָר. פּראָפ׳ מ. לאַזאַרסאָן, וואָס האָט עולה געווען פון לעטלאַנד קיין א״י, איז צום ערשטן מאָל דערשינען מיט זיינס אַ בריוו פון ארץ־ישראל.

דער חודש נאָוועמבער האָט געפייערט דעם 20־יאָריקן יובל פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וועגן וואָס ס׳זיינען דערשינען אַרטיקלען פון ד״ר ח. ווייצמאַן, א. רייס און ב. הערמאַן פון פּאַריז. שפּעטער זיינען צום 20סטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש אין רוסלאַנד דערשינען אַר־טיקלען פון חיים גרינבערג און י. האַלפּערן.

צו דער שטענדיקער און רעגולערער וועכנטלעכער זייט פון דער פּראָפ׳ באַוועגונג, וואָס איז, אגב, זייער לעבעדיק רעדאַקטירט געוואָרן און האָט גע־האַט זייער פיל ידיעות פון אַרבעטער־לעבן, זיינען אין נאָוועמבער צוגע־קומען איינמאָליקע זייטן פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן א״י און וועגן יוגנטטאָג פון קרן קימת, מיט אַרטיקלען פון ד. גאָטספאַרכט, יהודה מישין, ד. שיינפעלד און פערגריכט.

ב. לאָקער האָט געדרוקט אייניקע גרעסערע אַרטיקלען איבער אַקטועלע ענינים פון ארץ־ישראל און צווישן די ארץ־ישראל־שרייבער האָט י. טאַ־בענקין געשריבן וועגן משה ביילינסאָן, צום 1טן יאָרצייט פון רעד׳ פון „דבר״ און ש. שאַפּיראָ — צום 75סטן געבוירן־טאָג פון דעם אַרבעטער־טוער שלמה שילער.

אַרטיקלען און באַריכטן זיינען אויך געווען וועגן דער קאָנפערענץ פאַר קאָנסטרוקטיווער הילף, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן דורך דעם פּראָפ׳ ראַט, פּועלי־ציון און אַנדערע נאָענטע אָרגאַניזאַציעס. לואי סיגאַל האָט פון אַמעריקע צוגעשיקט אַ גרעסערע באַגריסונג צו „אונדזער פּראָפ׳ באַוועגונג אין פּוילן״. אויף דער פייערונג פון 4טן עקסיסטענץ־יאָר פון טראַנספּאָרט־פאַראיין איז אויך דערציילט געוואָרן וועגן דעם שטענדיקן קאָנטאַקט, וואָס דער פאַראיין האָט מיט דער גרופּע טרעגער־אַרבעטער, וואָס האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל, וואו זיי אַרבעטן ווייטער אַלס טרעגער אין פּאָרט פון חיפה.

אין די ליטעראַרישע זייטן זיינען, צוו״אַנד, דערשינען: ח. ווײַנערס אַרטיקל וועגן די לידער „מבית״ פון א. ברוידעס און ב. דוכאָוונים — וועגן דעם יידישן א״י־דיכטער אברהם לעוו, צום דערשיינען פון זיין זאַמלונג

— „אין דיין טיר". ס'איז אויך געדרוקט געוואָרן לעווס אַ ליד און ה. רובינזאָן האָט געדרוקט אַ יידישע איבערזעצונג פון לידער פון הלל בבלי און פון ש. שלום. אַ ספּעציעלע זייט איז דערשינען צום 10טן יאָרצייט פון ח. ד. נאָמבערג, מיט נאָמבערגס אַן איבערגעדרוקטן אַרטיקל און אַרטיקלען וועגן אים פון מ. ב. שטיין א"אַנד.

די לעצטע נומערן פון דער צייטונג ריידן זייער פיל וועגן דער גרויסער „ארץ־ישראל־קאָנפערענץ", וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אין אָקטאָבער, מיטן אָנטייל פון די שלוחים: י. בן־צבי ,י. שפּרינצאַק און הרב מאיר בער־לין. דעם 23סטן נאָוו' איז א"ב „דער ישוב האָט אויסגעהאַלטן אַ גרויסן עקזאַמען" געבראַכט געוואָרן די רעדע פון בן־צבי אויף דער דאָזיקער קאָנ־פערענץ, וואָס איז בכלל געווען אָרגאַניזירט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, פאַר געבן אַ געהעריקע הילף דעם יידישן אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל, צו וועלכן עס זיינען דאָ מיט האָפענונג און בענקשאַפט געווען געווענדט די אויגן פון שווער־געפּלאָגטן פוילישן יידנטום.

די מאַטעריעלע לאַגע פון דער צייטונג איז ווייטער געווען אַ שווערע. די לאַגע איז געוואָרן באַזונדערס דראָענדיק אין מיטן אָקטאָבער. דעם 12טן אָקט' האָט א. רייס אין אַן עדיטאָריעל אָנגעוויזן, אַז „דער איצטיקער צו־שטאַנד קאָן און טאָר ווייטער נישט בלייבן. עס דראָט מיט סכנה פאַר דער צייטונג... מיר מוזן די צייטונג ראַטעווען".

אויף מאָרגן איז דער עדיטאָריעל־קאָלום פּשוט איבערגענומען געוואָרן דורך דער אַדמיניסטראַציע פון „וואָרט", וואָס האָט אַלאַרמירט וועגן דער געפערלעכער לאַגע און אויפגעפאָדערט די אָרגאַניזאַציעס און אַגענטן אָפּ־צושיקן די חובות וואָס שנעלער, ווארעם אויב נישט, קאָן זיין צו שפּעט. אַ פּאָר טעג נאָך דעם האָט א. פּשעפּיורקע געווידמעט זיין פעליעטאָן צו „אַ שמועס מיטן לעזער". שפּעטער זיינען כסדר געדרוקט געוואָרן אַפּילן און רופן פון דער אַדמיניסטראַציע. אַ געוויסע ווירקונג האָט עס געהאַט, אָבער נישט אַזאַ גרויסע, אַז די קאַטאַסטראָפע פון שליסן דעם איינציקן יידישן טאָג־אָרגאַן פון דער צ"ס־באַוועגונג זאָל אויסגעמיטן ווערן. די צייטונג האָט נישט דערצויגן אַפילו ביזן סוף חודש און האָט זיך אָפּגעשטעלט דעם 24סטן נאָוועמבער.

„פאָלקסוואָרט"

„פאָלקסוואָרט" איז געווען דער נאָמען פונעם דריטן, אַזוי צו זאָגן, גלגול פון אַלטן „וואָרט". די דאָזיקע צייטונג האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַ צוויי חדשים פאַרן 2טן וועלטקריג. צו יענער צייט איז, אַדאַנק די גרויסע באַמיאונגען, דער עיקר, פון ד"ר י. העלמאַן, גע־לונגען איינצושאַפן זיך אויך אַן אייגענע דרוקעריי, אַזוי אַז די נייע טאָג־צייטונג איז שוין טעכניש געווען אַלזייטיק אויסגעשטאַט. די רעדאַקציע און די דרוקעריי האָבן זיך אַריינגעקליבן אין אַ לאָקאַל אויף נאַלעווקיס, קעגנ־

איבער דעם „מאָמענט". די צייטונג גופא איז דערשינען אין אַ „טאַבלאָיד"־פאָרעם און איז לכתחילה באַשטימט געווען אַלס אַ נאָכמיטאָג־אויסגאַבע.

רעדאַקטאָר פון „פאָלקסוואָרט" איז ווידער געווען ד"ר י. העלמאַן, סעקרעטאַר — וו. ראַמאַנאָווסקי. ווייטער איז געבליבן כמעט דער זעלבער פערסאָנאַל אין דער רעדאַקציע וואָס אין „נייעם וואָרט", מיטן אויסנאַם פון ד"ר י. האַלפערן און ח. זאַלעשינסקי, וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

די צייטונג האָט אָבער נישט געהאַט קיין תקומה, צוליבן אויסגעבראָכענעם 2טן וועלטקריג. ערב דעם קריג איז ד"ר העלמאַן און אַ ריי אַנדערע מיטאַרבעטערס אָפּגעפאָרן פון פוילן צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעווע. צוריקגעקומען זיינען אַלע, חוץ העלמאַנען, וואָס איז פאַרבליבן אין אויסלאַנד.

דער טאָג פון 1טן סעפטעמבער, ווען וואַרשע איז באָמבאַרדירט געוואָרן דורך די דייטשע עראָפּלאַנען, איז געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון, דווקא אין שייכות מיטן „פאָלקסוואָרט".

דעם 1טן סעפטעמבער אין דער פרי בין איך אויפגעוועקט געוואָרן דורכן קנאַל פון האַרמאַטן־שיסעריי. דאָס האָבן, ווייזט אויס, פוילישע אַנטי־לופט־קאַנאָנען געשאָסן אויף די עראָפּלאַנען וואָס האָבן באָמבאַרדירט וואַרשע. דער קנאַל פון די האַרמאַטן איז מיר געווען באַקאַנט נאָך פון מיין יוגנט, ווייל בעתן 1טן וועלטקריג פלעגט מיין געבורטשטאָט, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון פראָנט, גאַנץ אָפּט באָמבאַרדירט ווערן סיי פון דייטשע עראָפּלאַנען, סיי פון צעפּעלינען, וואָס די רוסן האָבן געפּרואווט פאַרטרייבן מיט זייער אַנטי־לופט־אַרטילעריע. די כאַראַקטעריסטישע שאָסן פון אירע קאַנאָנען זיינען נאָך פון דאַן פאַרבליבן אין מיין זכרון.

דאָס נאַצי־לאַנד איז, ווי באַקאַנט, באַפאַלן פוילן אומגעריכט. דער איבערגעשראָקענער עולם אין וואַרשע האָט נישט געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר. אין דער פרי, ווען איך בין, נאָכן הערן די באַקאַנטע קנאַלן, אַריין צו מיינע באַלעבאַטים און אָנגעשטעלט זייער ראַדיאָ אויף בערלין, האָב איך באַלד דערהערט היטלערס הייזעריק קול. „דער פירער" האָט דאַן געהאַלטן אין מיטן זיין באַרימטער קריגס־רעדע אין רייכסטאַג. דער צעשראָקענער עולם אַרום מיר האָט נישט געוואָלט גלייבן מיינע ווערטער, אַז ס'איז קריג און אַז דער „פירער" רעדט שוין אָפן וועגן דעם.

כ'בין גלייך אַוועק אין דער רעדאַקציע. אויך דאָרטן האָט מען נאָך גאָר נישט געוואוסט. מ'האָט, אָבער, צווישן די מיטאַרבעטערס און אויך די זעצערס דערפילט, אַז עס קומט עפּעס פאָר אומהיימלעכס, בפרט אַז פון „רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט" האָט מען טעלעפאָנירט, מ'זאָל זיך אָפּהאַלטן מיט אַרויסלאָזן די צייטונג (וואָס איז, ווי געזאָגט, דערשינען, אַלס נאָכמיטאָג־צייטונג), היות מ'וועט פון דאָרטן באַלד צושיקן אַ דערקלערונג פון דער רעגירונג.

די דערקלערונג איז געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער מאַניפעסט פון דער רעגירונג אין שייכות מיט היטלערס היגטערליסטיקן אָנפאַל אויף

פוילן, מיט וועלכער ער האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַ „נייטראַליטעט־אָפּ־מאַך” און וועלכער ער האָט געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז ער וועט זי, חלילה, נישט אַטאַקירן.

בעת די שפּעטערדיקע באָמבאַרדירונגען פון וואַרשע דורך די היטלע־ריסטישע עראָפּלאַנען האָבן זיי זיך, ווי באַקאַנט, קאָנצענטרירט אַ פּאָר מאָל אויפן ראַיאָן פון נאַלעווקעס און די אַרומיקע געדיכט באַוואוינטע יידישע גאַסן. מיר שיינט, אַז דאַן איז אויך אַריינגעפאַלן אַ באָמבע אין הויף, וואו ס'האָט זיך געפונען די רעדאַקציע און זעצעריי פון „פאָלקסוואָרט”. יעדן פאַל, נאָך דער באָמבאַרדירונג, ווען עס איז שוין געשלאָסן געוואָרן דער שטילשטאַנד און די דייטשן האָבן אָקופּירט וואַרשע, איז דעם מחבר פון די שורות געלונגען צו מאַכן אַ שטיקל שפּאַציר פון לעשנע, וואו ער האָט גע־וואוינט, ביז סוף נאַלעווקי. ער האָט דאַן געפּרואווט אויך אַריינגיין אין הויף, וואו דאָס „פאָלקסוואָרט” האָט זיך געפונען. דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך, ווייל דער טויער פון הויף איז בעת דער באָמבאַרדירונג איינ־געפאַלן און ס'איז געווען אוממעגלעך אַריבערצוקריכן איבער די חורבות אין צווייטן הויף אַריין, וואו די רעדאַקציע און דרוקעריי פון „פאָלקסוואָרט” האָבן זיך געפונען...

זוכצעטל פון נעמען

אַדלער, מ., 63, 113
אָופּהאַוזער, א., 69, 102
אַחי יוסף, 84־85
אידעלסאָן, י. (בר־יהודה), 9
איזראַילעוויטש, נ., 30
אייגעס, י., 9, 36
איידעלזאָן, 109
אייזענבערג, ז., 7
אייזענבערג, י., 68, 86
איינהאָרן, א., 7, 21
איינהאָרן, ד., 108
אלמוגי, י., 45
אַלמי, א., 64
אַנקריון, א., 96
אָסטראָווסקי, ג., 77
אָסף, מ., 66, 68, 112
אָפּאַטאָשו, י., 97, 106, 115
אָפּאָטשינסקי, פּ. (פּ. א.), 94, 104, 110
אַראָנאָוויטש, י., 101
אַראָנזאָן, י., 27, 31, 62
אַרלאָזאָראָוו, ח., 36, 46, 53, 54, 55, 62־66, 94
אַרצי, א., 33, 60, 71, 73, 78, 91
אַש, ש., 32
אָשיעצקי, ק., 98

באַאַר, י., 111
באַוער, אָ., 79, 108, 113
באַבאַד, מ., 27, 31, 83, 94, 102, 106, 119
באַבעל, י., 62
באַסאָק, מ., 27, 40, 48, 52, 59, 60, 68, 69, 72, 80, 86
באָסקי (גאָטעסמאַן), 94
באָק, פּ., 115
באָראָכאָוו, ב., 19, 37, 76
באַראַנטשוק, א., 30, 67, 78
באַראַץ, י., 57, 74, 97
באַראַש, ד., 76, 86
באָרוכאָוויטש, מ. (באָרוויטש), 31
באָרנשטיין, מ. ב. (שטיין, א וואַנדלער), 28, 60־62, 87, 93, 100, 107, 110, 112, 117
באָרסקי, י., 20, 101
באַרצישעווסקי, ה., 67
באַשעוויס, י., 98
בוים, ק., 44, 85
בוימאַן, ב., 47
בוסעל, 36
בוקסבוים, נ., 37, 38, 41
בורלא, א., 78, 113, 115
בורשטין, א., 73, 78
בורשטין, ב. (בן־דוב), 21, 30, 71, 115
בזשאָסטאָוועצקי, ז. (ברושי), 105
ביאַלאָפּאָלסקי, א., 15, 16, 27, 33, 41, 59, 78, 96, 98, 100, 103, 107, 110, 115
ביאַליק, ח. נ., 62, 73, 106
ביאַלעגורע, י., 96, 99, 102, 110, 112
ביקל, ש., 113
ביר, מ., 19
ביסטריצקי, נ., 77, 84
בלום, ל., 69, 81, 91, 101, 111
בלומענקראַנץ, ב., 111
בנארי, נ., 27, 80, 83, 84, 85, 86, 90
בן־גוריון, ד., 9, 26, 32, 46, 54־57, 60־67, 74, 76, 82, 85, 104, 107־108, 111
בן־מנחם, 23, 84
בן־צבי, י., 37, 46, 76, 117
בעלקאָ, א., 30, 78
בענדערסקי, פּ. (בן־דורי), 16, 55, 59
בעקער, א., 45
בערגמאַן, א., 17, 36
בערגער, ה. (ה. ב.), 16, 52, 57, 67, 68. 70, 86, 89, 91, 94
בערדיטשעווסקי, א., 16, 45
בערלין, מ. הרב, 53, 117
בערמאַן, א., 30

בערמאַן, מ. ד״ר, 30
בערקאָוויטש, א., 33
בערקאָוויטש, י. ד., 67, 76, 78
בערקעלהאַמער, א., 36
בר־אדון, 62
בראַנינסקי, י., 16, 45
בראָדעצקי, מ., 74, 77
בראַון, ז., 73
בראַסלאַווסקי, מ., 67, 77, 80, 81
ברודני, א., 8
ברוידע, א., 34
ברוידעס, א., 116
ברוינטאַל, י., 69, 77, 99
ברינמאַן, י., 69, 94, 97
בריילספאַרד, א., 105, 111
ברעגמאַן, אל., 9, 30, 77
ברענער, י., 76, 84

גאָטהעלף, י., 27, 62, 84, 86
גאָטליב, י., 38
גאָטליב מ., 79
גאָטספאַרכט, י., 69, 115
גאָלדבערג, נ. 21, 78
גאָלדבערג, ח., 30
גאָלדין, א., 78
גאָלדענבערג, מ., 68, 106
גאָלדעלמאַן, ש., 61
גאָרדאָן, א. ד., 36, 98
גאָרדאָן, מ., 9, 35
גאָרעליק, ש., 79
גול, ר., 105
גוטמאַן, ש., 31
גורין, מ., 99, 102
גורעוויטש, י., 102
גורפיין, ר., 83
גינגאָלד, פ., 102
גלאַווינסקי, ח., 32
גלאַטשטיין, י., 113
גלאַסמאַן, 33
גלעדי, מ., 104
געוו. רעוויזיאָניסט, 57
געוועלבער, א., 45
געלבער, מ., 95
גפני, ח., 94
גראַבאָווסקי, מ. (ארגוב), 75, 106
גראָדזיענסקי, א., 21, 27, 30, 52, 71, 73

גראָדע, ח., 102
גראַוויצקי, א., 8
גראָוויצקי, י., 7, 9
גראַיעק, ש. (סטעפאַן), 23
גראַנאַטשטיין, פ., 12
גראַנאַך, א., 83
גראָס, א., 20
גראָסמאַן, מ., 63
גראָספעלד, א., 21, 30, 78
גרוזענבערג, א., 85
גרינבוים, י., 13, 35, 36
גרינבוים, י. (מאָלער), 102
גרינבוים (חברה), 31
גרינבלאָט, נ., 101
גרינבערג, ח., 8, 95, 103, 116
גרינפעלד, י., 9
גרשוני, ג., 105

דאָבקין, א., 46, 103, 112
דאָבראָניעצקי, א., 32
דאָבעקירער, י., 32
דובנאָוו, ש., 108
דובדבני, ד., 79
דוכאָווני, ב. (מיכלי), 102, 109, 112, 116
דויטש, י., 85
דוואָזשעצקי, מ. ד״ר, 30, 102, 114, 116
דרעקסלער, ש., 71

האַלטער, מ. (ח׳ מרדכי), 28, 54, 55, 68, 74, 91, 96, 102
האַלפּערן, י., 15, 16, 27, 29, 31, 93, 96, 98, 101, 102, 109, 114, 116, 117
האַלפּערן, פ., 99
האָלענדער, י., 99
האַנדעלסמאַן, ד., 84
האַראָנטשיק, ש., 97, 100, 102, 105, 108, 113
הינדעס, ב., 114
העלמאַן, י. (מאנסוועט), 27, 28, 47, 94, 96, 100, 101, 103, 109, 116, 118
העלער, א., 35
הערמאַן, נ., 96, 98, 116
העניג, ה., 17, 37, 68, 78, 99
הערצבערג, ש., 31
הערצל, ט., 106

וואַכמאַן, י., 68
וואַלפּיש, מ., 71, 101, 103
וואַלף, פּ., 83
וואַנדערוועלדע, ע., 46, 67, 82
וואַסערמאַן, י., 79
וואַקס, א., 38
וואַקסמאַן, 36
וואַרשאַוויאַק, י., 67, 79
וואַרשניטער, מ., 38
וואַשטשינא, י., 45
וואַשיץ, 63
וויסאָצקי, י. ד״ר, 30
ווישניאַק, מ., 101, 111
וויינגאַרטען, י., 70, 79
וויניק, ב., 38, 69, 77, 97, 109, 110,
113, 115
ווינער, א., 17, 92
ווינער, ח., 111, 115
וויסבוים, ש., 54
וויסענבערג, א., 102
וויצמאַן, ח., 59, 77, 105, 116
וועוויורקע, א., 111
וועלנער, א., 31, 37

זאַבאַרסקי, א., 9
זאַכאַריאַש, ש., 38
זאַלעשינסקי, ח. (יערי), 28, 78, 94, 96,
98, 101, 109, 117
זאקין, ח., 30
זאַקליקאָווסקי, גד, 114
זאַראַמב, ש., 18, 60, 109
זאַשטשענקאַ, 70
זילבערבאַרד, י., 38
זילבערמאַן, ד., 29, 32, 94, 98
זילבערמאַן, מ., 32
זילבערשטיין, א., 36
זינגער, י., 67, 98
זינגער, מ., 69, 106
זעלענפּרוינד, א., 31
זיידעל, ש., 108
זרובבל, 38, 39, 41
זשאַבאָטינסקי, ז., 12, 16, 53, 63
זשאַרעס, זש., 109
זשוכאָוויצקי, א., 40
זשיטאָמירסקי, א., 71, 77

זשיטלאָווסקי, ח., 109
זשעלאָנקאַ, 77

חבס, ב., 57, 62
חושי, א., 34
חיות, א., 15
חיימאָוויטש, מ., 31
חפץ, י., 8, 21, 52, 71.

טאַבענקין, י., 67, 76, 77, 80, 116
טאצא, מ., 36
טאַרטאַקאָווער, א., 30, 35, 36, 59, 68
טוטשינסקי, מ., 75
טוימאַן, פּ., 29, 77
טוניס, א., 35
טיגער, י., 17, 21
טיקולסקי, י., 29
טעלער, י., 113, 115
טענענבוים, י., 111
טענענבוים-טאַמאַראָף, מ., 35, 115
טראַצקי, ל., 97
טרומפּעלדאָר, י., 84
טשעמנאָוו, מ., 95, 110
טשעסלער, 58, 76
טשערטאָק, מ. (שרת), 71
טשערטאַק, י., 113
טשערנאָוו, וו., 67, 68, 85, 97, 98, 99
טשערניכאָוו, י., 61

יאָ, מ., 100, 112
יאָרשזאָן (איטשעלע), 21
יאַמין, 29
יאַפּע, ל., 47
יאַפּע, מ., 108, 113
יאַרבלום, מ., 38, 55, 59, 66, 67, 68,
95, 98, 105, 110, 113
יאַנאַסאָוויטש, א., 97, 114
יוריס, א., 38, 46, 58, 71, 76, 115
יערי, מ., 80
ישראלי, י., 21

כהן, ד., 112
כ״ץ, ל., 28, 30, 61, 78, 103
כאַסקעלעוויטש, 104, 105
כאַראַק, ע., 71, 75
כאַשין, אל., 37, 78

כמעלניק, מ. (מוסין), 21, 30, 57, 68, 71, 80, 96

לאָופער, ש., 31, 101
לאַזאַראָוו־שייוועער, ע., 113
לאַזאַרסאָן, מ., 88, 116
לאַנדוי, א., 78
לאָקער, ב., 36, 58, 70, 79, 80, 88, 101, 102, 103, 104, 112, 116
לאָקער, מ., 88, 113
לאַפּסאָן, ד., 114
לאַצקי־בערטאָלדי, א., 72
לוביאַניקער, א. (לבון), 35, 45
לובעטקין, צ., 46
לובראַני, אל., 70
ליבערמאַן, צ., 11
ליווער, ש., 85
ליכטשיין, מ., 43
לייב, ש., 111
לייבל, ד., 38
לייוויק, ה., 114
לייכטער, אָ., 79
למדן, י., 108, 113
לעוו, א., 116, 117
לעוו, י., 29, 37, 39, 99, 111
לעווי, י., 36
לעווין, י., 30
לעווין, ל., 21, 37, 78
לעווין, פּ., 77
לעווינסאָן, א., 8, 10, 30, 36
לעווינסקי, י.־ט., 55
לעווענבערג, ש., 27, 77, 88, 93, 94, 96, 105, 107, 113
לעכטמאַן, א., 9
לעניך, וול., 19
לענצקי, וו., 111
לעקאש, ב., 98, 109
לערער, י., 28, 94
לערער, ל., 73
לעשצינסקי, י., 78, 96, 99, 103, 112

מאַדאַנעס, א., 96
מאָלער, ר., 38
מאַלץ, א., 30
מאַלקין, ד. ב., 14, 15
מאַנגער, א., 59, 65, 67, 68, 75, 79
מאַצקין, ל., 64, 72
מאָרגענשטערן, י. (שחר), 18, 23, 99, 102
מאַרעווסקי, א., 101, 105, 115
מאַרקין, מ., 79
מאַרקעוויטש, א., 30
מחויב, מ., 100, 114
מילער, מ., 101
מונדלאַק, ד., 14
מונטשיק, א., 8
מייעראָוויטש, מ., 31
מילער, ש., 102
מינקאָווסקי, י., 16
מירסקי, נ. (תמיר), 84
מנשה, 9
מעזשיבאָווסקי, מ., 72, 86
מענטשינסקי, א., 59
מערעמינסקי, י. (מירום), 8, 9, 11, 61, 113

נאָכאַלניק, א., 109
נאָמבערג, ח. ד., 117
נוראָק, מ. הרב, 63
ניימאַן, י. מ., 109
ניישטאַט, מ. (מ. נ.; ש. רימאַלט, ש. ר.), 17, 26, 47, 52, 54, 61, 66, 68, 72, 74, 76, 83, 92, 94
ניעדזשאַלקאָווסקי, מ., 20, 97
ניסלאָוויצקי, מ., 52
נירענבערגער, מ., 101
נעמיראָווסקי, מ. (נאָמיר), 66
נפתלי, פּ., 76, 84

סאָבעל, מ., 101
סאַטין, י., 98
סאָלניק, א., 38
סאַנדלער, ש., 83
סאַק, י., 23, 31
סאָקאָלאָוו, נ., 82
סטאָליאַרסקי, י., 29, 38, 91
סטאָלין, י., 19, 98
סטאַצקי, פּ., 102
סטרוג, א., 19, 77, 88
סיגאַל, ל., 63, 70, 88, 96, 116
סיטנער, י., 30
סירקין, נ., 4, 6, 84

סבעוועגעלס, וו., 81, 88
סלושני, י., 38
סעמיועל, ה., 12, 107
סערייסקי, פ., 32, 99
ספעקטאָר, מ., 107

עברא, 86
עבר הדני, 55
עממא, 87
עמיאַט, י., 111
ענטין, י., 74
עסטרייכער, ל., 66
עפענדי, עזיז, 61, 96
עפרויקין, י., 112
עריק, מ., 38
ערליך, ה., 29
ערענרייך, ה., 77

פּאָדרוזשניק, מ., 77, 78, 86, 88, 90, 108
פּאָזנאַנסקי, י., 30
פּאָליאַקאָוו (אַוגור), 91
פּאָליושקאָ, א., 16, 22
פּאנטאל, ב., 30
פּאָסטאַן, י., 10
פּאַפּיערניקאָוו, י., 69, 76, 98
פּאָרטוגאַלאָוו, 8
פּטאַשקין, א. (אַפּין), 31, 66, 67, 79, 102
פּיאַסעצקי, ב., 109
פּילסודסקי, י., 19, 24
פּינסקי, ד., 95, 100, 102, 104
פּינסקי, ה., 92
פּינטשוק, א., 30
פּיעקאַטש, פּ., 70
פּיר, י., 30
פּלאָטניצקאָ, פּ., 46
פּעטערזייל, י., 38
פּעטשעניק, י., 15, 16, 71
פּאַנטאל, ב., 30
פּעקער, מ. ד״ר, 32, 61, 99
פּערל, נ., 29
פּערלמאַן, ד., 29
פּראָוואַלסקי, א., 26
פּרויס, וו., 70, 112
פּרוכניק, א., 60
פּרושינסקי, ק., 69, 115
פּשעדעטש, מ., 38

פּשעפּיורקע, א., 97, 102, 110, 114, 116, 117
פונט, י., 45, 47, 60, 61, 74, 82, 83
פוקס, א., 101
פוקס, ח., 105, 115
פיינמאַן, ח., 13, 66
פייערטאג, י., 31
פיאַלקאָוו, א., 86
פיכמאַן, י., 54
פישעלזאָן (ברידער), 32
פילבי, דזש., 107
פלאַקסער, פ., 29
פלידערבוים, י., 30
פערסטער, מ. ד״ר, 30, 31, 71
פרומקין, ה., 76, 87
פרידמאַן, פ., 94, 101
פרייליך, מ. 107
פרענקעל, ד., 78

צוקער, א., 73
צוקערמאַן, ב., 26, 46, 66, 67, 72, 77, 103
צוקערמאַן, י. (אַנטעק), 35
צוקערמאַן, מ., 71
צוקערמאַן, ק., 110
צוקערשטיין, י, 71, 99
ציבוליא, א., 75
ציטרינאָווסקי, מ., 38
צינצינאַטוס, א., 94, 96, 99, 111
ציליך, א., 104, 105

קאַגאַן, י. ד״ר, 21, 78
קאַגאַנאָוויטש, מ., 58
קאָוטסקי, ק., 19, 78
קאָוס, ג., 101
קאָזלאָווסקי, א., 28, 77, 94
קאָזלאָווסקי, פ. (סאַפּיר), 46
קאָזעל, 19
קאָזשוך, י., 30
קאָזשעבראָדזקאָ, ל., 46
קאָזשעבראָדזקי, ד., 96
קאָטיק, 99, 108
קאָכאַנסקי, מ., 27, 31, 94, 101, 109, 111
קאָלטון, י., 14
קאָלמאַן, א., 30

קאַן, ה., 105
קאַנטאָר, ג., 116
קאַנטאָראָוויטש, נ. (נ. קאַן, נ. ק.; ח. א;
איקס, א־ס), 9, 13, 15, 26־29, 52,
55, 58, 65־69, 72, 76, 77, 82, 89,
91, 94, 107, 109, 118
קאַנינסקי, י., 21, 22, 31
קאַניעווסקי, י., 76
קאַסטאָף, מ., 51, 92
קאַסטרינסקי, מ., 76, 96
קאַפּלאַן, אל., 8, 10, 98, 104
קאַפּלאַן, מ., 108
קאַפּלאַנסקי, ש., 9, 46, 71
קאַפּעלאָוויץ, ח., 71
קאַץ, ש., 33
קאַצענעלסאָן, ב., 9, 46, 58, 76, 78, 84,
87, 103, 107
קאַצענעלסאָן, י., 59, 61, 65, 66, 69, 100
קאַראַלניק, י., 107, 109
קאַרדאַש, א., 28, 94, 103
קאַרן, י., 96
קונצעוויטש, מ., 61
קופּערמינץ, ח., 113
קוואַפּינסקי, א., 19
קיטאַי, מ., 28, 94, 105
קירשענבוים, מ., 33
קלאָטניצקאַ, ב., 21, 22, 71
קליינמאַן, א., 9
קליינמאַן, מ., 82
קלעי, ד., 8
קענער, מ., 37, 40, 41
קראָל, מ., 105
קראַסנאָבראָדער, ש., 116
קרוטשקאָווסקי, ל., 115
קרוי, ה. (קהל), 26, 27, 52, 60, 65, 68,
69, 77, 89, 95, 109
קרוק, י., 31
קרייזמאַן, א., 16
קרעמער, א., 98, 105

ראַבינאָוויטש, כ., 23, 31, 72, 76, 86,
100, 101, 109
ראַדונסקי, ד., 35
ראַווינאַ, ת., 72
ראָזנשטיין, צ. (אבן־שושן), 9, 15, 20,
45, 85, 89
ראָזען, י., 38
ראָזענבוים, י., 84
ראָזענבוים, מ., 71
ראָזענטאַל, ב., 84, 89
ראָזענפעלד, מ., 38
רחל, 60
ראַטענוי, וו., 60
ראַמאַנאָווסקי, וו. (איכניט, רימון), 23,
27, 30, 96, 102, 108, 117
ראַסקין, ש., 98
ראַפּאַלקעס, נ. (ניר), 38
ראַפּאַפּאָרט, י., 29
ראַשיש, פּ., 46, 101
רובאַשאָוו, ז. (שזר), 26, 27, 38, 46, 52,
58, 59, 60, 61, 63, 93
רובין, י. (רבקאי), 84
רובינזאָן, ח., 72
רובינצאַל, א. 101, 110
רובינשטיין, ל., 11
רודניצקי, א. 9
רוס, א., 67, 78
ריטאָוו, י., 9, 15, 20, 45, 59, 60, 61,
68, 74, 75
רייס א., 26, 30, 47, 52, 60, 76, 77, 88,
92, 98, 100, 103, 108, 115, 116
רינגעלבלום, ע., 22, 38, 41
רינה, מ., 71
ריס, א., 8
רישמאַן, נ., 29, 73, 78
רמז, ד., 63
רעוואוצקי, א., 113
רעזניטשענקאָ, א. (ארז), 62
רעזניק, מ., 78

שאלמאַן, י., 33
שאַפּירא, ד., 104, 106
שאַפּירא, ש., 116
שוחט, מ., 111
שולמית, א., 102, 104, 112
שומסקי, י., 20, 97
שורער, ח. (זעער), 58, 62, 74, 96, 97,
102, 103, 107, 112, 115
שוסטער, א. 77
שוואַלבע, נ., 9
שוואַרץ, ק., 98
שוואַרצבאַרד, ידידיה, 80

שוואַרצבאַרד, יצחק, 63
שטאַמפּער, א., 54
שטייך, א., 33
שטייך, ר., 21, 77, 97
שטיינבערג, י., 64, 76, 107, 109, 111, 116
שטיינהאַרד (ברידער), 42
שטיינוואַקס, פּ., 33, 96
שטיינמעץ, י., 99
שטשופּאַקעוויטש, מ., 23, 77, 99, 102, 108
שטערן, י., 64, 65, 73, 75, 88
שילער, ש., 116
שימעל, מ., 102
שיפּער, י., 13, 38, 39
שיפּליאַקאָוו, א., 88
שיינבוים, א., 67, 86, 92
שיינמאַן, א., 78
שיינפעלד, ד., 116
שלאָסבערג, י., 99
שלום עליכם, 75
שלום, ש., 117
שמואלי, י., 56
שמעונאָוויטש, ד., 52, 109
שמעדלער, ל., 41
שניאור, ז., 105
שניאורסאָן, פּ., 77
שניידערמאַן, ט., 45
שניידערמאַן, ש., 69
שניצלער, א., 100
שנער, א., 31
שפּיגעלמאַן, א., 61, 74
שפּיזמאַן, ל. (שפּיז), 26, 27, 34, 38, 52, 57, 61, 67, 78, 89, 93, 107
שפּירא, מ., 106
שפּרינצאַק, י., 55, 63, 100, 117
שפר, ר., 70, 89

תושב, א., 76 79
תרשיש, י., 86

זוכצעטל פון ערטער

אוקראַינע, 7, 8, 11, 12, 15, 85, 111
אָטוואָצק, 40, 108
איטאַליע, 55, 58, 64
אַלעקסאַנדער, 40, 88
אַמעריקע, 9, 52, 64, 66, 70, 77, 88, 92, 96, 99, 112
אַמשינאָוו, 29, 30
אַנגאָלע, 90
אָסטראָוויעץ, 40
אָסטראָלענקע, 58, 68
אַרגענטינע, 77, 96
ארץ־ישראל, 5, 7, 9, 11, 12, 13, 15, 21, 49, 55, 59, 69, 71, 72, 77, 84, 89, 91, 101 און ווייטער

באַראַנאָוויטש, 21, 30, 43, 71, 78, 81, 87, 90
בוקאַרעשט, 97, 99
בזשעזין, 39
ביאַלאַ ראַווסקאַ, 30
ביאַליסטאָק, 12, 13, 21, 23, 30, 32, 45, 71, 81, 84, 115
בידגאָשטש, 113
בירא־בידזשאַן, 67, 90, 91
בעלגיע, 9, 92, 100, 101
בענדין, 11, 33, 45, 82, 88, 96, 102, 115
בערלין, 50
בריינסק, 111
בריטיש גוויאַנע, 97
בריסק, 13, 22, 25, 30, 40, 81, 84, 103, 104, 113
גאַליציע, 36, 37, 39, 45, 58, 75, 77, 80, 92, 93, 97, 102, 111
גראָדזיסק, 83
גראַיעווע, 86
גראָכאָוו, 60, 69, 113
גראָדנע, 11, 30, 32, 78, 81, 99
דאָמבּראָווע, 81, 90

דאַנציק, 32, 36, 58
דגניה, 6
דייטשלאַנד, 9, 54, 55, 61, 64, 65, 69, 71, 84, 89, 99, 108

האַנצעוויטש, 81
הרוביעשאָוו, 22, 37

וואָלאָמין, 113
וואָלין, 81, 87
וואַרקע, 96
וואַרשע, 7, 12, 13, 23, 27, 28, 30, 31, 32, 38, 41, 43, 46, 47, 53־50, 64, 75, 96, 99, 100, 111, 118־114
ווייסרוסלאַנד, 7, 8, 12
ווילנע, 8, 12, 23־21, 30, 32, 36, 43, 45, 71, 77, 80, 81, 89, 98, 99, 102, 103, 111, 114, 115
ווילעיקע, 114
ווין, 7, 10, 13, 37, 53, 64, 65, 85, 111
וויעלון, 40
ווישעגראַד, 40
ווישקאָוו, 40
וולאָדאַווע, 86
וולאָצלאַוועק, 32, 38, 40, 70
ווענגראָוו, 40

זאַמאָשטש, 18, 32
זאַראַמב, 38
זבאָנשין, 47
זדאָלבונאָוו, 11
זשעלעכאָוו, 58
זשענעוו, 29, 41

טראָק, 114
טשיזשעוו, 96, 103
טשעכאַנאָוו, 95
טשעכאַנאָוויעץ, 96, 111
טשעכאָסלאָוואַקיע, 9, 59, 69, 85
טשענסטאָכאָוו, 25, 104, 108

יוגאָסלאַוויע, 65

כאַרקאָוו, 9
כמעלניק, 40
כעלם, 37, 39, 40

לאָדזש, 11, 17, 21, 26, 33, 39־37, 43, 71, 87, 94, 96, 99, 102, 103, 111
לאָמזשע, 11, 30, 58, 68, 99
לאָנדאָן, 10, 11, 12, 66, 88, 96, 107
לובלין, 33, 38, 58, 71, 80, 102, 112
לודוויקאָווע, 81
לודמיר, 90
לונינע̈ץ, 86
לוצערן, 109
לוצק, 84
לידע, 81, 114
ליטע, 7, 8, 79
לעטלאַנד, 58, 59, 60, 70, 77, 88, 94, 97, 100, 109, 112
לעמבערג, 12, 17, 38, 102, 111, 113, 115
לענטשיץ, 40

מאָגעלניץ, 31
מאַדאַגאַסקאַר, 97
מאַלקאָוויץ, 81
מינסק, 8, 9, 12
מינסק מאַזאָוועצקי, 104
מלאַווע, 33, 82, 88, 96

נאָוואָגרודעק, 78
נירענבערג, 108
נייסאַנץ, 40, 75

סאָסנאָוויץ, 39, 40
סאָקאָלאָוו פּאָדלאַסקי, 12
סוויסלאָטש, 81
סולעיעווע, 88
סופּראַסל, 56
סטאָק, 111
סטאַשעוו, 40
סטערדין, 96
סלאָוואוטע, 11
סלאָנים, 30, 32, 72, 78, 81

עלזאַס־לאָטרינגען, 100
עסטלאַנד, 58, 97
עסטרייך, 9, 59, 66

פּאַריז, 65, 68, 88, 98, 104, 111, 112, 113, 115
פּולטוסק, 39
פּיאַסקי לובעלסקיע, 86
פּינסק, 7, 9, 12, 13, 18, 30, 56, 71, 81, 86

פיעטריקאָוו, 30
פלאָצק, 30, 102, 111
פעטראָגראַד (לענינגראַד), 8
פראָג, 10, 59
פראָסקוראָוו, 11
פשיטיק, 25, 29, 103, 113
פראַנקרייך, 59, 66, 69, 98, 111

קאָלאָמיי, 40
קאַלושין, 39
קאַליש, 38, 40, 111
קאָרעץ, 11
קלאָסאָווע, 34, 60, 68, 81, 87
קעלץ, 23, 40, 43, 80, 113
קראָקע, 9, 11, 17, 20, 37, 38, 39, 69, 71, 75, 77, 88

ראַדאָם, 11, 38, 40, 64, 80, 88
ראַדאָמסק, 96
ראַווא מאַזאָוויעצקאַ, 30
ראָוונע, 11, 30, 81, 90, 102
רומעניע, 11, 59, 97, 109
רוסלאַנד, 6, 7, 9, 11, 13, 39, 66, 95, 97, 109
ריגע, 27, 28, 100
ריפין, 30

שווייץ, 64
שטויבץ, 81
שטשוטשין, 111
שניאַדאָווע, 99
שעדלעץ, 38, 88
שפּאַניע, 57, 66, 99, 109, 111, 115

דער אַרטיקל „די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן" איז אַן אָפּדרוק פונעם יאָרבוך א׳, פון דער וועלט־פעדעראַציע פון פוילישע יידן, ניו־יאָרק, 1964.

דער אַרטיקל „דאָס וואָרט" איז אַן אָפּדרוק פונעם זאַמלבוך „פון נאָענטן עבר", נר. 3, אַרויסגעגעבן דורכן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. ניו־יאָרק, 1957.